STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02275

MOSKVE-TSOFN-POLYUS-MOSKVE

Y. Moskovsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מאָשקאָווסקי

מאָסקווע־צאָפנ־פּאָליוס־מאָסקווע

נאָטיצנ פונ א פּילאָט

★

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1938

Printed in Soviet Union

צוגעגרייט צום דרוק — ב. פּאָדאָראָלסקי

יידיש — ה. מייזעל

אדיע, מאָסקווע!

געדולד — א טוגנט פונ א פאָליאר־פאָרשער. גאָלאָווינס סטארט.
מיר פארלאָזנ מאָסקווע. די ערשטע אראָפּנידערונג.

22 מארט.

מיר פליִענ. אונדזער עסקאדרע האָט זיכ אָפּגעריסנ פונ דער ערד אונ פליט צו ארכאנגעלסק. די גרויסע פאָליארע עקספעדיציע האָט זיכ אָנגעהויבנ.

איכ געפינ זיכ אינ דער שטורמאנ־קאבינע פונעמ עראָפּלאנ „פססר נ—169“. דאָ איז ליכטיק, אָבער ניט געמיטלעכ. מיר פליִענ גאָר נידעריק, צײטנװײַז ניט העכער פונ הונדערט מעטער איבער דער ערד. די גאנצע צײַט שלײַדערט שטארק. די פאָריקע נאכט האָב איכ ניט פארמאכט מיט קײנ אויג, אונ איצט װילט זיכ שטארק שלאָפנ.

איכ סטארע זיכ בײַקומענ די שלעפעריקײַט אונ איכ נעמ ארויס א העפט מיט א בלייפעדער...

„געדולד איז די גרעסטע טוגנט פונ א פאָליאר־פאָרשער“, פלעגט זאָגנ פריטיאָפ נאנסענ. דעמ ערשטנ קורס פונ אָט דער פאָליארער װיסנשאפט — פונ געדולד — איז אונדז אויסגעקומענ צו דערלערנענ נאָכ אינ מאָסקװע.

דעמ אָפּפלי האָט מענ אָפּגעלייגט פונ טאָג אפ טאָג. שנײ, רעגנ, װאָלקנס, װאָס פלעגנ זיכ אראָפּלאָזנ סאמע ביז דער ערד, האָבנ ניט געלאָזט ארויספליִענ.

ענדלעכ זײַנענ די מעטעאָראָלאָגנ נעכטנ אינ אָװנט נאָכ לאנגע שטרײַטנ געקומענ צומ אויספיר:

— מאָרגנ הארפ מענ ארויספליִענ. אויב מע זאָל דורכלאָזנ אָט דעמ טאָג, וועט מענ מעגלעכ זיכ ווידער מוזנ פארהאלטנ אפ אנ אומבאשטימטער צײַט.

מיר האָט מענ אָנגעקלונגענ פונ „גלאווסעוומאָרפּוט“ אונ פאָרגעלייגט גרייטנ זיכ צומ ארויספלי.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איכ זיכ געזעגנט נאָכ אנ אייצע צו אַנאטאָלי דימיטריִעוויטש אלעקסייעוונ, אנ ענציקלאָפּעדיש געבידעטנ פּאָליאר=פליִער.

— ווי האלט איר, אנאטאָלי דימיטריִעוויטש, וואָס פארא זאכנ דארפ מענ מיטנעמענ מיט זיכ אפנ פּאָליוס?

ער האָט געענטפערט קורצ:

— דעריקער, פארגעסט ניט ברעזענטענע הענטשקעס אפ צו קניקלענ פעסלעכ בענזינ...

די לעצטע וואָכ פלעג איכ זיכ ארײַנכאפּנ אהיימ בלויז אפ א ווײַלע. ס'איז בא מיר ניט געבליבנ קיינ איינ פרײַע מינוט א טראכט צו טאָנ וועגנ פערזענלעכער אויסשטאטונג. אגעוו, א סאכ דײַגע וועגנ דעמ איז ניט אויסגעקומענ. פונ „גלאווסעוומאָרפּוט“ האָט מענ צוגעשיקט א פולנ קאָמפּלעקט פוטערנע זאכנ, אונ מײַנ אופגאבע איז געווענ בלויז צו זענ, אז דאָס אלצ זאָל פארנעמענ וואָס ווייניקער אָרט.

מײַנ צימער האָט אנ אויסזענ, ווי א קליידער=סקלאד בײַם א רעוויזיע. איכ פּאַק זיכ אינ אײַלעניש אונ באמי זיכ ניט צו נעמענ מיט זיכ קיינ איבעריקע זאכנ. כ'זאָל נאָר ניט פארגעסנ די „לייקע“ אונ א פּאָר איבעריקע קאסעטעס! ווי עס זאָל ניט זײַנ — א צווייט מאָל אפנ צאָפנ=פּאָליוס וועל איכ שוינ אזוי גיכ ניט זײַנ!

פונ אונטנ דערטראָגט זיכ דער פײַפ פונ אנ אווטאָמאָביל=סירענע. שוינ צײַט... איכ טו א קוש דעמ שלאָפנדיקנ זונ. ווענ וועל איכ עס ווידער זענ מײַנ יִונגעלע?

די מאשינ פונ דער פארוואלטונג פונ דער פּאָליאר=אוויאציע פירט מיכ אונ מײַנ ווײַב איבער די פוסטע גאסנ פונ דער באנאכטיקער מאָסקווע... גאָרקי=גאס... אפ די ראָגנ שטייענ איינזאמע מיליציאָנערנ, קאָרטשענדיק זיכ פונ שטעכיקנ מארטישנ ווינט... לענינגראדער שאָסיי...

פונקט פינפ אזייגער אינדערפרי פאָרנ מיר צו צו דעמ העל=בא=



פארנ סטארט אפנ צענטראלנ אעראָדראָמ אינ מאָסקווע.

ליכטענעמ ביניענ פונ דער קאָמענדאנטור פונ דעמ צענטראלנ אעראָדראָמ. אהער האָבנ זיכ שוינ איינע נאָכ די אנדערע גענומענ צונויפאָרנ די אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע. איכ זע די שיפּ=קאָמאנדירנ: וואָדאָפּיאנאָוונ, מאָלאָקאָוונ, אלעקסייעוונ, מאזורוקנ, גאָלאָווינענ, דעמ שעפ פונ דער פּאָליאר=אוויאציע שעוועליאָוונ, דעמ הויפּט=שטורמאנ מאיאָר ספּירינ, דעמ סינאָפּטיקער פונ דער עקספּעדיציע דזערדזיעווסקינ. א ביסל אָנ א זײַט שטייענ פּאפּאנינ, קרענקעל, שירשאָוו, פּיאָדאָראָוו — דאָס ווונדערבארע פירלינג, וואָס פאָרט „באזעצנ" דעמ צאָפנ=פּאָליוס.

אָט קומט שוינ ענדלעכ צו פאָרנ אויכ אָטאָ יוליעוויטש שמידט.

מיר גייענ צו צו די אעראָפּלאנענ, וועלכע זײַנענ באלויכטנ מיט העלע שטראלנ פונ די פּראָזשעקטאָרס. א גאנצע נאכט ביז אונדזער קומענ האָט דאָ געקאָכט די ארבעט. די שטרענגע אינזשעניערנ באטראכטנ צומ לעצטנ מאָל די מאָטאָרנ, די מעכאניקער אונ מאָטאָריסטנ פּאָמפּענ אָנ אינ די אעראָפּלאנענ דעמ ריינסטנ אוויאציע=בענזינ אונ מאשינ=אייל, מע קאָנטראָלירט דורכ די אָנלאָדונג פונ די אעראָפּלאנענ. אונ אָט שטייענ שוינ גרייט צומ סטארט די פירמאָטאָריקע גיגאנטישע פייגל, וואָס אפ זייערע פליגל דארפנ מיר עס אריבערפליענ פונ דער רויטער הויפּט=שטאָט מאָסקווע אפנ שפּיצ פונ דעמ ערדקײַלעכ.

די פּאַרטאָגיקע פינצטערניש צערינט ביסלעכווײַז. ברודיקע כמאַרעס האָבנ אײַנגעהילט דעמ גאַנצנ הימל. דער ווינט ווערט שטאַרקער.

אָנ א זײַט פונ אונדזערע שיפנ האָט זיכ צעשפּרייט גאָלאָווינס אעראָפּלאַנ „פּססר נ—166". דאָס איז א מאַשינ מיט צוויי מאָטאָרנ, וואָס פּילט אויס אינ אונדזער עקספּעדיציע די פונקציעס פונ א לופט=אויסשפּירער. פּאַוועל גאָלאָווינ סטאַרטעוועט פריִער פונ אונדז. ער קלעטערט אַרופּ אפ דעמ פליגל, אַנ אומגעלומפּערטער, ווי א בער, אינ זײַנע פוטערנע בגדימ, אונ זעצט זיכ אַרײַנ אינ זײַנ אָפענער קאַבינע. דעמ אעראָפּלאַנ רינגלענ אַרומ פּאָטאָגראַפנ אונ קאָרעספּאָנדענטנ.

9 אזייגער מיט 30 מינוט הייבט זיכ גאָלאָווינ אופ אינדערלופטנ, מאַכט א קרײַז איבערנ אעראָדראָמ אונ לייגט זיכ אפנ קורס...

דער וועטער טויג בעפּיירעש ניט צומ פליִענ. גאָלאָווינס מאַשינ איז שוינ פונ לאַנג פאַרשווונדנ הינטערנ האָריזאָנט, עמ זײַנענ שוינ פאַריענדיקט די לעצטע צוגרייטונגענ צומ סטאַרט פונ דער עסקאַדרע, אָבער מיר ווייסנ נאָכ אַלצ ניט, צי מיר וועלנ הײַנט אַרויספליִענ.

דזערדזיעווסקי קוקט דורכ די לעצטע מעטעאָראָלאָגישע ביולעטענענ. אינ דער לופט הייבט זיכ אופ א פּילאָט=באַלאָנ. אָטאָ יוליעוויטש באַראַט זיכ מיט די מעטעאָראָלאָגנ.

די לאַגע ווערט נאָכ קאָמפּליצירטער צוליב דעמ, וואָס דער פרילינג האָט זיכ האַיאָר אָנגעהויבנ אומגעריכט פרי, די אעראָדראָמענ זײַנענ צעווייקט געוואָרנ, אונ אונדזערע שווערע מאַשינעס קאָנענ שוינ איצינד ניט אופהייבנ זיכ אפ ליזשעס. הײַנט באַנאַכט האָט מענ דעריבער אומגעביטנ די ליזשעס אפ רעדער, אַרויסגייענדיק דערפונ, וואָס אַנ וועג צומ צאָפנ וועט מענ אפ איינעמ פונ די אעראָדראָמענ, ווו עס וועט זײַנ מער שניי, איבעראַנײַמ קענענ אָנטאָנ ליזשעס. אונ ווער ווייסט, וואָס פאַרא סורפּריז עס גרייט אונדז דער וועטער, אויב מיר וועלנ זיכ פאַרהאַלטנ אינ מאָסקווע נאָכ עטלעכע טעג!

אָטאָ יוליעוויטש נעמט אָנ א באַשלוס:

— מיר פליִענ!..

דאָס הודזשענ פונ זעכצנ מאָטאָרנ צערײַסט די שטילקײַט פונ אעראָדראָמ. מיר צעזעגענענ זיכ מיט די קרובימ, מיט די נאָענטע, מיט די פרײַנט אינ כאַווייריִמ. פּאַפּאַנינ קושט זיכ צערטלעכ מיט זײַנ ווײַב

און מיטנ פאָטער. קרענקעל, פיאָדאָראָוו און שירשאָוו נעמענ אויכ ארומ זייערע פרויענ. מיר האָבנ בעדייע אומקערנ זיכ אינ מאָסקווע אינ א צוויי־דריי כאדאָשימ ארומ. אָבער דער רומפולער פירלינג צעזעגנט זיכ מיטנ קאָנטינענט ניט ווייניקער, ווי אפ א יאָר.

נאָכ אָטאָ יוליעוויטשנ, וואָדאָפיאנאָווג, מאָלאָקאָווג און פאפאנינענ שרייבנ מיר אונטער די געזעגענונגס־ווענדונג צו די לייענער פונ דער „פראוודא“.

„די דאָזיקע שורעס שרייבנ מיר אפנ אעראָדראָמ. אינ עטלעכע מינוט ארומ פארלאָזנ מיר מאָסקווע, לאָזנדיק זיכ אינ א ווייטנ און שווערנ וועג. אָבער מיר צעשיידנ זיכ ניט אפ לאנג. מיר זיינענ זיכער, מיר זיינענ טיפ איבערצייגט, אז אינגיכנ, האָבנדיק אויסגעפילט די בעקאָוועדיקע אופגאבע פונ דער פארטיי און פונ דער רעגירונג, וועלנ מיר זיכ ווידער זענ מיט אייכ. און אונדזער טייערע מאָסקווע וועט אונדז באגעגענענ פונקט אזוי היימ און פריינטלעכ, ווי זאָרגפעלטיק און פול מיט ליבע זי באגלייט אונדז צומ פלי.

זייט ניט אומרויִק פאר אונדז—ווי שווער עס זאָל ניט זיינ די אופגאבע, וועלנ מיר זי אויספילנ מיט קאָוועד. ווייל „סטאלינס ווילנ איז מיט אונדז, סטאלינס וואָרט איז צווישנ אונדז“.

אדיע! צומ נאָענטנ ווידערזעענ!“

דאָס איז אלצ... מיר לאָזנ זיכ אלע גיינ צו אונדזערע ערטער.

איכ קלעטער ארופ איבערנ טראפ אינעמ „בויכ“ פונ דער שיפ. דער ליוק פארהאקט זיכ. דער קאָמאנדיר פונ דעמ אעראָפלאנ „פסטר נ—169“ איליא מאזורוק גייט צו צומ שטורוואל. דורכ דער פארגלאָזטער וואנט פונ דער שטורמאנ־קאבינע זע איכ, ווי דער סטארטער הייבט אופ זיינ ווייסע פאָנ, און דער פלאגמאנ „פסטר נ—170“, פילאָטירט דורכ וואָדאָפיאנאָווג, רייסט זיכ אָפ פונ דער ערד.

איכ פארצייכנ די צייט—12 אזייגער 23 מינוט. ניט שוינ זשע איז שוינ אריבער דריי שאָ, זינט עס איז אוועקגעפלויגנ גאָלאָווינ?

איצט קומט אָנ אונדזער ריי. מיר רייסנ זיכ אָפ נאָרמאל. קימאט גלייכצייטיק מיט אונדז הייבט זיכ אופ מאָלאָקאָווס מאשינ „פסטר נ—171“, ווו עס געפינט זיכ אָטאָ יוליעוויטש שמידט, דער שעפ פונ

דער עקספעדיציע. שוינ פונ דער לופט זעענ מיר, ווי דער לעצטער לויפט איבערנ אערא־דראָמ אלעקסייעווס „פססר נ—172“.

...מיר גייענ אינ א קילאָמעטער=ריי מיט פארהעלטניסמעסיק גלײַכע אינטערוואלנ צווישנ די מאשינעס. די מערהײַט פילאָטנ פונ דער פאָליאר=אוויאציע האָבנ זיך, ארבעטנדיק אפנ צאָפנ, צוגעוווינט צו גיינ אײַנציקווײַז, אונ אציינד אינ גאנג, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אינ פלי, קומט אויס זיך „איבערצוקוואליפיצירנ“. עס וואָלט געווענ אנ אוולע ניט אָנצוווײַזנ, אז דאָס ווערט דורכגעפירט מיט דערפאָלג.

די באדינגונגענ פאר פליִענ אינ א ריי זײַנענ ניט גאָר קיינ גינסטיקע: גידעריקע וואָלקנס, א שלעכטע זעעוודיקײַט, ערטערווײַז גייענ מיר דורך שניי אונ נעפל. אפנ גאנצנ וועג איז א שארפער העפטיקער ווינט, עס טרייסלט. פונדעסטוועגנ האלטנ די שיפנ גוט זייער ריי, אונ די גאנצע עסקאדרע אינגאנצנ געגומענ היט אָפ פינקטלעך דעמ מארשרוט, וואָס אונדזער הויפט=שטורמאנ האָט אָנגעצייכנט אפ דער קארטיז. מיר גייענ גלײַך, ווי אפ א פאָדעמ. א פלאג=שטורמאנ האָבנ מיר א: אויסגעצייכנטנ—איוואנ טימאָפייעוויטש ספירינ! ס׳וואָלט געווענ שווער צו געפינענ א מער פאסיקנ מענטשנ פאר דער קאָמפליצירטער אונ פאראנטוואָרטלעכער ראָליע פונ דעמ באגלייטער פונ אונדזער עסקאדרע.

ביז וואָלאָגדע איז געווענ פארהעלטניסמעסיק גרינג צו פליִענ, כאָטש צוליב דער נידעריקער וואָלקנדיקײַט האָבנ מיר זיך געמוזט האלטנ אפ א הייך פונ 150—300 מעטער.

14 אזייגער מיט 27 מינוט פליִענ מיר איבער וואָלאָגדע. מיר לאָזנ זי איבער פונ רעכטס.

הינטער וואָלאָגדע ווערט די וואָלקנדיקײַט נאָך גרעסער. מיט מאטערניש פאָרסירנ מיר די דורכויסיקע נעפלענ אונ שנייענ. מיר פליִענ אונטער א דאך פונ וואָלקנס, זיך אראָפלאָזנדיק ביז 100 מעטער איבער דער ערד. מאָמענטנווײַז באווײַזנ זיך סימאָנימ פונ פארײַזיקונג. אנ אײַז=הײַטל פארציט די שויבנ פונ דער קאבינע. אָבער דער אײַנ פארשווינדט פונקט אזוי שנעל, ווי ער באווײַזט זיך.

...מיר פליִענ שוינ קימאט פינפ שאָ. לויט מײַנע אויסרעכענונגענ דארפ שוינ אינגיכנ זײַנ ארכאנגעלסק. דער וועטער ווערט עטוואָס בעסער, די וואָלקנס גייענ אוועק אינ דער הייך, אונ מיר קאָנענ זיך אופהייבנ ביז 500 מעטער.

אזוי איז עס טאקע—אט שלענגלט זיכ צווישנ די וועלדער די שנייסטענגע פונ דער צאפנ=דווינע! דא ענדערנ מיר דעם קורס אונ מיר נעמענ זיכ רעכטס פונ דעם טײַכ, דערווײַטערנדיק זיכ גלײַכצײַטיק פונ דער הויפט=שטאט פונ דער צאפנ=געגנט. שוינ אינ פלי איז פעסטגעשטעלט געווארנ, אז דער ארכאנגעלסקער אעראדראם איז צעקראכנ געווארנ אונ קאנ ניט אופנעמענ אונדזערע שווערע שיפנ. פליענ מיר צו כאלמאגארי, ווו מיר דארפנ אראפנידערנ.

17 אזייגער מיט 30 מינוט. אט איז שוינ כאלמאגארי! אנ גרויס מי געפינענ מיר דעם אעראדראם, וואס איז אינ אײַלעניש אײַנגעארדנט געווארנ אפ די כאלמאגארער לאנקעס.

עס ברענענ שײַטערס, א געדיכטער רויכ שפרייט זיכ איבער דער ערד אונ גיט אונדז די מעגלעכקײַט צו באשטימענ די קראפט אונ די ריכטונג פונעמ ווינט. פונ דער לופט זעענ מיר שוינ גאלאווינס „פסכר ג—166“, וואס האט שוינ אראפגענידערט, אונ עמעצנס אנ „או—2“, וואס זעט אויס גאר א פיצינקער לעבנ גאלאווינס מאשינ.

דער ערשטער נידערט אראפ אונדזער פלאגמאנ.

אופמערקזאמ שפיר איכ נאכ דעמ, ווי ׳עס זעצט זיכ וואדאפיאנאוו. אט האט ער בארירט די ערד מיט די רעדער אונ לויפט, אופהייבנדיק א וואלקנ שניי. אפגעשטעלט זיכ.

אלצ אינ ארדענונג!

נאכ וואדאפיאנאווז זעצנ מיר זיכ. מאזורוק מאכט קלענער דעמ גאז... א וויראזש... אט איז די ׳ערד.

דער ערשטער עטאפ פונ אונדזער רײַזע איז פארענדיקט.

אינ לאָמאָנאָסאָווס הײמלאנד

די פּאפּאנינצעס באַ דער ארבעט. דאָס לעצטע מאָל באמ פאריקמאַ-כער. דער פּריליגנ שטעלט שטעקנס אינ די רעדער. דער קורס אפּ נאריאנ-מאר.

23 מארט.

באגעגנט האָט מענ אונדז זייער הארציק. די כאָלמאָגאָרער קאָלווירטניקעס האָבנ זיכ דערוווסט, אז עס פליט עפּעס א גרויסע לופט-עקספּעדיציע אינ דער שפּיצ מיט שמידטנ, דעמ העלד פונ דער טשעליוסקינער עפּאָפּייע. זיי האָבנ ערגעצ געקראָגנ א רויט שטיק צייג אינ זײנע געקומענ אפּנ אעראָדראָם מיט א גרויסנ רויטנ פּלאקאט. אפּ אימ איז אָנגעשריבנ:

„א גרוס שמידטנ אונ וואָדאָפּיאנאָוונ!"

געגעכטיקט האָבנ מיר הינטער ארכאנגעלסק, אינ דער דאטשע פונ דעמ געגנט-אויספּירקאָם. אינ די ווארעמע געמיטלעכע צימערנ פונ דעמ פארשנייטנ הויז איז געוואָרנ מיטאמאָל טומלדיק אונ לעבעדיק.

אופגערעגטע, טיילנ מיר זיכ מיט די אײנדרוקנ פונ דעמ פלי. דער וועג פונ מאָסקווע ביז כאָלמאָגאָרי איז דער ערשטער ערנסטער עקזאמענ אי פאר דעמ מאטעריעלנ טייל אי פארנ עקיפּאזש פונ די פיר שיפנ.

אָטאָ יוליעוויטש איז צופרידנ אי מיטנ סטארט, אי מיטנ פלי, אי מיט דער אראָפּנידערונג. ער איז אײנגעהאלטנ אינ זײנע ארויסזאָגונגענ, אָבער אָנ אלצ איז צו זענ—ער איז זיכער, אז דער קאָלעקטיוו פונ דער עקספּעדיציע וועט אויספּילנ די אופגאבע, וואָס מ'האָט

פאר אים געשטעלט. אָטאָ יוליעוויטשעס זיכערקייט גיט זיך איבער אונדז אלעמען און דאָס הייבט נאָך מער אויף די אלגעמיינע שטימונג.

...היינט אינדערפרי איז פון מאָסקווע אָנגעקומען א וואַגאָן מיט דער אויסשטאַטונג פאר פאפאַנינס ווינטער=סטאַנציע. אין מאָסקווע פארן סטארט איז אנטשטאַנען א געפאר, אז די ביז גאָר אָנגעלאָדענע אעראָפלאַנען וועלן זיך ניט קאָנען אָפרייסן פון דער ערד. האָט מען באשלאָסן א טייל פון דעם פראכט אָפשיקן קיין ארכאַנגעלסק מיט דער באַן. דעם גאנצן הייטיקן טאָג זיינען פאפאַנין, קרענקעל, שירשאָוו און פיאָדאָראָוו געווען באשעפטיקט מיט אופזוכן דעם וואַגאָן, באַקומען די פראכטן און אריבערפירן זיי אפ לאַסט=אווטאָמאָבילן פון וואָקזאַל קיין כאָלמאָגאָרי. די ענערגיע און די אומדערמידלעכקייט פון אָט דעם פירלינג איז פּאָשעט צו באַוואונדערן!

יאנעוו, האָבן ניט ווייניק ארבעט אויך די עקיפּאַזשן פון די אעראָפלאַנען. מע דארף אריבערשטעלן די מאַשינעס פון רעדער אפ ליזשעס, מע דארף דורכקאָנטראָלירן די ארבעט פון די מאָטאָרן, פון דער מאָטאָר=אויסשטאַטונג און פון די אפּאַראַטן צו דערוואַרעמען און אוועקלאָזן די מאָטאָרן.

וואָס איז שייער מיר פערזענלעך, בין איך פארהעלטנישמעסיק פריי, ביז עס וועט אָנקומען די פּאַראַשוטן=אויסשטאַטונג, און נאָך דער האַווענישׁ פון די לעצטע טעג אין מאָסקווע קווייק איך זיך מיטן צושטאַנד פון רו, פון וועלכן איך בין שוין אָפגעווינט.

מיט שפאַנונג לייען איך „אייערע פליגלען”. אן אויסגעצייכנטער בוך! ער האָט קאָשער פארדינט די גוטע אָפרופן. און אייניקע אייצעס, וואָס אסען דזשאָרדזשאַנאָוו גיט, וואָלטן געמעגט פארגעדענקען ניט נאָר די פליער די אָנפאַנגער, נאָר אויך אונדזערע דערפאַרענע פארדינסטפולע מייסטערס פון אוויאַציע.

אין אָוונט פאָרן מיר מיטן פארטרעטער פונעם עקספּעדיציע=שעף מארק איוואַנאָוויטש שעוועליאָוו, מיט ספּירינען און מיט דעם ראַדיסט איוואַנאָוו קיין ארכאַנגעלסק, ווו מיר גאָלן זיך, עפּשער צום לעצטן מאָל ביזן צוריקקומען פון צאָפן=פּאָליוס, אין אן עמעסער פּאַריקמאַכערסקע.

ארכאַנגעלסק—דאָס איז נאָך קאָנטינענט. מיט מאָסקווע זיינען מיר נאָך דאָ פארבינדן אי מיט א באַן=ליניע אי מיט די טעלעפאָן=און טע=

לעגראַפ־דראַטן. אהער קומען אַן יעדן טאָג צענטראַלע צײַטונגען. אין קינאָ־טעאַטערן גייען די זעלבע בילדער, ווי אין מאָסקווע. דער ארכאַנ־געלסקער דראַמאַטישער טעאַטער שטעלט, זאָגט מען, גאָר ניט שלעכט די קלאַסישע ווערק פון טאָלסטאָי, גאָרקי און אָסטראָווסקי.

...צו האַלבער נאַכט זײַנען אַלע ווידער אַף דער דאַטשע. עס פעלן בלויז די פּאַפּאַנינצעס, וועלכע זײַנען אוועקגעפאָרן מיט זייער באַנאַזש קיין כאָלמאָגאָרי. דאָרטן וועלן זיי, ווײַזט אויס, בלײַבן נעכטיקן.

דער טאָג ענדיקט זיך מיט א שלאַכט אַפן ביליאַרד. אָטאָ יוליע־וויטש און באַבושקין האָבן זיך פאַרטאָגן אין דאָמינאָ. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די שפּיל אין „באָק“ איז בא ביידן א באַליבטער אָפּרו.

קוקנדיק פון דער זײַט, איז אפילע שווער צו גלייבן, אַז די דאָ־זיקע פרידלעכע קאָמפּאַניע קלײַבט זיך אין דער סאַמע נאָענטער צוקונפט שטורעמען דעם צאָפן־פּאָליוס.

24 מאַרט.

נאָך נעכטן האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער צושטאַנד פון רו איז זייער אַן אָנגענעמער צושטאַנד. עס איז אריבער איין טאָג, און עס איז מיר געוואָרן שווער אריבערצוטראָגן דאָס געצוווּנגענע ליידיקגיין. די שטימונג איז געוואָרן עטוואָס בעסער, ווען עס זײַנען אָנגעקומען די פראַכט־פּאַראַשוטן. מאָרגן וועל איך זיך פאַרנעמען מיט אָנלאָדן זיי אַף די עראָפּלאַנען.

באַטאָג האָב איך זיך אוועקגעלאָזט צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פון „פּססר נ—169“ איליא מאַזורוק אַף דער לאָמאָנאָסאָווער לאַנקע, אהין, וווּ מיר האָבן אראָפּגענידערט.

...אין אָוונט, אומקערנדיק זיך פונעם עראָדראָם אהיים, האָבן מיר באַגעגנט צוויי קאָרעספּאָנדענטן פון דער צײַטונג „זא אינדוסט־ריאַליזאַציו“.

די פּרעסע פאַרגעסט ניט אָן אונדז! נעכטן א בליאַסק אַף טאָג איז צו אָטאָ יוליעוויטשן געקומען א כאַוער פון דער „קאָמסאָמאָלס־קאַיאַ פּראַוודאַ“. ניט לאַנג פאַר אונדזער אָנקומען איז געקומען צו פליען קיין כאָלמאָגאָרי אַף א ספּעציעלן עראָפּלאַן דער ספּעצקאָר פון „איזוועסטיאַ“. פון מאָסקווע פליט צו אונדז דער קאָרעספּאָנדענט פון „פּראַוודאַ“.

25 מארט.

דוכט זיכ, אז נאָכ קיינמאָל האָבנ מענטשנ ניט באגעגנט אזוי פיינטלעכ דעמ אָנקומ פונ פרילינג, ווי מיר.

דער פריִער אָנקומ פונ פרילינג דראָעט צו צעשטערנ אלע אונדזערע פלענער. צומ ערשטנ מאָל האָבנ מיר עס דערפילט נאָכ אינ מאָסקווע, צוליב דעמ טאקע האָבנ מיר געמוזט ארויספליִענ אפ רעדער. אינ כאָלמאָגאָרי איז די לאגע געוואָרנ גאָר ניט אָנגענעמ. עס ווערט אלץ ווארעמער. דער שניי צעגייט בוכשטעבלעכ ניט וואָס פונ טאָג, נאָר וואָס פונ שעה. דורכ דער צאָפנ=דווינע איז שוינ באלד אומעגלעכ זיכ אריבערצוקלייבנ אפ אנ אווטאָמאָביל. אונ, די בייזע שעה זאָל ניט זיינ, קאָנענ מיר נאָכ, לעבנדיק אפ דער דאטשע, בלייבנ אָפגעשניטנ פונ ארעאָדראָמ.

קעדיי צו האָבנ א פארבינדונג מיטנ ארעאָדראָמ, וועט מענ מוזנ, ווייזט אויס, עפענענ א לופט=ליניע ארכאנגעלסק — לאָמאָנאָסאָווער לאָנקע. צוליב דעמ טאקע בינ איכ צוזאמענ מיטנ פליִער מאטוויי קאָזלאָוו היינט אינדערפרי ארויסגעפאָרנ קיינ ארכאנגעלסק אפנ קעגאָסטראָוו, קעדיי צו באקומענ דאָרטנ די אמפיביע „ש—2“. צומ קעגאָסטראָוו האָבנ מיר זיכ דערקליבנ, אָבער קיינ ארעאָפלאנ האָבנ מיר ניט באקומענ, ווייל דער ארעאָדראָמ איז אזוי צעווייכט געוואָרנ, אז מע האָט אונדז פארווערט אופצוהייבנ זיכ. האָבנ מיר זיכ מיט בזיונעס געמוזט אומקערנ אהיימ.

מע פארענדיקט דאָס איבערשטעלנ די ארעאָפלאנענ אפ ליזשעס אונ דאָס אָנלאָדנ אינ זיי פאפאנינס אויסשטאטונג. מע מוז ארויספליִענ, אונ וואָס גיכער, אלץ בעסער. נאָר, ווי אפצעלאָכעס, איז דער וועטער אפ דער טראסע א שלעכטער. אלץ די זעלבע אנטיקנ: נידעריקע וואָלקנדיקייט, שנייענ, נעפל, אונ, הייסט עס, א געפאר פארייזיקט צו ווערנ.

איצט איז אונדזער גורל אינ די הענט באמ סינאָפטיקער פונ דער עקספעדיציע דזערדזעיעווסקי. ווי אָט דער „צויבערער אונ באלמויפעס“ וועט זאָגנ, אזוי וועט זיינ. אָבער דזערדזעיעווסקי האָט ניט פאר אונדז קיינ פריילעכע ידיִעס אפ אלע אונדזערע פילצאָליקע פראגנ.

ווארטנ ווייטער טאָר מענ ניט... אָבער ארויספליִענ איז אויכ אומעגלעכ!

26 מאַרט.

הײַנט אינדערפרי האָבנ מיר, איכ אונ קאָזלאָװ, זיכ װידער אװעקגעלאָזט אַפנ קעג-אָסטראָװ, מיר האָבנ באַקומענ דאָרטנ די אַמפיביע „ש—2“ אונ זאַלבעדריט מיטנ מעכאַניק שעקוראָװ האָבנ מיר געפּרוּװט אַריבערפליִענ אינ כאָלמאָגאָרי. דרײַ מאָל האָבנ מיר זיכ געפּרוּװט אופהייבנ, און אַלע דרײַ מאָל איז אונדז ניט געלונגענ. דער אַעראָדראָמ איז אַפ אַזױפיל צעגאַנגענ, אַז אַפילע אַפ אָט דער „שאַװראָשקע“ האָבנ מיר זיכ אויכ ניט געקאָנט אָפּרײַסנ פונ דער ערד.

סאָפּקאָלסאָפּ האָבנ מיר געמוזט בעטנ שעקוראָװנ מעכילע אונ זײַנע איבערגעפליגנ די דװינע אָנ אימ. ערשט פונ דאָרטנ איז אונדז געלונגענ אָפּצורײַסנ זיכ זאַלבעדריט. ביז כאָלמאָגאָרי זײַנענ מיר געפליגנ מער פונ א שאָ.

דערװײַל האָט מענ זיכ אַפ דער לאָמאָנאָסאָװער לאָנקע געגרייט צומ אַרױספלי.

אינדערפרי האָט געכאַפּט א קלײנ פרעסטל—מינוס פיר גראַד. אַפ דער טראַסע האָט זיכ דער װעטער אויכ, װײַזט אויס, אײַנגעשטעלט. גאָלאָװינ אײלט אַפנ אַעראָדראָמ. אַלס װײַטער װעטער-אויסשפּירער שטרעבט ער אויסצונוצנ יעדע געלעגנהײט, קעדיי צו פליִענ פאָרױס.

די באָרט-מעכאַניקער פונ „פּססר נ—166“ לאָזנ אַװעק די מאָטאָרנ, אונ טייקעפּ נאָכ גאָלאָװינענ אונ דעמ שטורמאַנ װאָלקאָװנ זעצנ זײ זיכ אויכ אַרײַנ אינ דער קאַבינע. גאָלאָװינ דערלאַנגט גאַז. דער אַעראָפּלאַנ רירט זיכ ניט פונ אָרט, די ליזשעס זײַנענ צוגעפרוירנ צו דער ערד. קעקושעװ אונ טערענטיעװ שפּרינגענ אַרױס פונ דער קאַבינע, קעדיי העלפנ אַרױסצובאַפרײַענ די ליזשעס. גאָלאָװינ רײַסט אָפּ די מאַשינ פונ אָרט אונ פליט אַװעק זאַלבענאַנד מיט װאָלקאָװנ, ניט באַמערקנדיק, אַז די מעכאַניקער זײַנענ ניטאָ אינ אַעראָפּלאַנ.

צומ גליק האָט זיכ פאַרפּלאָנטערט די אַנטענע. פאַנאַנדערפּלאָנטערנ זי אינדערלופטנ איז ניט געלונגענ, אונ מע מוז אַראָפּנידערנ. דאָ האָט מענ ערשט באַמערקט די פאַרגעסענע פּאַסאַזשירנ, אָבער דער װעטער האָט שוינ גענומענ קאַליע װערנ, אונ גאָלאָװינס אַרױספלי אינ דעמ טאָג האָט מענ געמוזט אָפּשאַפנ.

...איכ בינ געבליבנ נעכטיקנ אינ כאָלמאָגאָרי. פאָרט „נעענטער" צומ פאָליוס. עס ווילט זיכ גוואלדיק פליענ וואָס גיכער פאָרויס. מיר זײַנענ דאָכ ערשט אינ סאמע אָנהייב וועג!

און אָט זיצנ מיר—פאפאנינ, קרענקעל, פיאָדאָראָוו, שירשאָוו. „ברידערלעכ"—רופט פאפאנינ צערטלעכ אָנ זײַנע יאטנ.

מיר טרינקענ ביר און מיר כאָלעמענ וועגנ דעמ, אז מיר זײַנענ... שוינ אפנ פאָליוס.

27 מארט.

אינ דער דווינע איז קענטיק צוגעקומענ וואסער. די אָדליגע דויערט. כ׳לעבנ, עס קאָנ נאָכ אמאָל אפ אנ עמעס אָפשנײַדנ דעמ אעראָדראָמ פונ ארכאנגעלסק.

מע האָט פארענדיקט איבערשטעלנ די אעראָפלאנענ אפ ליזשעס.

עס אנטשטייט א נײַע פראָבלעמ: וואָס זאָל מענ טאָנ מיט די רעדער? פירנ זיי מיט זיכ אָדער איבערלאָזנ? די דאָזיקע פראגע ווערט דעבאטירט שוינ עטלעכע טעג. ווי-ניט-ווי האָבנ די „אויפעלעכ" צוויי מעטער אינ דיאמעטער און א נישקאָשעדיקע וואָג.

אנאטאָלי דימיטריעוויטש אלעקסייעוו זאָגט:

— די רעדער מוז מענ נעמענ מיט זיכ אפנ כעזשבנ פונ יעמווידער אנדערער פראכט.

וואָדאָפיאנאָוו האלט זיכ בא אנ אנדער מיינונג:

— איצט דארפנ מיר שפאָרנ יעדנ קילאָגראמ וואָג. די מאשינעס דארפ מענ מאכנ לײַכטער ווי ווײַט מעגלעכ. צו דער צײַט, ווענ מיר וועלנ דארפנ האָבנ די רעדער, און דאָס וועט דאָכ זײַנ ערשט אפ צוריקוועגס, — וועט זיי אונדז קאָנענ צושטעלנ אינ דעמ נייטיקנ אָרט אויכ אנ אײַזשפאלטער.

אָטאָ יוליעוויטש פארייניקט זיכ צו וואָדאָפיאנאָווס מיינונג.

באטאָג האָבנ מיר צוזאמענ מיט איליא מאזורוקנ געבראכט אינ אָרדענונג די באלעבאטישקײַט פונ דעמ אעראָפלאנ „פססר נ—169". דערנאָכ האָב איכ געהאָלפנ די פאפאנינצעס אָנלאָדנ די אויסשטאטונג פאר זייער ווינטער-לאגער.

אינ אָוונט קערנ מיר זיכ אומ אפ דער דאטשע. ווידער זײַנענ אלע

צוזאמענ אונ, ווי געווײנלעכ, וויצלט מענ זיכ אָנ א שיר, מע כויועקט גוטמוטיק אײנער פונ אנדערנ.

ס'גייענ אוועק טעג נאָכ טעג. ארויספליענ איז אומעגלעכ. אָבער א מאָדנע זאכ, אפ די פּענעמער בא די יאטנ זע איכ ניט קײנ אומגעדולד, כאָטש אינ הארצנ שטעלט זיכ יעדער אײנציקער די פראגע: „ווענ זשע פאָרט?"

דער וועטער שפּילט מיט אונדז אינ באהעלטעניש. הײַנט גיט ער א האָפענונג, אונ מאָרגנ אינדערפרי איז ווידער אנ אָדליגע, א נעפּל אונ א נאסער שניי.

אונ פונ נאריאנ=מאר האָט מענ שוינ צוויי מאָל מיטגעטײלט: „אלצ איז גרייט צו באגעגענענ אײַכ".

28 מארט.

הײַנט אינדערפרי האָבנ מיר זיכ צעזעגנט מיט ארכאנגעלסק, מיט דער גאסטפרײַנטלעכער דאטשע אונ מיר האָבנ זיכ איבערגעקליבנ אינ כאָלמאָגאָרי, ווו מיר וועלנ פארברענגענ די טעג, וואָס זײַנענ פארבליבנ ביזנ אָפּפלי קײנ נאריאנ=מאר.

אונ צו דער צײַט! מיר זײַנענ אריבערגעפאָרנ צאָפנ=דווינע מיט גרויס פאָרזיכטיקײַט, ביז די אקסנ אינ וואסער. מער פאָרנ איבערנ טײַכ קאָנ מענ ניט—אזוי קאָנ מענ נאָכ דערטרונקענ ווערנ פאר דער צײַט. דערטרינקענ זיכ אינ דער דווינע, ווענ עס ווארט גאָר אפ אונדז דער בארענצ=יאמ אונ דער אײַז=אָקעאנ, איז א צוויפלהאפטע העלדישקײַט.

הײַנט 11 אזייגער מיט 57 מינוט האָט גאָלאָווינ ענדלעכ סטארטירט קײנ נאריאנ=מאר. אופהייבנ זיכ איז געווענ אויסערגעווײנלעכ שווער. די איבערגעלאָדענע מאשינ איז דורכגעלאָפנ איבערנ צעווייקטנ אעראָדראָמ 950 מעטער אונ האָט זיכ, ענדלעכ, ווי אָנ כיישעק, אָפּגעריסנ. די 55 סעקונדעס פונ גאָלאָווינס לויפ איבערנ אעראָדראָמ האָבנ זיכ געצויגנ פאר אונדז א גאנצע אייביקײַט. מיט קינע האָבנ מיר נאָכגעקוקט דעמ אעראָפּלאנ, וואָס האָט זיכ דערווײַטערט פונ אונדז, ביזוואנענ ער האָט זיכ ניט פארוואנדלט אינ א קוימ באמערקבאר פּאסיקל אפנ האָריזאָנט.

זעכצנ אזייגער האָט נאריאנ=מאר מיטגעטײלט, אז „פּססר נ—106"

האָט בעשאָלעמ אראָפּגעגידערט. די קאָרעספּאָנדענטנ באָמבארדירנ די פּאָסט אונ דעמ טעלעגראפ מיט יעדיעס וועגנ גאָלאָווינס געלונגענעמ איבערפלי.

אָנגעשטעקט פונ דער אלגעמיינער שרײַבערישער שטימונג אונ אונטערנ אײַנדרוק פונ די אײַנגעשפּארטע אײַנרײדענישנ פונ די מאָסקווער רעדאקציעס, בינ איכ אומגעריכט פאר זיכ אליינ צומ ערשטנ מאָל אינ לעבנ געוואָרנ א קאָרעספּאָנדענט. אונ ניט פונ איינ צײַטונג, נאָר פונ גאנצע דרײַ: פונ אונדזער אָסאָאוויאכימישער „נא סטראזשע“, פונ דער ענגלישער „מאָסקאו דיילי ניוס“ אונ פונ „קראסני ספּאָרט“.

נאָכ דעמ זאטנ אָוונט=ברויט לייגנ מיר זיכ שלאָפנ אינ דער כאָלמאָגאָרער שול אפ קיראָווס נאָמענ, וואָס אונדזערע ליבע „ברידערלעכ“ האָבנ פארנומענ. וואָס פאר א מערקווירדיקע אטמאָספער פונ זאכלעכער אונ כאווערישער באהעפטקײַט עס קאָנ דאָס שאפנ ארומ זיכ איוואנ דימיטריִעוויטש פּאפּאנינ!

פּאפּאנינ רירט מיכ מיט זײַנ אויסערגעוויינלעכער זאָרגעוודיקײַט וועגנ קרענקעלנ, פּיאָדאָראָוונ אונ שירשאָוונ. אליינ א קנאפּער איבערקלײַבער, האָט ער אוועקגעלייגט א סאכ מי אונ ארבעט, קעדיי צו באזאָרגנ זײַנע יאטנ מיט געשמאקער אונ נארהאפטער שפּײַז, ווײַל ער האלט מיט רעכט, אז די דערנערונג=פראגע וועט אפ דער קינפטיקער ווינטער=סטאנציע זײַנ איינער פונ די אנטשיידנדיקע פאקטאָרנ.

פּאפּאנינ האָט זיכ ניט באגנוגט מיט דער דערנערונג, וואָס ער האָט מיטגענומענ פונ מאָסקווע אונ וואָס איז הויפּטזאכלעכ באשטאנענ פונ קאָנצענטראטנ אונ פּראָדוקטנ, וואָס ווערנ ניט קאליע. שוינ דאָ אינ כאָלמאָגאָרי האָט ער אײַנגעקויפט קעז אונ פרישנ שמאנט. לויט פּאפּאנינס ספּעציעלע אָנווײַזונגענ האָט מענ דאָ געמאכט פעסלעכ, אונ די קורסאנטנ פונ דעמ פיציכטלערישנ טעכניקומ פּאקנ זאָרגעוודיק אײַנ די דאָזיקע פּראָדוקטנ אונטער איוואנ דימיטריִעוויטשעס אויפזיכט.

— נישקאָשע, נישקאָשע, מירנ זענ, ווער וועט זיכ בא מיר אפנ פּאָליוס אָפּזאָגנ פונ פרישנ שמאנט!—ענטפערט איוואנ דימיטריִעוויטש אפ אונדזערע איראָנישע באמערקונגענ.

29 מ א ר ט.

מיר, איכ און מאזורוק, זײַנען אופגעשטאנען, ווען ס'איז נאָכ געווען גוט פינצטער. אָוונט=צו האָבנ זיכ באוויזנ אייניקע סימאָנימ, אז דער וועטער ווערט בעסער. גאָלאָווינ איז שוינ אינ גאריאנ=מאר. א כוואָרע, אז אונדז וועט הייגט אויכ ענדלעכ געלינגענ ארויסצופליענ.

מיר האָבנ אפגיכ אָפגעגעסנ פרישטיק און לאָזנ זיכ אוועק אפנ ערעָאָדראָמ . מע האָט שוינ געענדיקט אָנלאָדנ אלע ערעאָפּלאנענ, דערינ אויכ אונדזערנ. מע האָט שוינ פארפאקט אויכ מײַנ פאראשוטנ=באלעבאטישקײַט: די פראכט=פאראשוטנ, וואָס מע האָט געבראכט מיט דער באנ, און די פאראשוטנ פאר די מענטשנ. א טייל פונ זיי האָבנ מיר מיטגענומענ פונ מאָסקווע, און א טייל האָט מענ צוגעשטעלט אהער, לויט מײַנ ביטע, שוינ נאָכ אונדזער קומענ אינ כאָלמאָגאָרי.

נעכטנ איז מיר אויסגעקומענ אויסצוהאלטנ א שלאכט מיט שעוועליאָווּנ און מיט מאזורוקנ צוליב מײַנע „פּראָדוציר=געצײַג“. די שיפ איז איבערגעלאָדנ, און א טייל פונ מײַנ באלעבאטישקײַט האָט מענ מיר פאָרגעלייגט איבערלאָזנ. איכ פראָטעסטיר ווי ווײַט איכ קאָנ, אָבער אונטער מאזורוקס און שעוועליאָווס פאריייניקטנ אָנגריפ האָב איכ ניט געהאט קיינ אנדער ברייָרע, ווי אונטערגעבנ זיכ.

הײַנט אינדערפרי איז די דאָזיקע אומאָנגענעמע אָפעראציע אָפּגעטאָנ געוואָרנ. עמעס, עפּעס וואָס פונ מײַנ פאראשוטנ=ווירטשאפט איז מיר פאָרט געלונגענ צו ראטעווענ.

א גאנצע נאכט האָט מענ געווארעמט וואסער און מאשינ=אייל. באגינענ האָט מענ אָנגעהויבנ קאָנטראָלירנ די מאָטאָרנ. די מעכאניקער האָבנ לעבנ די ערעאָפלאנענ. קימאט דער גאנצער באשטאנד פונ דער עקספּעדיציע איז שוינ אפנ ערעאָדראָמ.

ס'איז שוינ געוואָרנ גוט טאָג. אנ אומעטיק בילד. עס גייט א נאסער שניי. א מוטנער עקלהאפטער הימל. די זעעוודיקײַט איז א נישטיקע.

מיר וואַרטנ אפנ סינאָפּטיקער דזערדזיעווסקי. די מאָטאָרנ ארבעטנ.

די גאנצע עקספּעדיציע האָט זיכ שוינ פארזאמלט: אפנ ערעאָ=

דראָם זײַנען שוין דאָ אָטאָ יוליעווויטש, שעווע‏ליאָוו, וואָראָפּיאַנאָוו, מאָלאָקאָוו, מאַזורוק, ספּירין, אַלעקסייעוו.

ענדלעך איז געקומען צו פֿליען אַ פּאַרסאַפּעטער דזערדזיעווסקי מיטן מעטעאָראָלאָגישן ביולעטען.

מיר טוען זיך אַלע אַ וואָרף צו אים.

— נו וואָס?

— שלעכט... דער וועטער אַף דער טראַסע איז ניט צום פֿליען.

דער אַרויספֿלי ווערט אָפּגעשאַפֿט. איינער נאָכן אַנדערן שטעלן זיך אָפּ די פּראָפּעלערס פֿון די אעראָפּלאַנען. עס הערשט אַ גודנע שטילקייט. מיר גייען זיך אומעטיק פֿאַנאַנדער. בלויז די מעכאַניקער פֿאַרבלײַבן בײַ די אעראָפּלאַנען, זיי באַדעקן די קאַפּאָטן פֿון די ראַדיאַטאָרן מיט ציכן, אײַסעקן זיך בײַ די מאָטאָרן, עפּעס פֿאַריכטן זיי דאָרט ווידעראַמאָל, עפּעס קאָנטראָלירן זיי.

די אָדליגע ווערט אַלץ שטאַרקער, און אָוונט־צו ווערט דער וועטער אײַנגאַנצן קאַליע. עס גייט אַ רעגן. עס דאַכט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור איז דורכגעווייקט אַף דורך־און־דורך. דזערדזיעווסקי טיילט מיט אַ ביז גאָר שלעכטן פּראָגנאָז וועגן וועטער אויך אַף מאָרגן.

— איבערן גאַנצן מאַרשרוט זײַנען די וועטער־באַדינגונגען אַבסאָליוט ניט גינסטיק פֿאַרן פֿלי. אַ נעפּל ביז דער ערד. 5 גראַד וואַרעמקייט. און אַכטבאַליקער ווינט.

בײַנאַכט ווערט דער ווינט ווירקלעך שטאַרקער. בײַ די אעראָפּלאַנען ווערט אָרגאַניזירט אַ דעזשורסטווע: דער ווינט זאָל נאָך עפּעס ניט שעדיקן.

כאָטש וואָדאָפּיאַנאָוו איז מאַסקים מיט דזערדזיעווסקיס פּראָגנאָז, הייסט ער פֿונדעסטוועגן גרייטן די אעראָפּלאַנען צום אַרויספֿליען אינדערפֿרי.

מיר וועלן וואַרטן, וואָס וועט ווײַזן דער מאָרגנדיקער טאָג.

...פּאַפּאַנין גייט אַרום פֿינצטער ווי די נאַכט. ביז מיר וואַרטן דאָ אַף אַ גוטן וועטער, זײַנען בײַ אים קאַליע געוואָרן עטלעכע צענדליק קילאָ קרעפּלעך.

ער האָט זיי געפֿירט אַפֿן פּאָליוס פֿון מאָסקווע און האָט זייער שטאָלצירט דערמיט, וואָס אין דעם מעניו פֿון די ווינטערער וועלן זײַנ

עמעסע „סיבירער קרעפּלעכ“, אָבער די אָדליגע, אפ וועלכער פּאפּאנינ האָט ניט אויסגערעכנט, האָט אימ געצוווּנגענ מאקריוו צו זײַנ די קרעפּלעכ שוינ אינ כאָלמאָגאָרי.

פארשטייט זיכ, אז מיר אלע פילנ שטארק מיט פּאפּאנינענ, אָבער דאָס האָט ניט געשאדט אונדזער אפּעטיט, אונ מיר האָבנ מיט פארגעניגנ אופגעגעסנ די קרעפּלעכ נאָכ אפנ קאָנטינענט.

30 מארט.

נעכטנ האָט וואָדאָפּיאנאָוו פאָרגעלייגט, אז אויב אונדז וועט זיכ ניט איינגעבנ אָפּצורײַסנ זיכ פונ אעראָדראָמ, זאָלנ מיר טיילווײַז אויסלאָדנ די אעראָפּלאנענ, אריבערפליִענ אפנ טײַכ, דאָרטנ נעמענ די גאנצע פראכטנ אונ שוינ פונ דאָרטנ סטארטירנ קיינ נאריאנ-מאר.

ס'איז ניט קיינ שלעכטער אײַנפאל. אָבער דער אײַז אפ דער דווינע,—צי וועט ער אויסהאלטנ אונדזערע פילטאָניקע שיפנ, אויב ערטערווײַז פאלנ ארײַנ אפילע אווטאָמאָבילנ?

מיר האָבנ געפּרוווט האקנ דעמ אײַז אונ מיר האָבנ זיכ איבערצײַגט, אז דער אײַז איז ווירקלעכ א שוואכער אונ וועט ניט אויסהאלטנ די מאסע פונ אונדזערע שיפנ. הייסט עס, אז וואָדאָפּיאנאָווס ווארִיאנט פאלט אָפּ, אונ מיר זעענ ניט קיינ סאָפ צו אונדזער זיצנ אפ די כאָלמאָגאָרער לאָנקעס.

אָבער פּלוצעמ, גאָר אומגעריכט פאר אונדז האָט זיכ דער וועטער שארפ געענדערט צומ גוטנ. אונ די דאָזיקע שורעס שרײַב איכ שוינ... אינ נאריאנ-מאר.

הײַנט באנאכט האָט זיכ די אָדליגע געענדיקט. פינפ אזייגער אינדערפרי זײַנענ מיר שוינ אלע געווענ אפ די פיס. א פראָסטיקער זוניקער פרימאָרגנ. עס האָט א ווייע געטאָנ מיט עמעסנ צאָפנ. איצט דארפ מענ ניט פארלירנ קיינ איינ מינוט אונ זיכ לאָזנ אינ וועג ארײַנ.

אנ אלגעמיינער אווראל. מיר באקומענ די לעצטע אָנווײַזונגענ פונ דער קאָמאנדירונג. מיר לאָזנ אוועק די מאָטאָרנ. אלצ איז אינ אָרדענונג, בלויז אפ מאָלאָקאָווס אעראָפּלאנ איז עפּעס ניט קעשורע מיטנ אוועקלאָזנ איינ מאָטאָר.

עס גייענ אוועק צוואנציק מינוט... א האלבע שאָ... מאָלאָקאָווס מאָ=

טאָר וויל ניט גיינ, כאָטש וויינ. מיר מוזנ אויכ אויסשליסנ די מאָטאָרנ, קעדיי ניט פאַטערנ אומזיסט קיינ בענזינ.

די באָרט-מעכאַניקער פונ מאָלאָקאָווס אעראָפּלאַנ „פססר נ—171“ ערגערנ זיכ, דענערווירנ זיכ, בלייבנ אָנ קוויכעס, פילנדיק, אז די צייט גייט אונ דער ארויספלי האַלט זיכ אָפּ. א טעטיקנ אָנטייל אינ פאַריכטנ דעמ מאָטאָר נעמט אויכ פאַפּאַנינ, וועלכער איז א מייסטער אפ אַלצ. סאָפקאָלסאָפ האָט מענ דעמ מאָטאָר צורעכט געמאַכט. די מאַשינעס רודערנ ארויס אפנ סטאַרט. דער וועג איז פריִער אויסגעפרעסט געוואָרנ מיט א טשעליאַבינער טראַקטאָר. ס'איז שוינ האַלבער טאָג, דער שניי פונ אויבנ הייבט אָנ ווידער צעגיינ, אָבער ניט געקוקט אפ דעמ, הייבנ זיכ אונדזערע איבערגעלאָדענע מאַשינעס היינט אופ אויסגעצייכנט.

דער ערשטער האָט זיכ אָפּגעריסנ פונ דער ערד אונדזער אעראָפּלאַנ. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיכ פאַרהאַלטנ—בא אימ האָט זיכ שוינ אפנ סטאַרט אָפּגעזאָגט צו ארבעטנ דער לינקער מאָטאָר—אונ ער איז ארויסגעפלויגנ דער צווייטער. נאָכ אימ פליִענ ארויס מאָלאָקאָוו אונ אלעקסייעוו.

12 אזייגער מיט 30 מינוט. אַלע שיפנ זיינענ אינדערלופטנ. א פערטל שאָ דרייענ מיר זיכ ארומ איבער כאָלמאָגאָרי, קאָנטראָלירנדיק די ארבעט פונ די מאָטאָרנ, דערנאָכ לייגנ מיר זיכ אפנ קורס. דער פלאַגמאַנ-ראַדיסט איוואַנאָוו פאַרבינדט זיכ מיט מאָסקווע. אַלצ איז אינ אָרדענונג. אינ מאָסקווע שפּירט מענ נאָכ אונדזער פלי.

פונ כאָלמאָגאָרי פלי איכ שוינ אלס צווייטער פילאָט. דער אעראָפּלאַנ האָט א צווייענדיקע אָנפירונג. איכ פאַרנעמ אינ דער קאַבינע דאָס רעכטע אָרט.

דער וועג אונדזערער ליגט אפ צאָפנ-מיזרעכ, צו מעזענ. דער וואַלד ווערט אַלצ שיטערער, אונ אונטער אונדז, אפ וויפל דאָס אויג כאַפּט, שפּרייט זיכ א ווילדע אונ טויטע טונדרע. ערטערווייז שניידנ דורכ דעמ שנייִקנ פליינ אומבאַקאַנטע טייכנ אונ טייכלעכ, וואָס זיינענ ניט פאַרצייכנט אפ קיינ שומ קאַרטע. אינ ערגעצ זעט מענ ניט קיינ שפּור פונ א מענטש. אָט די גאַנצע טויטע וועלט איז פאַרפלייצט מיט שטראָמענ זונענ-שיינ.

אזוי גייט דורכ די ערשטע שאָ פונ פלי. דער וועטער הייבט אָנ קאַליע צו ווערנ. די זונ באַהאַלט זיכ הינטער די וואָלקנס. די וואָלקנס ווערנ געדיכטער, זיי פאַרדעקנ דעמ האָריזאָנט. עס ווערט קאַלט.

ס'איז שוינ באַלד צוויי שאָ, ווי מיר פליִענ. מיר זײַנענ שוינ לאַנג פאַרבײַגעפלויגנ מעזענ. דאָס איינאַרטיק בילד הייבט אָנ דער-עסנ צו ווערנ. פונ לאַנגווײַל הייב איכ זיכ אָנ צוקוקנ צו מאַזורוקנ.

ער זיצט שווײַגעוודיק און אומבאַוועגלעכ, אײַנגאַנצנ פאַרטיפט אינ די ווײַזערס פונ די פילצאָליקע אַפּאַראַטנ און אינ באַטראַכטנ דעמ האָריזאָנט. פונ צײַט צו צײַט, ווענ דער ווינט שלאָגט אונדז אַראָפּ פונ ריכטיקנ קורס, דערלאַנגט ער דאָ דעמ רעכטנ, דאָ דעמ לינקנ פוס, און די נאָז פונ דער שיפ גייט געהאָרכזאַמ אַוועק אַפ רעכטס אָדער אַפ לינקס.

איצט קוקט זיכ מאַזורוק שטאַרק אײַנ אינ עפּעס א שוואַרצנ פּאַס אַפנ האָריזאָנט.

— וואַסער! — שרײַט מאַזוריק, אײַנבויגנדיק זיכ צו מיר, קעדיי איבערצושרײַענ דאָס הודזשענ פונ די מאָטאָרנ, — דער יאַמ!

— ריכטיק, — שאָקל איכ מיטנ קאָפּ.

אינ צענ מינוט אַרומ פליִענ מיר שוינ איבערנ טשעשסקער אײַנ-גוס. דער ברייטער אײַנגוס, וואָס שנײַדט זיכ טיפ אַרײַנ אינ דער יאַבאָשע, איז קימאַט פרײַ פונ אײַז. פונדאַנענ ביז נאַריאַנ-מאַר איז שוינ גאָר ניט ווײַט.

דער וועטער ווערט אַלץ ערגער. עס הייבט אָנ צו טרייסלענ. די וואָלקנס לאָזנ זיכ אַראָפּ קימאַט סאַמע ביז דער ערד. איוואַנאָוו, דער ראַדיסט פונ דעמ פלאַגמאַנ, האָט זיכ שוינ פאַרבונדנ מיט נאַריאַנ-מאַר און האָט אופגענומענ פונ דאָרטנ דעמ וועטער-ביולעטענ. ווענג דעמ אינהאַלט פונעמ ביולעטענ קאָנ מענ אורטיילנ שוינ פונ דעמ אַליינ, וואָס שעוועליאָוו, ווענמענ מע גיט איבער אַלע ראַדיאָגראַמעס, האָט באַשלאָסנ ניט באַווײַזנ אימ ספּירינענ, קעדיי ניט ערגערנ אימ אומזיסט.

דער צווייטער און דריטער ביולעטענענ זײַנענ ניט בעסער. אינ נאַריאַנ-מאַר איז א שניי-שטורעמ. די זעעוודיקײַט — 30 מעטער. אַראָפּ-נידערנ איז אומעגלעכ.

דערנאָכ הייבנ אָנ די ביולעטענענ צו ווערנ בעסער, און, באַ-

קומענדיק שוינ גאָר נישקאָשעדיקע יעדיעס, באַשליסט שעוועליאָוו עפענענ ספּירינגע די קאַרטנ.

עס גייענ אװעק נאָכ צװאַנציק מינוט. מיר געפינענ זיכ איבער דער דעלטע פונ דעמ טײַכ פּעטשאָרע. פונ דער הייכ זעענ מיר דײַטלעכ שיפנ, אײַנגעפרױרענע אינעמ אײַז פונ טײַכ, שטאַבעלנ גע=הילצ, א געאָמעטריש גלײַכע ריי פונ הילצערנע הײַזער. דאָס איז נאַריאַנ=מאַר. מיר מאַכנ א קרײַז אונ הייבנ אָנ אַראָפּנידערנ.

מיר האָבנ אַראָפּגענידערט אפ דער פּעטשאָרע. דער אַעראָדראָמ — אנ אַנטיק: א גלײַכער, א ברייטער. אונדז באַגעגנט פרײלעכ גאַלאָ=װינס עקיפּאַזש, די אַרטיקע מאַכט, קאָרעספּאָנדענטנ.

דעמ אָפּשטאַנד פונ נאַריאַנ=מאַר ביז כאַלמאָגאָרי—680 קילאָמע=טער — האָבנ מיר דורכגעמאַכט אינ צװײ שאָ מיט פופציק מינוט בא א דורכשניטלעכער װעג=שנעלקײַט פונ 241 קילאָמעטער א שאָ.

אינ נאַריאַנ=מאַר איז צו אונדזער גרויס װונדער געװענ אַנ אויסגע=צײכנטער װעטער. עס האָט זיכ אויסגעלאָזנ, אַז די זאַװערוכע איז דורכגעגאַנגענ גאָר ניט לאַנג פאַר אונדזער קומענ.

װיאַזױ מיר זײַנען אװעקגעפֿלױגן פֿון נאַריאַן־מאַר

די פּאָליאַרע שטאָט נאַריאַן־מאַר. דער פּלאַן פֿון דער פֿלי־אָפּעראַציע. מיר װאַרטן אױף א גוטן װעטער. אױף צאַפּן.

31 מאַרט.

נאַריאַן־מאַר איז לױט די צאָפּנדיקע מאַסשטאַבן א גרױסער אַדמיניסטראַטיװער און װירטשאַפֿטלעכער צענטער. א זעגמיל, א טײַך־האַפּן, א בוכטע, װוּ עס שטײען פֿאַראַנקערט עטלעכע צענדליק געװערב־שיפֿלעך, באַרזשעס און דאַמפֿערס, שיפֿרעמאָנט־װאַרשטאַטן, א צײַטונג, א שול, א שפּיטאָל, אן עלעקטרישע סטאַנציע, א רעגולערע לופֿט־פֿאַרבינדונג מיט אַרכאַנגעלסק, — דאָס אַלץ איז אַנטשטאַנען ערשט דאָ ניט לאַנג, שױן בײַ דער ראַטנמאַכט, פֿאַר קנאַפּע עטלעכע יאָר.

דער אױסגעצײכנטער נאַטירלעכער אַעראָדראָם אױף דער פּעטשאָרע, װוּ מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, געפֿינט זיך 2,5 קילאָמעטער פֿון דער שטאָט. מיר פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן נעכטיקן אױף לײַכטע שליטנס, געשפּאַנט אין הירשן.

א געמיש פֿון עפּאָכעס — הירשן און אַעראָפּלאַנען!

איך בין קײנמאָל ניט געװען אין עקסטן צאָפּן, אָבער א פּאָליאַרע שטאָט, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט, דאַרף אױסזען פּונקט אַזױ װי עס זעט אױס נאַריאַן־מאַר. רײנינקע, ציכטיקע הילצערנע הײַזער פֿון א ציטרינ־געלן קאָליר, הילצערנע טראָטואַרן, א מונטערע פּראָסטיקע לופֿט. אונטער די פֿיס סקריפּעט דער שנײ, װאָס האָט נאָך סאָף מאַרט ניט



צװײ עפּאָכעס — הירשנ אונ אעראָפּלאנע.

פארלאָרנ זײַנ װײַסקײַט. א סאכ מענטשנ, אי מענער אי פרויענ, זײַנענ
אָנגעטאָנ אינ פוטערנע מאליצעס.

נעכטנ, גלײַכ נאָכ דעמ, װי מיר זײַנענ געקומענ צו פליִענ, זײַנענ מיר
ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט צו די קאָרעספאָנדענטנ, װעלכע זײַ־
נענ אהער אָנגעקומענ ניט לאנג פאר אונדז אפ א רײס־אעראָפלאנ
„אעראָפלאָט“. דעמ עמעס געזאָגט, האָט זיכ ניט געװאָלט ניט
שמועסנ מיט זײ, ניט אויסהערנ זײ. אלע זײַנענ געװענ טויט מיד, ניט
אזוי מאכמעס די שװעריקײַטנ פונ דער לופט־רײַזע, װי איבער די ער־
גערנישנ, װעלכע זײַנענ געװענ פארבונדנ מיט דער ניט קלאָרקײַט אינ
דער פראגע: צי װעלנ מיר ענדלעכ ארויספליִענ אינ דעמ טאָג?

הײַנט זײַנענ מיר אופגעשטאנענ פרײלעכע, מונטערע, אָפגערוטע.
די מידקײַט איז װי מיטנ האנט אראָפגענומענ. מיר ראזירנ זיכ, עסנ
אָנבײַסנ אונ גלײַכ אפנ אעראָדראָמ.

דער װעטער איז אנ אויסגעצײכנטער. דער פראָסט איז צענ גראד.
דער אײַז אפנ אעראָדראָמ איז א פעסטער אונ א זיכערער. אויב
מיר װעלנ זיכ מוזנ פארהאלטנ אינ נאריאנ־מאר צוליב דעמ װעטער,
װעלנ מיר יעדנפאלס זײַנ אויסגעלײזט פונ די קרענקונגענ, װעלכע מיר
האָבנ איבערגעלעבט אינ באָלמאָנאָרי.

אגעוו רעכנ איכ, אז מיר וועלנ זיכ דאָ לאנג ניט פארהאלטנ, אונ אינ א טאָג צוויי=דרײַ ארומ וועלנ מיר זיכ לאָזנ פליִענ ווײַטער לויטנ מארשרוט.

אונדז שטייט אציִנד פאָר דער סאמע פאראנטוואָרטלעכער טייל וועג — דער פלי איבערנ בארענצ=יאמ צומ אינדזל רודאָלפ. דאָס איז מער פונ אָנדערהאלבנ טויזנט קילאָמעטער. אויב מיר וועלנ זײַנ געצווּונגענ אראָפּצולאָזנ זיכ אפנ וועג, איז קימאט אויסגעשלאָסנ, אז דאָס זאָל זיכ ענדיקנ בעשאָלעמ. אראָפּנידערנ איז ניטאָ ווו, אונ פליִענ מיר אפ שווער אָנגעלאָדענע מאשינעס.

דער אויספיר איז א קלאָרער: די גאנצע אופמערקזאמקײַט, אלע קויכעס אָפּגעבנ דער צוגרייטונג פונעמ איבערפלי דאָ, אינ נאריאנ-מאר.

פונ גאנצפרי זײַנענ שוינ די מעכאניקער אפנ אעראָדראָמ, ווידער ווערנ קאָנטראָלירט אלע מאָטאָרנ ביזנ לעצטנ שרײַפל. די באקנ ווערנ אָנגעפילט מיט בענזינ ביז די פּראָפּנס. קעדיי צו נעמענ וואָס מער בענזינ, פאראָרדנט וואָדאָפּיאנאָוו אראָפּנעמענ די רעדער פונ די אעראָפּלאנענ אונ איבערלאָזנ זיי דאָ אינ נאריאנ=מאר (אינ כאָלמאָגאָרי האָט מענ סאָפּקאָלסאָפּ באשלאָסנ נעמענ די רעדער מיט זיכ, צוטשעפּענדיק זיי אונטערנ פיוזעליאזש פונ די אעראָפּלאנענ).

די מעכאניקער איז גאָר ניט צומ הארצנ די צווייענדיקע ארבעט מיט די רעדער, אָבער וואָדאָפּיאנאָוו באשטייט אפ זײַנס.

— נישקאָשע, נישקאָשע. פאראיאָרנ, ווענ איכ בינ געפלויגנ אפ פראנצ=יאָזעפס לאנד, האָב איכ אויכ איבערגעלאָזט די רעדער אינ נאריאנ=מאר, — זאָגט מיכאיִל וואסיליעוויטש, — אונ עס האָט זיכ באקומענ זייער גוט.

אינ אָוונט איז פאָרגעקומענ די ערשטע אלגעמיינע פארזאמלונג פונ די אָנטיילנעמער אינ דער עקספּעדיציע.

פונ אָנהייב האָבנ זיכ געלאָזט הערנ שטימענ:

— נאָכ וואָס צונויפרופנ פארזאמלונגענ?.. עס איז ניטאָ וועגנ וואָס צו ריידנ... ס'איז אזוי אויכ אלצ קלאָר... די מעכאניקער זײַנענ מיד...

אָבער דער פארטיי=אָרגאניזאטאָר פונ דער עקספּעדיציע דאָגמאראָוו האָט זײַנס געפּויעלט, אונ נײַנ אזייגער אינ אָוונט, ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די פארזאמלונג, האָבנ מיר דערזענ, אז בא יעדנ פונ די

אָנטײלנעמער האָט זיכ אָנגעזאמלט א סאכ ניט קלאָרע פראגנ, וועלכע האָבנ געקאָנט געלײזט ווערנ בלויז בא א קאָלעקטיווער באהאנדלונג אינ א פרײַנטלעכער כאווערישער סוויווע.

דער וועג פונ מאָסקווע ביז נאריאנ=מאר האָט באוויזנ די אויסגעצײכנטע קוואליטעט פונ די מאשינעס אונ די מעסירעסנעפעשדיקע ארבעט פונ פערזענלעכנ באשטאנד פונ דער עקספעדיציע.

אָבער באגלײַכ דערמיט האָט זיכ אנטפלעקט א רײ באזונדערע קלײנע פעלערנ. אפנ ערשטנ קוק עפשער ניט גאָר קײנ וויכטיקע, האָבנ זײ פונדעסטוועגנ געקאָנט נעגאטיוו זיכ אָפשפיגלענ אפנ גאנג פונ דער עקספעדיציע. אָט וועגנ די דאָזיקע פעלערנ האָט מענ טאקע גערעדט.

עס איז ארויסגעטראָטנ אָטאָ יוליעוויטשעס פארטרעטער אינ דער עקספעדיציע, דער שעפ פונ דער פאָליאר=אוויאציע שעוועליאָוו. עס זײַנענ ארויסגעטראָטנ וואָדאָפיאנאָוו, מאָלאָקאָוו, אלעקסײעוו, ספירינ, דאָגמאראָוו, פילאָטנ, שטורמאנס, מעכאניקער.

דאָס שלוסוואָרט האָט גענומענ אָטאָ יוליעוויטש.

ער איז, קאָנטיק, געווענ צופרידנ מיט די ארויסטרעטונגענ, כאָטש ער האָט אָנגעוויזנ, אז זײ זײַנענ ניט גענוג זעלבסטקריטיש.

— דער ערשטער עטאפ, — האָט ער געזאָגט, — איז דורכגעגאנגענ אינ פארהעלטענישמעסיק לײַכטע באדינגונגענ. אונדז האָט געגליקט. אלצ איז אריבער גלאטיק, ניט קוקנדיק אפ אײניקע דעפעקטנ אינ דער ארבעט. אויב די אָדער יענע דעטאל איז פארגעסנ געוואָרנ אינ מאָסקווע, אויב די אָדער יענע קלײניקײַט איז ניט פארענדיקט געוואָרנ, האָבנ מיר געהאָפט, אז מיר וועלנ קאָנענ פאריכטנ די לאגע אינ כאָלמאָגאָרי אונ אפילע אינ נאריאנ=מאר. אָבער ווײטער הײבט זיכ אָנ די עמעסע עקספעדיציע=ארבעט, אונ יעדער דעפעקט, אפילע דער מינדסטער, וועט זיכ אָפשפיגלענ אפנ אלגעמײנעמ גאנג פונ דער אָפעראציע. מיר דארפנ געדענקענ, אז אונדזער עקספעדיציע פארטײדיקט דעמ כאָוועד פונ דעמ גאנצנ לאנד. נאָר אָרגאניזירטקײַט אונ אײַזערנע באָלשעוויסטישע דיסציפלינ וועלנ געבנ די מעגלעכקײַט יעדערנ פונ אונדז באזונדער אונ דער גאנצער עקספעדיציע אינ אלגעמײנ גענומענ אויספילנ די אויפגאבע, וועלכע עס האָט אפ אונדז ארופגעלײגט דאָס ראטנלאנד, די פארטײ אונ די רעגירונג...

מיר זײַנענ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ נאָכ האַלבער נאַכט, אינ א געהויבענער שטימונג.

1 אפּרעל.

באַטאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטאַרקע זאַווערוכע. אפּ פופצנצוואַנציק טריט זעט מענ גאָרניט. די אַרבעט אפנ אַעראָדראָמ האָט מענ געמוזט איבעררײַסנ און אומקערנ זיכ אַהיימ.

אינ אָוונט איז פאָרגעקומענ א באַראַטונג פונ די שיפּ-קאָמאַנדירנ בא שעוועליאָוונ אינ אָטאָ יוליעוויטשעס אָנוועזנהײַט.

עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגנ דעמ פלי אפנ אינדזל רודאָלפ.

עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ: גאָלאָווינ פליט אַרויס דירעקט אפנ אינדזל רודאָלפ מיט צוויי שאָ פאַרנ אָפּפלי פונ דער עסקאַדרע און יעדע האַלבע שאָ אינפאָרמירט ער אונדז וועגנ דעמ וועטער. דער מאַרשרוט איז: נאַריאַנ-מאַר—מײַרעוודיקער ברעג פונ אינדזל נאָוואַיאַ זעמליאַ—אינדזל רודאָלפ. אינ פאַל פונ א געצוווּנגענער אַראָפּנידערונג אָריענטירנ זיכ אפנ אינדזל ווײַגאַטש, מאַטאָטשקינ שאַר, קאַפּ זשעלאַניע אפ נאָוואַיאַ זעמליאַ. די הייכ פונ פלי—500 ביז 2 000 מעטער.

דערנאָכ איז באַהאַנדלט געוואָרנ די פראַגע וועגנ קאָאָרדינירנ דעמ פלי פונ די אייַנצלנע אַעראָפּלאַנע. דער ערופלי ווערט פאַרווירקלעכט אפ אַזא אופנ. דער ערשטער הייבט זיכ אופ וואָדאָפּיאַנאָוו, דער צווייטער—מאָלאָקאָוו, דער דריטער—מאַזורוק, דער פערטער—אַלעקסייעוו. אינ פלי האַלט זיכ מאָלאָקאָוו ליִנקס פונ וואָדאָפּיאַנאָוונ, מאַזורוק און אַלעקסייעוו רעכטס. די ראַדיאָ-פאַרבינדונג צווישנ די שיפנ ווערט אונטערגעהאַלטנ מיט דער הילפ פונ דעמ „שטראַל“. אויב דער פירנדיקער אַעראָפּלאַנ וועט אַרײַנפאַלנ אינ א נעפּל און וועט פאַרשווינדנ ווערנ פונ אויג, דרייענ זיכ מאָלאָקאָוו און מאַזורוק אויס אפ דרײַסיק גראַדוס און גייענ מיט דעמ קורס דרײַ מינוט, אַלעקסייעוו ווענדט זיכ אויכ אפ דרײַסיק גראַדוס און גייט מיט דעמ קורס פינפ מינוט. נאָכ דעמ זעצנ פאָר די שיפנ זייער פלי לויטנ אַלטנ קורס, נאָכפאָלגנדיק די אָנווייַזונגענ פונ דעמ פלאַגמאַנ.

דער ערופלי איז באַשטימט אפנ פערטנ אַפּרעל. דעמ דריטנ אַפּרעל, דעמ טאָג ערעוו דעמ אַרויספלי, איז רו-טאָג. מאָרגנ איז אַ אַרבעטטאָג.

2 אפרעל.

פונ אינדערפרי איז א שטארקע זאווערוכע. ניט געקוקט דערויפ, ארבעטנ [illegible] זייערע שיפנ. ענערגיש גרייט מענ צו דעמ מאטעריעל טייל צומ ארויספלי. מע העננט אופ די לאמפנ צומ אונטערווארעמענ די מאטארנ. מע טיילט פאנאנדער דעמ פראכט צווישנ די אעראפלאנענ. אינ יעדער שיפ ווערט אנגעלאסנ זעקס טאנ בענזינ אונ פיר הונדערט קילאגראמ מאשינ=אייל.

אינ אוונט קומט פאר א באראטונג פונ די שטורמאנס באמ כאווער ספירינ. עס זיינענ באהאנדלט געווארנ די פראגנ פונ פארבינדונג, די אריענטירונג=מעטאדנ אונ דער מארשרוט פונעמ פלי.

אלע זיינענ פארנ טאג אזוי פארמאטערט געווארנ, אז מע האט זיכ געלייגט שלאפנ גלייכ אזייגער אינ אוונט.

3 אפרעל.

אנ אפרו=טאג. ווידער איז לויטער=בלוי דער הימל, עס איז זוניק אונ שטיל. ניט געקוקט אפנ אפרו=טאג געפינענ זיכ אלע לעבנ די מאשינעס. א פראבע פונ די מאטארנ.

אינ אוונט איז דורכגעפירט געווארנ א פארטיי=פארזאמלונג פונ דער עקספעדיציע.

א ווארט וועגנ די אויפגאבנ פונ די קאמוניסטנ אינ דעמ פארשטייענדיקנ פאראנטווארטלעכנ איבערפלי אפנ אינדזל רודאלפ האט באקומענ אטא יוליעוויטש שמידט.

דעמ שעפס רעדע האט געצווונגענ יעדנ פונ אונדז טיפ פארטראכטנ זיכ וועגנ א סאכ פראגנ, וועגנ וועלכע מיר האבנ פריער, פארטאג אינ די וואכיקע זארגנ אונ דיגעס, ניט געטראכט.

אטא יוליעוויטש האט גערעדט:

— די מערהייט מיטגלידער פונ דער עקספעדיציע זיינענ קאמוניסטנ, מיטפילנדיקע אונ קאמיוגיסטנ. די ארגאניזירנדיקע ראליע פונ די קאמוניסטנ אינ די פאליארע עקספעדיציעס אונ באזונדערס אינ אזוינע עקספעדיציעס, ווי אונדזערע, איז אויסשליסלעכ גרויס. דערמאנט זיכ ווי די גרופע באלשעוויקעס פונעמ „טשעליוסקינ“ האט געוווסט צו באהעפטנ דעמ גאנצנ קאלעקטיוו נאכנ אומקומ פונ דער שיפ!

איצט שטייט פאר אונדז אנ אויפגאבע, ניט קיינ גרינגערע, אונ

ענשער נאָכ א שווערערע, ווי אפ דער קריע. און פונ דעמ, וויאזוי עס וועלנ זיכ האלטנ די קאָמוניסטנ, העננט אָפּ דער דערפאָלג פונ דער גאנצער אָפּעראציע.

מיר ווייסנ ניט, וואָס פאר א סורפריזנ עס גרייט אונדז די נאטור. עמעס, די עקספּעדיציע איז טעכניש אויסגעצייכנט באוואָפנט, אָבער די נאטור איז מעכטיק און קאָנ אונדז אונטערטראָגנ פארשיידענע אומדערוואַרטע דערשיינונגענ. מע דארפ זיינ גרייט צו אלצ, באזונדערס וויכטיק איז אינ דעמ דאָזיקנ איבערפלי אייגנשאפטנ רויקייט, זיכערקייט און פעסטקייט.

וויקלונגענ אינ די שטימונגענ זיינענ מעגלעכ אפילע אינ אונדזער, אָנ צווייפל, מוטיקנ קאָלעקטיוו. בא אומגעריכטע קאָמפּליקאציעס קאָנ בא אייניקע אנטשטיינ בלויז א פארדרוס אפ די שטערונגענ, בא אנדערע—א פארלוירנקייט, נאָכ אנדערע קאָנענ פארלירנ דעמ גלויבנ אינ דערפאָלג. דאָס וועט ניט געשענ, אויב די קאָמוניסטנ וועלנ זיינ אינ אוואנגארד, אויב די קאָמוניסטנ וועלנ אליינ ניט נאָכגעבנ.

אונדזער קאָלעקטיוו איננאנצנ גענומענ וועט ניט נאָכגעבנ. אָבער די שווערינקייט באשטייט טאקע דערינ, וואָס איינע פונ די שיפנ קאָנ אָפּשטיינ, מאכנ א געצוווּנגענע אראָפּנידערונג אָדער, ענדלעכ, די עקספּעדיציע וועט זיכ פאָשעט צעטיילנ אפ זעלבשטענדיקע גרופּעס. אָט דאנ טאקע וועט די ראָליע פונ די קאָמוניסטנ אויסוואקסנ אינ פיל מאָל.

אפ יעדער שיפ פונ דער עקספּעדיציע זיינענ פאראנ עטלעכע קאָמוניסטנ. די דאָזיקע גרופּקעס דארפנ זיינ גרייט דערצו, אז זיי קאָנענ פארוואנדלט ווערנ אפ א באשטימטנ, מעגלעכ דויערנדיקנ פעריאָד, אינ א זעלבשטענדיקער פּארטיי־אָרגאניזאציע. דעריבער וואָלט געווענ צוועקמעסיק אויסקלייבנ אפ יעדער שיפ א פארטאָרג, וועלכער וועט, אויב דאָס וועט זיינ נייטיק, זיינ דער פּארטיי־אָנפירער פונ דער שיפ, דער נאָענטסטער געהילפ פונ קאָמאנדיר אינ דער פּאָליטארבעט. ער איז מעכויעוו געניי קענענ זיינע מענטשנ, נאָכשפּירנ נאָכ זייערע שטימונגענ, אופהייבנ זייער גייסט, באצייטנס ליקווידירנ די מעגלעכקייט פונ פּסיכאָלאָגישע דורכפאלנ.

מע מוז אומבאדינגט איינהיטנ די מונטערקייט. דאָס קאָנ מענ טאָנ אפ פארשיידענע אויפאנימ. טיילמאָל העלפט א וויצ, אנ אנדערשמאָל—

א שמועס, אנ איניציאטיווע טאט. נאָר ס'איז וויכטיק, אז מע זאָל עס טאָנ טייקעפ.

אינ יעדער לאגע דארפ מענ איינהיטנ פערזענלעכע רויקייט. עס טרעפנ פארשיידענע געצווונגענע אראָפנידערונגענ. עס איז מעגלעכ, אז דער עקיפאזש וועט זיכ אליינ ספראווענ מיט דער לאגע, ער וועט פאריכטנ, לאָמיר זאָגנ, א קאליע געוואָרענעמ מאָטאָר און וועט פליִענ ווייטער. אויב דאָס וועט ניט געלינגענ צו טאָנ—אינ אזא פאל פארוואנדלט זיכ דער עקיפאזש פונ דער געליטענער שיפ אינ א זעלבשטענדיקער פאָליארער עקספעדיציע. די גאנצע ארבעט דארפ פאָרגעזעצט ווערנ. נאָכ מער, איר קרייז וועט פארברייטערט ווערנ: מע וועט דארפנ פירנ מעטעאָראָלאָגישע באָבאכטונגענ און איבערגעבנ זיי דורכ ראדיאָ, קעדיי צו העלפנ די איבעריקע שיפנ לייזנ די גענעראלע אויפגאבע, קעדיי צו געבנ ווערטפולע מאטעריאלנ וועגנ דעמ ראיאָנ, וווּ היינ ס'וועט זיכ אראָפלאָזנ דער אעראָפלאנ.

בא אונדז אינ לאנד בלייבט קיינער ניט אָנ הילפ. אויב איינע פונ די שיפנ וועט ליידנ א קאטאסטראָפע, וועלנ מיר זיכ, פארשטייט זיכ, באמיִענ העלפנ איר מיט די אייגענע קויכעס פונ דער עקספעדיציע. אויב די דאָזיקע קויכעס וועלנ זיינ ווייניק, וועט צו הילפ ארויסגיינ דער אייזשפאלטער „לענינ", וועלכער שטייט אצינד גרייט אינ מורמאנסק. הילפ וועט געבנ דאָס גאנצע לאנד. צו דער גרופע, וואָס האָט געליטנ די קאטאסטראָפע, וועלנ זיכ טראָגנ כוואליעס פונ מיטגעפיל, אופמערקזאמקייט, זאָרג פונ אונדזער גאנצנ היימלאנד, פונ אונדזער רעגירונג, פונעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער פארטיי. אלע זיינענ מיר מיט טויזנטער פעדעמ פארבונדנ מיטנ לאנד, און דאָס לאנד וועט טאָנ אלץ, קעדיי צו העלפנ יעדנ אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע.

די דערפארונג פונ „טשעליוסקינ" און פונ אנדערע עקספעדיציעס באווייזט, אז אינ א שווערער סיטואציע בייטנ זיכ די שטימונגענ פונעמ מענטשנ זייער שארפ. אפ דער קריִע, נאָכנ אומקומ פונ „טשעליוסקינ", האָבנ אייניקע געוויינט. איז וואָס? קיינמאָל און בא קיינע אומשטענדנ טאָר מענ ניט פארווארפנ א מענטשנ זיינע שוואכקייטנ. מע דארפ ארומרינגלענ אזא מענטשנ מיט זאָרג און כאווערישער באציונג. די באָלשעוויקעס—די פירער פונ מענטשלעכע געשאָמעס,—דארפנ באהערשנ אָט די קונסט אינ דער פולער מאָס.

מיר טוענ אונדזער זאַכ ניט צוליב פערזענלעכנ רומ. די אופירונג פונ יעדערנ פונ אונדז איז ניט זײַנע קיינ פערזענלעכע זאַכ. דער דערפאָלג פונ דער אָפּעראַציע וועט צוגעבנ אונדזער וווּנדערבאַר לאַנד א נײַעמ גלאַנצ. מיר דאַרפנ געבנ אַזאַ מוסטער פונ אופירונג, מיט וועלכנ דאָס היימלאַנד, וואָס האָט אונדז געשיקט, וועט שטאָלצירנ. אונ די ווירדיקע אופירונג פונ די אָנטײלנעמער אינ דער עקספּעדיציע וועט דערהייבנ דאָס לאַנד פונ די ראַטנ אינ גאָר דער וועלט...

אָטאָ יוליעוויטש האָט געענדיקט זײַנ רעדע. מיר האָבנ אויסגעקליבנ פּאַרטאָרגנ אונ זײַנענ זיכ שוועמנדיקערהייט פאַנאַנדערגעגאַנגענ. עס האָט זיכ געוואָלט אַפּ לאַנג פאַרהיטנ אינ זיקאָרנ די דאָזיקע ווערטער.

איכ בינ א קאָמוניסט, אונ נאָכ אָטאָ יוליעוויטשעס רעדע האָב איכ נאָכ טיפער דערפילט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס איכ האָב גענומענ אַפ זיכ, אַרײַנטרעטנדיק אינ דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס.

4 אַפּריל.

דער פלי, וואָס איז געווענ באַשטימט אַפ הײַנט, איז אָפּגעלייגט געוואָרנ צוליב דעמ שלעכטנ וועטער אַפ פראַנצ=יאָזעפס לאַנד. איצט איז עס אינצווייענ פאַרדראָסיק. נאָכ אָטאָ יוליעוויטשעס פאָרטראָג האָט זיכ געוואָלט טייקעפ זעצנ צומ שטורוואַל אונ פליענ פאָרויס צומ צווייטנ ציל.

מיר זאָלנ נאָר ניט דאַרפנ איבערכאַזערנ אינ נאַריאַנ=מאַר א צווייט מאָל דעמ קורס פונ דער פּאָליאַרער וויסנשאַפט—געדולד—לויט נאַנסענס מעטאָד!

אַלע שיפנ זײַנענ שוינ גרייט צומ אַרויספלי. גאַלאָווינ האָט הײַנט געמאַכט א פּרווו=פלי. בײַ אימ איז נאָכ אַלצ עפּעס ניט אינ אָרדענונג מיט דער ראַדיאָסטאַנציע אַפנ אַעראָפּלאַנ.

א צופאַל, וואָס האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגנ וואַכזאַמקײַט. בײַסנ וואָרעמענ דעמ מאָטאָר האָט זיכ הײַנט אַפ אונדזער שיפ, צוליב דעמ מעכאַניקס פאַרזענ, אָנגעצונדנ א בענזינ=לאָמפּ אונ ס'האָט זיכ אָנגעכאַפּט דער קאַפּאָט אונ די ציכ פונעמ מאָטאָר. די זאַכ האָט זיכ פאַרענדיקט מיט פאַרהעלטנישמעסיק קליינע פאַרלוסטנ, נאָר ס'האָט געקאָנט זײַנ פיל ערגער. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אַפ ליקווידירנ

די פאָלגנ פונ דער סריפּע, אונ איינציקע זאכנ וועט מענ נאָכ דארפנ פארענדיקנ מאָרגנ.

דער וועטער פארבעסערט זיכ ניט, אונ אפ דער בארטונג פונ ד שיפּ-קאָמאנדירנ איז די פראגע וועגנ מאָרגנדיקנ אָפּפלי געלייזט געוואָרנ נעגאטיוו.

שוינ פערצנ מעסלעס, ווי מיר האָבנ פארלאָזנ מאָסקווע. עס איז אָפּגעטאָנ געוואָרנ ניט ווייניק, נאָר ס'וואָלט זיכ געוואָלט אָפּטאָנ נאָכ מער.

אינ אָוונט איז א קאָלעקטיוו גלעזל טיי: שעוועליאָוו, ספּירינ, אלעקסייעוו, קאָזלאָוו, בראָנטמאנ אונ די מאזורוקעס (די מאזורוקעס—דאָס זיינענ מיר, דער עקיפּאזש פונ דעמ עראָפּלאנ „פּססר נ—169“). אומענדלעכע דערציילונגענ וועגנ „פאלנ פונ לעבנ“. אונ יעדערער פונ אונדז האָט דאָכ וואָס צו דערציילנ.

...איכ ענדיק פאָולענקאָס „אפנ מיזרעכ“. בא מיר רופט ארויס דער דאָזיקער בוכ, כוץ דעמ אלגעמיינעמ, אויכ א רייִנ פּראָפעסיאָנעלנ אינטערעס. די באשרייבונג פונ דעמ פאראשוטנ-דעסאנט איז בא פאָולענקאָנ געמאכט ניט נאָר שפּאנענדיק, נאָר אויכ טעכניש ריכטיק.

5 אפּרעל.

אינ נאריאנ-מאר האָט זיכ ווידער איינגעשטעלט אנ אויסגעצייכנטער וועטער, אונ עס גלייבט זיכ פּאָשעט ניט, אז ערגעצ איז דער וועטער ניט קיינ גוטער. היינט, אפ דער אָרדנטלעכער בארטונג בא אָטאָ יוליעוויטשנ, האָט דזערדזיעווסקי מיטגעטיילט:

— מאטאָטשקינ שאר נעמט ניט אופ. איבער גאנצ נאָוואיא זעמליא הענגענ נעפּלענ. פראנצ-יאָזעפס לאנד איז אויכ פארמאכט...

אונ דער ארויספלי, וואָס איז שוינ געווענ באשטימט אפ מאָרגנ, ווערט אָפּגעשאפט.

אלעקסייעוו זאָגט ארויס א נייעמ שטאנדפּונקט וועגנ דעמ סיידער, אינ וועלכנ די עסקאדרע זאָל אריבערפליִענ אפנ אינדזל רודאָלפ.

— דערווארטנ זיכ אפ א פּאסיקנ וועטער איבערנ גאנצנ מארשרוט פונ נאריאנ-מאר ביזנ אינדזל רודאָלפ איז קימאט אנ אוממעגלעכע זאכ. דעריבער קאָנ מענ ניט פליִענ דירעקט. איכ האלט,—זאָגט אלעקסייעוו,— אז מע דארפ פליִענ עטאפּנווייז אונ אינ צווישנ אראָפּנידערנ אפ מא-

טאָטשקינ שאר, אגעוו, איז דאָרטנ פֿאראנ א רעזערוו בענזינ. דאָס, וואָס אפֿ מאטאָטשקינ שאר איז פֿאראנ בענזינ, וועט אונדז געבנ די מעגלעכקײט נעמענ אינ גאריאנ=מאר ווייניקער ברענשטאָפֿ אונ וועט, הייסט עס, פֿארלײכטערנ אונדזער ארופֿלי.

דער פֿריערדיקער באשלוס וועגנ פֿליענ אָנ אָפּשטעל ביזנ אינדזל רודאָלפֿ בלײבט דערווײל אינ קראפֿט, ניט געקוקט אפֿ דער גאנצער איבערצײַגנדיקײט פֿונ אלעקסייעווס ארגומענטנ.

האלב איראָניש, האלב ערנסט באהאנדלענ מיר די פֿראגע וועגנ דער מעגלעכקײט פֿונ א געצוווּנגענער אראָפּגידערונג אפֿנ וואסער. עס איז פֿאראנ א געפֿאר, אז בא אזא מינ אראָפּגידערונג קאָנ די שיפֿ מאכנ א פֿולנ קאפּאָט אונ זיכ איבערקערנ מיט די ליזשעס ארופֿ.

— איז דאָכ טאקע גוט!—זאָגט וואָדאָפּיאנאָוו.—אויב עמעצנ איז באשערט צו זעצנ זיכ אפֿנ וואסער, וועט עפּשער זײַנ אפֿילע בעסער, אויב די שיפֿ וועט זיכ איבערקערנ אונ וועט זיכ לייגנ אפֿנ פּלייצע. זי וועט דעמלט באקומענ א גרעסערע שווימ=פֿייִקײט אונ עס וועט זײַנ לײַכט ארויסצוקריכנ.

נאָר פֿונדעסטוועגנ שמעקט קיינעמ ניט די פּערספּעקטיוו צו זעצנ זיכ אפֿנ וואסער, אפֿילע, אויב „די שיפֿ וועט זיכ איבערקערנ אפֿנ פּלייצע“. אלנפֿאלס, דערקלערט דער פֿארטאָרג דאָגמאראָוו, וועלכער איז בײַגעווענ אפֿ דער בארא‍טונג:

— גיינ, איכ בעט אײַכ זייער, טוט וואָס איר ווילט, נאָר לאָמיר זיכ בעסער באגיינ אָנ וואסער. איכ זאָג אָפֿנ: עפּעס האָב איכ קיינ כיישעק ניט דערצו.

6 אפּרעל.

נאָכ נעכטנ האָט לעבנ די אעראָפּלאנענ געקאָכט די ארבעט אונ עס האָט זיכ געשטויסנ אנ אויילעמ. דער מעכאניק באסיינ האָט געפּרוווט אוועקלאָזנ דעמ מאָטאָר מיט דער הילפֿ פֿונ אנ אמאָרטיזאטאָר דורכ א ראָליק, וואָס איז צוגעפּעסטיקט צומ נאָז פֿונ דער ליזשע, אונ ער האָט געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט צעבראָכנ די שויב פֿונ דעמ פּילאָטס קאבינע פֿונעמ אעראָפּלאנ „פּססר נ—170“. די מעכאניקער האָבנ געהאלטנ אינ ענדיקנ פֿאריכטנ אונדזער 169=טנ. פּלוצעמ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ביים מע האָט אופֿגעהויבנ מיטנ דאָמקראט

די ליזשעס, האָט זיכ אָפּ אַלעקסייעווס מאַשינ אויסגעדרייט די סטויקע פונעמ פיוזעליאַזש און מע האָט זיכ אָפּגיכ גענומענ צומ פאַריכטנ דעמ דעפעקט. מע האָט ווידעראַמאָל אָנגעפּאָמפּעט ברענשטאָפ אינ גאָלאָווינס מאַשינ, וואָס האָט זיכ אײַערנעכטנ אומגעקערט פונ דעמ פּרווו=פלי.

און הײַנט איז אפנ אַעראָדראָמ געוואָרנ גאָר שטיל. די מאַשינענ זײַנענ גרייט צומ אַרויספלי, און בײַ זייער גאַנצער דערפינדערישקייט קאָנענ די מעכאַניקער מער ניט געפינענ פאַר זיכ קיינ שומ אַרבעט.

איצט קוקנ מיר אויס בלויז אפנ וועטער.

דזערדזיעווסקי איז אויסגעצייכנט.

— אַלצ איז אינ אָרדענונג! — ענטפערט ער אפ דער פראַגע וועגנ וועטער.

„אַלצ איז אינ אָרדענונג“ באַטײַט, אַז די פאָרויסזאָגונגענ פונ אונדזער סינאָפּטיקער האָבנ זיכ באַרעכטיקט אינ דער פולער מאָס און אַז זײַנ וויסנשאַפטלעכע אײַנגליבע איז באַפרידיקט.

„אַלצ איז אינ אָרדענונג“ באַטײַט, אַז דער וועטער איז אַ שלעכטער איבער דער גאַנצער טראַסע, אַ נעפּל, אַ נידעריקע וואָלקנדיקייט, שניי...

באַטאָג איז אפנ אַעראָדראָמ געווענ אָטאָ יוליעוויטש. ער זעט אַלצ, באַמערקט אַלצ. ער איז געווענ אויכ לעבנ אונדזער שיפ און האָט זיכ פאַרינטערעסירט מיט דער סיבע, צוליב וועלכער עס האָט זיכ אָנגעצונדנ דער לאָמפּ.

אינ אָוונט האָבנ מיר באַקומענ צײַטונגענ, וואָס אַ רייס=אַעראָפּלאַנ האָט געבראַכט פונ מאָסקווע. עס איז עפּעס גלײַכ לײַכטער געוואָרנ אפנ האַרצנ.

7 אַפּרעל.

נעכטנ אפנ דער אָוונטיקער באַראַטונג בײַ אָטאָ יוליעוויטשנ, ווו עס האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אַלע קאָמאַנדירנ פונ די שיפנ, האָט דזערדזיעווסקי געמאַכט אַנ אויספירלעכנ באַריכט וועגנ דעמ וועטער. איבערנ מאַרשרוט דערוואַרט אונדז שניי, נעפּל, שלעכטע זעעוודיקייט, אָבער עס זײַנענ פאַראַנ אָנגאַבנ וועגנ דער דערנענטערונג פונ אַנ אַנטיציקלאָנ. נעמענדיק אינ אַכט די מעגלעכקייט פונ זײַנ אָנקומ, זאָגט זיכ דזערדזיעווסקי אַרויס פאַר דעמ, אַז מע זאָל אַרויספליענ.

די קאָמאַנדירונג גיט אָפּ אַ באַפעל: זײַנ גרייט צומ אַרויספלי.

ענדלעך זיך דערוואַרט!

דרײַ אַזייגער פאַרטאָג הייבן זיך אויף און פאָרן אַוועק אויפן אַעראָדראָם די באָרט־מעכאַניקער. זיבן אַזייגער שטייען אויף אַלע איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע. צו אַכט אַזייגער פאַרזאַמלען זיך אַלע בײַ די אַעראָפּלאַנען.

די מאָטאָרן זײַנען אויסגעפּרוּווט, אַלץ איז גרייט צום סטאַרט. אונדז זײַנען געקומען באַגלייטן די פאָרשטייער פון קרײַזישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, פון קרײַז־אויספירקאָם, פון שטאָט־ראַט און פון אַנדערע אַנשטאַלטן.

מיר וואַרטן אויף פרישע וועטער־ביולעטענען. די לעצטע ראַדיאָגראַמעס, וואָס דזערדזשעווסקי האָט באַקומען, זײַנען זייער פּעסימיסטישע. נאָוואַיאַ זעמליאַ איז פאַרמאַכט, און דעם גאַנצן מאַרשרוט וועט אויסקומען צו פליען איבער באַרענץ־יאַם אָן קיין שום מעגלעכקייט אויפצוטרעטן „אויף די פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס“. אויפן אינדזל רודאָלף איז אַ ווינט פון נײַן באַלן.

די שטימונג פונעם פליער־באַשטאַנד און פון די קאָמאַנדירן הייבט זיך קענטיק אָן צו בײַטן. אַרויספליען בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז אַ בעפיירעשע אַוואַנטיורע. אָבער פונדעסטוועגן וואַרטן אַלע געדולדיק אויף נײַע ביולעטענען.

ענדלעך קומט דזערדזשעווסקי מיט נאָרוואָס דערהאַלטענע ראַדיאָגראַמעס וועגן דער ווײַטערדיקער פאַרערגערונג פונעם וועטער איבערן מאַרשרוט.

דער אַרויספלי ווערט אָפּגעלייגט אויף מאָרגן.

באַטאָג קומט אַ ידיע וועגן אַ זאַווערוכע אויפן קאַפּ זשעלאַניע. אַ ווינט פון צוועלף באַלן. עס האָט אַראָפּגעריסן אַן אַנטענע און אַוועקגעטראָגן דעם מאַסטבוים פון דער ראַדיאָסטאַנציע.

אַ שיין פּאָנעם וואָלטן מיר געהאַט, ווען מיר פליען אַרויס!

8 אַפּרעל.

אינדערפרי איז אַ נעפּל, אַ שניי, אַ נידעריקע וואָלקנדיקייט. אָט איז דער פראָנט, וועלכן עס וואָלטן נעכטן געדאַרפט דורכרײַסן אונדזערע שטאַרק איבערגעלאָדענע אַעראָפּלאַנען.

הײַנט איז דער אַרויספלי אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן.

צו אכצנ אזייגער הייבט זיכ אָנ דער וועטער קענטיק צו פארבעסערנ. ווידער דאָס פייגלעכע וואַרטנ אפ די ביולעטענענ. אומעטומ רעדט מענ נאָר וועגנ וועטער, וועגנ ציקלאָנענ אונ אנטיציקלאָנענ. אינ באהאנדלענ די מעטעאָראָלאָגישע ביולעטענענ נעמענ אנ אקטיוונ אָנטייל אלע מיטגלידער פונ דער עקספעדיציע, אייַנגעשלאָסנ די מעכאניקער, וואָס האָבנ שוינ לאנג ניט וואָס צו טאָנ אפנ אעראָדראָמ.

אינ אָוונט האָבנ מיר לויט דער איניציאטיוו פונ אונדזער פארטייאָרגאניזאטאָר דאָגמאראָוו אייַנגעאָרדנט א קאָלעקטיווע פאָרלעזונג פונ טשעכאָווס ווערק.

דער ארויספלי אפ מאָרגנ איז אויכ אָפגעשאפט.

9 אפרעל.

מיר ווערנ בעפיירעש קוואליפיצירטע ספעציאליסטנ — מעטעאָראָלאָגנ.

מעטעאָראָלאָגיע איז די סאמע מאָדישע אונ, עפשער, די איינ־אונ־איינציקע טעמע פונ אונדזערע געשפרעכנ.

נעמענדיק אינ אכט אָט דעמ גרויסנ אינטערעס צו מעטעאָראָלאָגיע, האָט אונדז דזערדזיעווסקי הייַנט איבערגעלייענט א טעאָרעטישע לעקציע אפ דער טעמע: „די יעסוידעס פונ דער מעטעאָראָלאָגישער וויסנשאפט".

נאָכנ באריכט האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ פראגנ, אָבער צו דער גרעסטער באדויערונג פונעמ פאָרטרעגער, האָבנ זיי געטראָגנ א רייג פראקטישנ כאראקטער: ווענ וועלנ זיכ שוינ ענדיקנ די פארשאָלטענע אָקליוזיעס, ווענ וועט זיכ פאָרט אייַנשטעלנ דער וועטער אונ מיר וועלנ קאָנענ ארויספליענ.

אפ אָט די אלע פראגנ האָט דזערדזיעווסקי גאָרנישט ניט געקאָנט ענטפערנ. מע מוז וואַרטנ, ביז עס וועט זיכ אייַנשטעלנ א גוטער וועטער איבערנ גאנצנ מארשרוט.

נו, וואַרטנ האָבנ מיר זיכ, דאכט זיכ, שוינ אויסגעלערנט!

10 אפרעל.

מיר עסנ, טרינקענ אונ שלאָפנ. ניט קיינ עקספעדיציע אפנ צאָפנפאָליוס, נאָר א מינ סאנאטאָריע. איינגיכנ וועט מענ דארפנ איבערגייענ אלע קנעפלעכ.

מיר האָבנ זיכ שטארק באפרײַנדעט מיט די אָרטיקע אײַנוווינער, מיר באזוכנ דעמ שטאָטישנ קלוב. מיט עטלעכע טעג צוריק זײַנענ מיר געווענ אפ א זעלבסטטעטיקנ קאָנצערט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרנ לעקאָוועד אונדזער אָנקומ. נעכטנ זײַנענ מיר געווענ אינ קלוב אפ טענצ.

א דערפאָלג האָט די שפיל אינ דאָמינאָ. נעכטנ אינ אָוונט זײַנענ מיר געווענ אײדעס פונ אנ אקשאָנעסדיקער שלאכט צווישנ אָטאָ יוליעוויטשנ אונ באבושקינענ, פונ אײנ זײט, אונ וואָדאָפיאנאָוונ מיט איוואנאָוונ — פונ דער צווײטער זײַט. געווונענ האָבנ איוואנאָוו מיט וואָדאָפיאנאָוונ.

הײַנט נאָכמיטיק — א פרײדלעכער שפאציר איבער דער שטאָט.

אונדז אנטקעגנ פאָרנ אפ א שליטנ אָטאָ יוליעוויטש, ספירינ, שעוועליאָוו אונ באבושקינ.

— וווּהינ פאָרט איר עס, אָטאָ יוליעוויטש?

— א סאָד...

עס ווײַזט זיכ ארויס, אז מע פאָרט אינ... באָד.

פונ ניט האָבנ וואָס צו טאָנ, גײט מענ אײנע צו די אנדערע אינ געסט. הײַנט האָט אונדז צווײ מאָל באזוכט פאפאנינ. ער האָט גוואלדיק שפאנענדיק דערצײלט וועגנ זײַנ לעבנ. וואָס פאר א קאָלאָסאלע קראפט עס איז פארבאָרגנ אינ דעמ דאָזיקנ מענטשנ!

פונ אינדערפרי פאלט א שנײעלע. דערנאָכ שטעלט זיכ אײַנ א קלויטערער, שטילער וועטער. עס איז זיכ שווער פאָרצושטעלנ, אז ערגעצ אפ נאָוואיא זעמליא אָדער אפ פראנצ-יאָזעפס לאנד ווילדעוועט א שטורעמ פונ א קאָלאָסאלער קראפט אונ דער פראָסט דערגײט ביז דרײַסיק גראד.

אינ אָוונט, אפ דער בעראטונג פונ די שיפ-קאָמאנדירנ בא אָטאָ יוליעוויטשנ, איז באשלאָסנ געוואָרנ מאָרגנ ארויסצופליענ.

11 אפרעל.

יענע פונ אונדז, וואָס האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט די עקספעדיציע, ווי א פרײלעכנ שפאציר, האָבנ ניט דערשאצט די שוועריקײַטנ פונ דער אָפעראציע אונ האָבנ געהאָפט איצט שוינ טרינקענ טײ ניט נעענטער,

ווי אפנ אינדזל רודאָלפ, — האָבנ הײַנט באקומענ א גענוג אָנגשווילעכע לעקציע.

מיר האָבנ זיכ אופגעהויבנ פיר אזייגער אינדערפרי. מיר באמיענ זיכ ניט צו פארלירנ קיינ איינ מינוט און מיר אײַלנ אפנ אעראָדראָמ. אלצ איז, דאכט זיכ, אינ אָרדענונג.

9 אזייגער מיט 40 מינוט פליט ארויס אפ אנ אויסשפּירונג גאָלאָווינ, נאָכ אימ גרייט זיכ צומ סטארט דער פלאגמאנ. אָבער די ערד פונ גאריאנ-מאר האלט פעסט אינ אירע לאפּעס אונדזער עסקאדרע. די ליזשעס פונעמ „פססר נ—170“ זײַנענ פעסט צוגעפראָרנ צומ שניי, און עס גיט זיכ בעשומוים ניט אײַנ צו רירנ די מאשינ פונ אָרט. ענדלעכ האָט זיכ די מאשינ פאָרט א ריר געטאָנ פונ אָרט. מיט גרויס מאטערניש, אָפּלויפנדיק מער פונ א האלבנ קילאָמעטער, רײַסנ זיכ די פינפ און צוואנציק טאָנ אָפּ פונ דער ערד.

לויט דער אָרדענונג פונ סטארט גרייט זיכ צומ ארויספלי מאָלאָקאָוו. בלויז מיט דער הילפ פונ א קראנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפּצורײַסנ פונ אָרט דעמ „פססר נ—171“.

מיר ווארטנ — באלד וועט מאָלאָקאָוו דערלאנגענ פולנ גאז, און די מאשינ וועט אוועק אינ דער לופט. דער אעראָפלאנ געמט זיכ פאנאנדעריאָגנ, לויפט איבערנ פעלד און שטעלט זיכ אָפּ. באמ פאנאנדערלויפנ האָט זיכ אָפּגעשטעלט דער עקסטער לינקער מאָטאָר.

וואָס איז הײַנט פאָרגעקומענ מיט די מאָטאָרנ איז שווער צו זאָגנ, אָבער גלײַכ נאָכ מאָלאָקאָווס מאָטאָר האָבנ איינער נאָכנ אנדערנ, ווײַזט אויס פונ סאָלידארישקײַט וועגנ, אָנגעהויבנ צו קאפּריזענ די עקסטע לינקע מאָטאָרנ בא אונדז און בא אלעקסייעווו.

איז ניט געבליבנ קיינ אנדער בריירע, ווי אויסשליסנ דעמ גאז און זוכנ די סיבע פונ דער שלעכטער ארבעט פונ די מאָטאָרנ.

דערווײַל טיילט גאָלאָווינ מיט דורכ ראדיאָ, אז ער איז דערגאנגענ ביזנ יאמ, איז ארײַנגעפאלנ אינ א שניי-שטורעמ אפ דער הייכ פונ 1 000 מעטער, האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ, האָט זיכ ניט געקאָנט דורכשלאָגנ און קערט זיכ אומ צוריק.

די דאָזיקע יעדיע ווערט איבערגעגעבנ אפנ פלאגמאנ-אעראָפלאנ, וועלכער מאכט גרויסע קרײַזנ איבערנ אעראָדראָמ. ווארטנדיק אפ אונדז.

11 אזייגער מיט 10 מינוט קומט אָן גאַלאָווין און הייבט אָן האַס־טיק אראָפּגנידערן.

דער פּלאַגמאַן לייגט זיך אויפן קורס, הייבט זיך אַלץ העכער און, דורכשלאָגנדיק די וואָלקנדיקײַט אויפן גיוואָ פון 1700 מעטער, ראַדירט ער:

„די זעעוודיקײַט איז אַן אויסגעצייכנטע, דער וועג איז אָפן".

מיר וואַרטן אויף דעם פּלאַגמאַנס ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען. מיר באַמיִען זיך טרעפן, וואָס וועט איצט טאָן וואָדאָפּיאַנאָוו.

מע דאַרף וויסן די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פּליִער, קעדיי מע זאָל זיך פאָרשטעלן, וואָס עס האָט איבערגעלעבט אין דעם מאָמענט וואָדאָפּיאַנאָוו, זעענדיק, אז די איבעריקע מאַשינעס זײַנען ניט אַרויפגעפלויגן. צוועלף מעטלעם פּײַנלעך געוואַרט אויפן וועטער. ענדלעך קאָן מען פליִען. אַ ביז גאָר שווערער אַרופלי. די שיף איז אײַנדערלופטן.

ניט שוין זשע וועט וואָדאָפּיאַנאָוו אַוועק פאָרויס איינער אַליין און וועט פאַרגעסן וועגן די איבעריקע מאַשינעס?

אונדזערע געדאַנקען רײַסט איבער דער גערויש פון מאָטאָרן. דער פּלאַגמאַן באַווײַזט זיך איבערן אַעראָדראָם, און די פּילאָטאָניקע שיף הייבט אָן אַראָפּגנידערן.

דער פלי־טאָג איז אין גיוועץ געגאַנגען. עס האָט פאַרדראָסן, און ווי אַפּצעלאָכעס זײַנען נאָך אַ צולייג דערצו אָנגעקומענע ידיעות, אז רוסקאיא גאַוואַן און דער קאַפּ זשעלאַניע זײַנען אָפּן פאַרן אַראָפּגנידערן.

יעדע זאַך האָט זיך אָבער איר גוטע זײַט. דער קאָמאַנדיר פון אַטריאַד האָט אונדז באַוויזן אַן אויסגעצייכנטן בײַשפּיל פון אָרגאַניזירטקייט, זעלבסטדיסציפּלין, פון בײַקומען די אייגענע פאַרלאַנגען און שטימונגען אין די אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוו.

12 אַפּרעל.

קיינער, דאַכט זיך, גלייבט שוין ביכלאל ניט, אז מיר וועלן ווען־עכ־איז אַוועקפליִען פון נאַריאַנ־מאַר. די איזוואָשטשיקעס, וועלכע פירן אונדז אויף יעדן פרימאָרגן אויפן אַעראָדראָם, מאַכן פון אונדז כויזעק:

— נעמט בעסער אונדזערע הירשעלעך! זיי וועלן אײַך גיכער דערפירן און אין יעדן וועטער!

די אָרטיקע מאַכט האָט אויכ פֿאַרלוירנ די האָפֿענונג, אַז מיר וועלנ ווענ-ניט-איז אוועקפליִענ. דער גאַסטפֿרײַנטלעכער פּאָרזיצער פונ נאַר-יאַנ-מאַרער שטאָט-ראַט איז אינ פֿאַרצווייפֿלונג. א האַלבע מייע טײַע-רע געסט. עפּעס א קלייניקײַט? מיר האָבנ אופגעגעסנ אַוואַדע מער ווי א העלפט פונ דעם גאַנצנ יאָריקנ רעזערוו קאָמפּאָט, וואָס איז געלעגנ אינ די שטאָטישע סקלאַדנ.

אָבער מיר זײַנענ פונדעסטוועגנ אוועקגעפלויגנ פונ נאַריאַנ-מאַר, כאָטש דעם דאָזיקנ אָפּפלי וועט יעדערער פונ אונדז פֿאַרגעדענקענ אַפ לאַנג.

נעכטנ האָבנ מיר דעם גאַנצנ טאָג געאַרבעט בא די מאָטאָרנ. מיר האָבנ דורכגעקאָנטראָלירט די זשיקלערנ, אומגעביטנ די ליכט. איבער-געמאַפט א צאָל נאָכ א צאָל די גאַנצע געדערים פונ די מאָטאָרנ. דער-גאָסנ אינ די באַקנ נאָכ צוויי פעסלעכ בענזינ און אכט אזייגער אינ אָוונט, טויט-מידע, האָבנ מיר זיכ געלייגט שלאָפנ.

צוויי אזייגער באַנאַכט האָבנ מיר זיכ אופגעכאַפט פונ א הויכנ אומרויִקנ קלאַפּ אינ טיר. ס'איז געקומענ צו לויפנ א פאַרסאָפּעטער פאַפאַנינ.

— גיכער, ברידערלעכ, מע דאַרפ אַרויספליִענ... עס קומט אָנ א הייסער ציקלאָנ... אַלצ אַפנ אַעראָדראָם וועט צעגיינ...

מיר טראָגנ זיכ אַפגיכ צומ אַעראָדראָם. די פורמאַנעס לאַכנ.

— ניטאָ וואָס צו אײַלנ אַזוי, אַלציינס וועט איר ניט אוועקפליִענ.

5 אזייגער מיט 12 מינוט איז אַרויסגעפלויגנ גאָלאָווינ. אינ דעם, אַז ער וועט זיכ הײַנט ניט אומקערנ בא קיינע שום באַדינגונגענ, האָט מענ געקאָנט זײַנ זיכער, ווײַסנדיק פאָוועל געאָרגיעוויטשעס היציקײַט און איינגליבע.

צומ אַרופלי זײַנענ גרייט אויכ אַלע איבעריקע שיפנ. עס דרייענ זיכ די פּראָפּעלערנ. די עקיפּאַזשנ זײַנענ אוועק צו די מאַשינעס.

דער ערשטער רודערט אַרויס אַפנ סטאַרט „פססר נ—170". וואָ-דאָפּיאַנאָוו הייבט זיכ אָנ פֿאַנאַנדערלויפנ סאַמע בא דער גרענעצ פונ אַעראָדראָם, ער לויפט דורכ דאָס גאַנצע פעלד פונ איינ עק ביזנ צווייטנ, אָבער ער רײַסט זיכ ניט אָפּ פונ דער ערד.

א פולקומער שטיל. א ווייכער, עטוואָס צעגאַנגענער שניי. די לי-



פארנ ארויספלי פונ נאריאנ־מאר.

שעם קלעפּנ זיכ צו דער ערד. די מאקסימאלע שנעלקייט באם ארופּ=
לי איז 60—65 קילאָמעטער. פארשטייט זיכ, אז דאָס איז קנאפּ.

וואָדאָפּיאנאָוו לויפט זיכ ווידעראמאָל פאנאנדער. מיר זעענ, אז די מאשינ שטרענגט אָנ אלע אירע קויכעס, פונקט ווי א לעבעדיקע, א שפּרונג צו טאָנ. מיר שטעלנ זיכ פאָר וואָדאָפּיאנאָווג אונ באבושקינענ, וואָס זיצנ פארגליווערט באם שטורוואל, אָנשטרענגענדיק דעמ גאנצנ ווילנ.

דער זעלבער רעזולטאט, וואָס באם ערשטנ פּרוּוו.

וואָדאָפּיאנאָווס איינגעשפּארטקייט איז אלעמענ באוווּסט. ער מאכט א דריטנ, א פערטנ, א פינפטנ, א זעקסטנ פּרוּוו. זעקס מאָל לויפט דורכ די מאשינ דעמ גאנצנ אעראָדראָמ. דער זעלביקער עפעקט.

וואָדאָפּיאנאָוו שליסט אויס די מאָטאָרנ.

אינ דער צייט קומט אָנ די ערשטע ראדיאָגראמע פונ גאָלאָווינס אעראָפּלאנ.

וואָלקאָוו ראדירט:

„אלצ איז אינ אָרדענונג, דער וועטער איז אנ אויסגעצייכנטער“.

די קאָמאנדירונג נעמט אָנ א באשלוס:

— אויב כאָטש צוויי מאַשינען וועט זיך איינגעבן אָפּצורייסן זיך, דאַרפֿן זיי פֿליִען זעלבעצווייט, ניט וואַרטנדיק אַף די איבעריקע.

איצט באַקומען מיר דעם באַפֿעל ארויסצופֿליִען. 7 אַזייגער מיט 28 מינוט הייבט מאַזוּרוּק אָן דעם פּאַנאַנדערלויף. וואָדאָפּיאַנאָווס פּראָגראַם ווערט איבערגעכאַזערט פֿון אָנהייב ביזן סאָף. 7 אַזייגער מיט 42 מינוט קערן מיר זיך אום אַף אונדזער אָרט און שליסן אויס די מאָטאָרן.

ניין, ארויספֿליִען מיט פֿולע באַקן ברענשטאָף וועט אונדז הײַנט, אַפּאַנעם, ניט געלינגען.

עס ווערט געמאָלדן אָטאָ יוליעווישעס און וואָדאָפּיאַנאָווס אַ באַפֿעל:

„אָפּגיסן צו פֿערצן פּעסלעך בענזין. איבערלאָזן אין די באַקן צו 4 700 ליטער און פֿליִען אַף מאַטאָטשקין שאַר“.

אַן אַלגעמיינער אוראַל. אַלע אַרבעטן געוויסנהאַפֿט, פֿאַרשטייענדיק, אַז מע דאַרף שפּאָרן יעדע מינוט. מע קײַקלט די אײַזערנע פּעסלעך, מע פּעסטיקט צו די שלאַנגען. דער קינאָ-אָפּעראַטאָר טראָיאַנאָווסקי איז אַנציקט. מערקווירדיקע מאָמענטן לויט זײַער עקספּרעסיע! און דרייט אָן אופֿהער דאָס הענטל פֿון זײַן אַפּאַראַט.

אָטאָ יוליעוויטש וואָרנט די מעכאַניקער:

— איך בעט זייער, מע זאָל דעם בענזין אָפּגיסן אָרנטלעך. אַלע ווייסן דאָך, אַז יעדערער פֿון אײַך האָט אַ רעזערוו ברענשטאָף „אַף יעדן פֿאַל“.

אין אַ האַלבער שאָ איז די גאַנצע אָפּעראַציע געווען פֿאַרענדיקט. יעדע שיף איז געוואָרן גרינגער אַף עטלעכע טאָן.

10 אַזייגער מיט 10 מינוט. אַלע זעקצן פּראָפּעלערן צייכענען שוין ווידער פֿינקלענדיקע קרײַזן.

10 אַזייגער מיט 20 מינוט. דער פֿלאַגמאַן גרייט זיך צום ארופֿלי. בײַ אַלעמען איז איין און דער זעלבער געדאַנק: „ער וועט ניט באַווײַזן אָפּצורײַסן זיך, ער וועט ניט באַווײַזן אָפּצורײַסן זיך“.

די מוירע האָט זיך, צום באַדויערן, באַרעכטיקט. וואָדאָפּיאַנאָוו הייבט זיך ווידער אָן פֿאַנאַנדערלויפֿן.

צען סעקונדעס... צוואַנציק סעקונדעס... דרײַסיק סעקונדעס...

עס דאכט זיך, אז די מאשין לויפט שוין איבערן פארשנייטן פעלד א גאנצע אייביקייט.

פופציק סעקונדעס.... זיבעציק סעקונדעס...

ניט שוין זשע ווידער אומגעלונגען!.. אפ דער פינף־און־זיבעציקס־טער סעקונדע מאכט דער עראָפּלאַן א קוים באמערקבארע באוועגונג און רייסט זיך אָפּ פון דער ערד.

10 אזייגער מיט 34 מינוט. עס פליט ארויס „מאַלאַקאָוו". אכציק סעקונדעס און „פּסטר ב—171" רייסט זיך אָפּ פון דער ערד.

הורא! צוויי מאשינעס זיינען שוין אינדערלופטן. איצט דארפן נאָר מיר מיט אלעקסייעוון ניט אונטערפירן.

10 אזייגער מיט 39 מינוט. איליא מאזורוק האָט אָנגעהויבן דעם פאנאנדערלויף. אפ דער פינף־און־פערציקסטער סעקונדע הייבט אָן די ערד אײַנזינקען. מיר הייבן זיך אוף, מאכן א קרייז אין דער לופט און לייגן זיך אפן קורס.

אדיע, נאריאן־מאר!

זעקס טאָג אפנ אינדזל נאָוואיא זעמליא

איבערנ בארענצ-יאמ. פאר וואָס האָט מענ ליב די ארקטיק דער ערשטער שניי-שטורעמ. איכ גיי איבער אפ אלעקסייעווס מאשינ. באלד איז דער אינדזל רודאָלפ.

12 אפרעל.

ווי זאָל מענ באשרייבנ דעמ מערקווירדיקנ געפיל פונ רויִקער אונ פרײדיקער זיכערקײט, וואָס אנטשטייט באמ פליִער, ווענ די מאָטאָרנ ארבעטנ, ווי א זייגער, אונ עס קומט אפילע ניט אפנ זינענ דער גע-דאנק, אז זיי קאָנענ נאָכגעבנ?

פיר טויזנט פערדקראפט שלעפנ אונדז מיט אימפעט פאָרויס, אונ ס'דאכט זיכ, אז קיינ זאכ קאָנ ניט איבעררײסנ אָט דעמ וווּנדערבארנ לויפ צו דעמ פונקט, ווו עס גייענ זיכ צונויפ דרײַ הונדערט זעכציק מערידיאַנענ.

אזוי, אומבאמערקט פאר זיכ אליינ, ווערט דער סאמע פראָזאיִש-געשטימטער מענטש פארוואנדלט אינ א לירישנ פאָעט...

אינ א פערטל שעה ארומ נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונ אעראָדראָמ אינ גאריאנ-מאר, האָבנ מיר זיכ דערנענטערט צו וואָראָפיאנאָווס אעראָפלאנ אונ זײַנענ אוועק אינ א ריי.

אלצ איז פאָרגעקומענ לויטנ פריִער אָנגעמערקטנ פלאנ. לינקס, אײַנגעהילט אינ א רויכל, גייט דער פלאגמאנ, לינקס פונ פלאגמאנ — מאָלאָקאָוו. „פססר נ—172“ איז אָפגעשטאנענ פונ אונדז נאָכ בייסנ ארופלי: אלעקסייעוונ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ גלײַכ אָפצורײַסנ זיכ

פונ דער ערד. ער איז געווענ געצווונגענ נאָכאמאָל פאַנאַנדערלויפנ זיכ, אונ דערנאָכ האָבנ מיר אימ פארלוירנ פונ די אויגנ.

מיר גייענ אפ דער הייכ פונ 900 מעטער. 11 אזייגער מיט 02 מינוט זײַנענ מיר אפ דער הייכ פונ 1 350 מעטער ארײַנ אינ וואָלקנס, אונ דער פלאגמאנ איז באלד פארשווונדנ פונ אונדז אינ געדיכטנ מילכ-ווײַסנ נעפל. אינ צוויי מינוט ארומ האָבנ מיר דורכגעשלאָגנ די וואָלקנדיקײַט אפ דער הייכ פונ 1 450 מעטער, אונ איבער אונדז האָט בלענדנדיק געגומענ שײַנענ די זונ אונ דער הימל האָט זיכ אויסגעלײַטערט.

ווי לאנג מיר האָבנ שוינ ניט געזענ אזא זונ אונ אזא הימל!

מיר הערנ ניט אופ צו גייג אינ דער הייכ. דער אלטימעטער באַווײַזט שוינ 2 100 מעטער. אונטער אונדז שפרייט זיכ א דורכווײַקער שניי-ווײַסער טעפיכ פונ וואָלקנס, וואָס דערמאָנט מיר ניט ווילנדיק דאָס בילד פונ בוימוואָל-פעלדער. קיינ איינ ליכטיק אָרט אינ דעמ אומענדלעכנ שלייער, וואָס האָט אײַנגעהילט פונ אונדז די גאנצע וועלט.

דער טערמאָמעטער אפנ פליגל באווײַזט צענ גראד פראָסט, אָבער מיר פילנ ניט קיינ קעלט. מעגלעכ, אז דאָס איז דערפאר, וואָס עס איז ווארעמ אונ פריילעכ אפנ הארצנ פונ דעמ גוטנ וועטער, פונ דער זיכערער אונ פינקטלעכער ארבעט פונ די מאָטאָרנ, פונ דעמ, וואָס מיר באוועגנ זיכ דערפאָלגרײַכ פאָרויס, פונ דעמ, וואָס מיר זײַנענ יונג אונ קענענ נאָכ א סאכ אופטאָנ.

מיר גייענ איבערנ בארענצ-יאמ. אייגנטלעכ גערעדט, זעענ מיר נאָכ גיט דעמ יאמ אונ מיר אורטיילנ וועגנ דעמ לויט די שטורמאנישע אויסרעכענונגענ. דערנאָכ ווערנ די וואָלקנס שיטערער, עס באווײַזנ זיכ „פענצטער“, אונ 11 אזייגער מיט 15 מינוט האָבנ מיר צומ ערשטנ מאָל ווײַט אונטער זיכ דערזענ וואסער. אינגיכנ פארשווינדנ די וואָלקנס אינגאנצנ, אונ מיר גייענ שוינ איבערנ אָפענעמ יאמ. וויפל עס כאפט דאָס אויג, זעט זיכ בלויז וואסער אויסגעמישט מיט ווײַסע שופנ פונ צעבראָכענעמ אײַז, אונ בלויז דער בויגנ פונ האָריזאָנט באגרענעצט דעמ דאָזיקנ אומענדלעכנ געוויסער.

עס זײַנענ שוינ אריבער באלד צוויי שאָ, ווענ מיר האָבנ פונדערווײַטנ דערזענ די שניי-ווײַסע ברעגנ פונ דעמ אינדזל נאָוואיא זעמליא. דעמ טויטנ, אומפרײַנטלעכנ אינדזל, צעשניטנ דורכ בוכטעס אונ בוכ-

טעלעכ, האָבנ מיר איבערגעשניטנ פונ דאָרעמ=מײַרעוו אפ צאָפנ=מיז=רעכ אונ מיר זײַנענ ארויס צומ קארישנ יאמ, וואָס איז געווענ באדעקט מיט דורכזיכטיקנ אײַז. דאָ האָבנ מיר געענדערט דעמ קורס פונ דאָרעמ אפ צאָפנ אונ האָבנ געוואָרט מיט אומגעדולד, ווענ עס וועט זיכ בא=ווײַזנ מאטאָטשקינ שאר.

14 אזייגער מיט 35 מינוט האָט זיכ אנטפלעקט מאטאָטשקינ שאר — א שמאָלער, געשלענגלטער דורכגוס, וואָס טיילט דעמ אינדזל אפ צוויי טיילנ אונ וואָס לויט אימ האָט מענ געגעבנ דעמ נאָמענ דער פאָליארער סטאנציע „מאטאָטשקינ שאר“. מיר האָבנ דערזענ דעמ ווינטער=לאגער מיט די מאסטנ פונ דער ראדיאָסטאנציע, א גרויסנ אעראָדראָמ אפנ אײַז פונ דורכגוס מיט גוטע צוגענג צו אימ אונ גאָ=לאָווינס אעראָפלאנ, וואָס איז שוינ געשטאנענ אפנ אעראָדראָמ (גאָלאָ=ווינ האָט אינ ווענ באקומענ א באפעל גײנ צו מאטאָטשקינ שאר).

דער פלאנמאנ האָט אראָפגענידערט דער ערשטער. דער טאָרמאָז=פאראשוט פונעמ אעראָפלאנ „פססר נ—170“, וועלכער האָט מיר ביז איצט פארשאפט נאָר זאָרג אונ הארצווייטעק, האָט דעמ ערשטנ מאָל „געארבעט“ קימאט גוט. דער צווייטער האָט אראָפגענידערט מאָלאָ=קאָוו, דער דריטער האָט זיכ אראָפגעלאָזט אונדזער אעראָפלאנ. אלעקסייעוו איז געקומענ צו פליענ ערשט אינ פערציק מינוט ארומ. דעמ גאנצנ וועג איז ער דורכגעגאנגענ אינגאנצנ אווטאָנאָמ, איינער אלײנ.

13 א פ ר ע ל.

מאטאָטשקינ שאר איז אנ אָרט פונ אויסערגעוויינלעכער, זעלטענער שיינקײַט. ארויסגייענדיק פונ אעראָפלאנ, האָב איכ, ניט געקוקט אפ דער מידקײַט, זיכ ניט געקאָנט אָנקוויקנ מיט דער הערלעכער גרויזאמער לאנדשאפט, אונ איכ האָב געזאָגט וועגנ דעמ אָטאָ יוליעוויטשנ.

— אָט איצט הייבט איר אָנ צו פארשטײנ, פאר וואָס מע האָט ליב די ארקטיק! — האָט געענטפערט אָטאָ יוליעוויטש.

לאנג זיכ קוויקנ מיטנ ווונדערלעכנ בילד איז אונדז אָבער פונדעסט=וועגנ ניט אויסגעקומענ. אפ הינטישע נארטעס האָט מענ צוגעפירט צו די אעראָפלאנענ בענזינ, אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די געוויינלעכע ארבעט. אינ די אעראָפלאנענ האָט מענ אָנגעפאָמפעט בענזינ, ווידערא=



די פּאָליארע סטאַנציע מאַטאָטשקין שאַר.

מאָל האָט מען גענומען באַקוקן די מאָטאָרן און די גאַנצע אויסשטאַ־טונג. אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט ביז צען אַזייגער אין אָוונט. נאָכ־דעם זײַנען מיר אַוועק „אַהיים“. דער שעף פון דער פּאָליאַרער סטאַנ־ציע האָט אונדז גאַסטפרײַנטלעך אײַנגעאָרדנט אין די צימערן פון די ווינטערער. אין דרויסן איז געווען נאָך גאָר ליכטיק—אין דער צײַט פון יאָר ווערט דאָ קימאַט קיינמאָל ניט פינצטער. אַזוי האָבן מיר זיך נאַ דער טאָג־שײַן געלייגט שלאָפן.

הײַנט פון גאָר פרי אָן האָבן מיר ווידער געפּאָמפּעט בענזין. דאָס איז גאָר קיין געלעכטער ניט—אָנגיסן אין די באַקן פון יעדער מאַ־שין ביז צוואַנציק פעסלעך ברענשטאָף.

צו פאַרנאַכט־צו זײַנען אַלע מאַשינעס געווען פאַרטיק. די ערשטע האָט פאַרענדיקט צוגרייטן צום אַרויספלי דעם אַעראָפּלאַן „פּססר ן—170“ פּאַפּאַנינס גרופּע, און דערנאָך האָט זי גענומען העלפן מאָ־לאָקאָווס אַעראָפּלאַן, דערנאָך זײַנען זיי געקומען אויך צו אונדז. באַ־זונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט ערנעסט קרענקעל, וועלכער האָט גע־אַרבעט אָן אָפּרו.

...הײַנט—דעם 13 אַפּרעל — איז אַ רומפולער יובילײַ. אין דעם

טאָג זײַנען מיט דרײַ יאָר צוריק געראַטעוועט געוואָרנ די טשעליוס־קינצעמ.

אינ אונדזער עקספּעדיציע באַטייליקנ זיכ פֿינפֿ בעסטע פֿאָרשטייער פֿונ דעמ העלדישנ „טשעליוסקינ"־קאָלעקטיוו: אָטאָ יוליעוויטש שמידט, קרענקעל, שירשאָוו, באַבושקינ אונ איוואַנאָוו. כוצ דעמ, זײַנענ מיט אונדז דאָ וואָדאָפּיאַנאָוו אונ מאָלאָקאָוו, וועלכע זײַנענ באַלוינט מיטנ טיטל העלד פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד פֿאַרנ אָנטייל אינ דער רעטונגס־אָפּעראַציע.

אינ אָוונט אינ דער קאַיוט־קאָמפּאַניע האָט זיכ אָטאָ יוליעוויטש געטיילט מיט די ווינטערער פֿונ מאַטאָטשקינ שאַר מיט זײַנע דערינערונגענ וועגנ לעגענדאַרישנ רייס פֿונעמ „טשעליוסקינ".

— מיט דרײַ יאָר צוריק, — האָט געזאָגט אָטאָ יוליעוויטש, — האָט דאָס גאַנצע לאַנד זיכ באַטייליקט אינ אַראָפּנעמענ די מענטשנ פֿונ דער קריע. אונ אַציִנד פֿליִענ מיר לויט דער אויפֿגאַבע פֿונעמ גרויסנ לאַנד, לויט דער אָנווײַזונג פֿונ דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס אונ פֿונ דער ראַטנ־רעגירונג, קעדיי אַרויסצוזעצנ אױפֿ א קריע פֿיר בעסטע זינ פֿונ אונדזער היימלאַנד...

באַנאַכט האָט זיכ איבער מאַטאָטשקינ שאַר צעהוליעט א שניי־שטורעמ. די זאַווערוכע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ אָוונט, אונ שוינ צו אַכט אַזייגער האָט די קראַפֿט פֿונעמ ווינט דערגרייכט ביז אַכט באַלנ.

איכ האָב באַקומענ די ערשטע פֿאָרשטעלונג וועגנ דעמ, ווי גיכ עס ענדערט זיכ דער וועטער אינ דער אַרקטיק. נעכטנ, ווענ מיר זײַנענ אָנגעקומענ אַהער, איז געווענ א פֿולשטענדיקער שטיל אונ ס'האָט צערטלעכ געשײַנט די זונ. איצט איז א שניי־שטורעמ. אונ דזערדזיעווסקי פֿאַרזיכערט, אַז איבערמאָרגנ וועט אַלצ ווידער שטיל ווערנ אונ מע וועט קאָנענ אַרויספֿליִענ.

14 אַפּרעל.

פֿאַרטאָג האָבנ זיכ די מעכאַניקער צונויפֿגעקליבנ בײַ די אַעראָ־פּלאַנענ, קעדיי צו באַטראַכטנ אונ דורכצוקאָנטראָלירנ די מאָטאָרנ פֿאַרנ אַרויספֿלי.

דער וועטער האָט זיכ א ביסל באַרויִקט, כאָטש דער ווינט פֿלעגט נאָכ פֿאַרלעשנ די לאָמפּנ אונ פֿלעגט אַראָפּרײַסנ די ציכנ פֿונ די מאָטאָרנ.

פונדערסטוועגנ איז געלונגענ, עמעס מיט גרויס מי, אוועקצולאָזנ צוויי מאָטאָרנ. אָבער באַלד ווי עס האָט זיכ אָנגעהויבנ דרייענ דער פּראָפּעלער פונ דעמ צווייטנ מאָטאָר, איז אומגעריכט פאַר אַלעמענ אָנגעפלויגנ אַ שניי=שקוואַל. אַ ביז גאָר דינער שניי=שטויב האָט ארומגעוויקלט די גאַנצע וועלט, אונ די עראָפּלאַנענ זײַנענ פאַרשוואונדנ פונ די אויגנ.

דאָס איז געווענ די ערשטע גרויזאַמע וואָרענונג וועגנ דעמ, אַז עס דערנענטערט זיכ אַ שניי=שטורעמ. אינ אַ געוויסער צײַט ארומ זײַנענ פאָרגעקומענ געשעענישנ, וועלכע וועלנ אפ לאַנג בלײַבנ בײַ אונדז אַלעמענ אינ זיקאָרנ.

פאַר די צענ יאָר פונ פליער=לעבנ איז מיר אויסגעקומענ צו זײַנ אינ פאַרשיידענע לאַגעס סײַ אינ דער לופט סײַ אפ דער ערד, נאָר קיינ ענלעכע זאַכ האָב איכ זיכ אַפילע פאָרשטעלנ ניט געקאָנט. אַלע באַשרײַבונגענ פונ אַ זאַווערוכע, וואָס איכ ווייס פונ דער ליטעראַטור, זײַנענ גאָרניט ווערט אינ פאַרגלײַכ מיט דעמ, וואָס מיר האָבנ הײַנט איבערגעלעבט בײַ דער פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט דער דאָזיקער דערשײַנונג.

דער שטורעמ=ווינט האָט אופגעהויבנ אינדערלופטנ מיליאָנענ טאָנ שניי. דער שטאָרמ האָט דערגרייכט אַ קאָלאָסאַלע קראַפט, אונ די צוועלפ באַלנ פונ דער אַלגעמיינ=אָנגענומענער שקאַלע זײַנענ ניט אימשטאַנד צו כאַראַקטעריזירנ דעמ ווילדנ צאָרנ פונ דער צעיושעטער סטיכיע.

ס'איז גלײַכ געוואָרנ שווער צו אָטעמענ. מיט גרויס מי אײַנהאַלטנדיק זיכ אפ די פיס, ווער אײַנגעבויגנ אינדרײַענ, ווער אפ אַלע פיר, האָבנ מיר זיכ ווי=עס=איז דערקלײַבנ ביז דער פּאָליאַר=סטאַנציע.

אָטאָ יוליעוויטש האָט אָפּגעגעבנ אַ באַפעל, אַז אפ דער צײַט פונ דעמ שניי=שטורעמ ווערט אײַנגעפירט „באַלאַגערונג=צושטאַנד“. בײַ די עראָפּלאַנענ האָט מענ אײַנגעשטעלט אַ פאַרשטאַרקטע דעזשורסטווע. מענטשנ בײַטנ זיכ אַלע צוויי שאָ. אַלע איבעריקע, אויסער די דעזשורנע, איז פאַרווערט אָנ אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פונעמ עקספּעדיציע=שעפ צו פאַרלאָזנ די געבײַדע פונ דער סטאַנציע.

אפ צו באַוואָרענענ די זיכערקײַט פונ דער פאַרבינדונג איז צווישנ דעמ עראָדראָמ אונ דער פּאָליאַר=סטאַנציע דורכגעצויגנ געוואָרנ אַ טראָס. מיט שווערער מי, פאַלנדיק אַלע ווײַלע פונ די פיס אונטער די

קלעפ פונ ווינט, ציענ דורכ די מענטשנ דעמ טראָמ פונ דער סטאַנציע ביז די עראָפּלאַנען. נאָכדעמ איז די באַוועגונג דערלויבט געוואָרנ, אָבער בלויז לענגויס דעמ טראָס אונ גרופּעסווייז.

אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע באַמערקט שטאַרק דער גורל פונ די עראָפּלאַנען. צי וועלנ אויסהאַלטנ זייערע פעסטיקונגען דעמ אָנדראַנג פונ דער זאַווערוכע. ס'וואָלט געווענ א טשיקאווע אַעראָדינאַמישע אויפגאַבע אויסצורעכענענ דעמ גיגאַנטישנ דרוק פונ דער לופט, וועלכנ עס האָבנ אויסגעהאַלטנ ביינ שטורעמ די פליגלענ פונ אונדזערע מאַשינעס. אָבער איצינד שטייט פאַר אונדז ניט קיינ טעאָרעטישע, נאָר א בינ. גאָר פּראַקטישע אויפגאַבע — ראַטעווענ די עראָפּלאַנען.

שעוועליאָוו מיט א גרופּע כאַווייריט לאָזט זיכ אוועק אפנ אַעראָדראָמ, קעדיי צו פאַרשטאַרקנ די פעסטיקונגען פונ די עראָפּלאַנען. דורכגייענ די הונדערט פופציק מעטער, וועלכע טיילנ אָפּ די סטאַנציע פונ די עראָפּלאַנען, אַוועקשטעלנ דאָרטנ צוגאָבלעכע אייז=אַנקערס אונ אומקערנ זיכ אפ דער סטאַנציע איז געווענ א העראָישער אקט מיצאַד די דאָזיקע מענטשנ. אָבער דערפאַר האָט מענ איצט געקאָנט זיינ פאַרהעלטניסמעסיק רויִק פאַרנ גורל פונ אונדזערע לופט=שיפנ.

אינ אָוונט, אינ דער וואַרעמער קאיוט=קאָמפּאַניע האָט מענ זיכ געטיילט מיט די אומענדלעכע דערינערונגענ וועגנ די קאָרבאָנעס פונ שניי=שטורעמ, וועגנ ווינטערער, וואָס דער שניי=שטורעמ האָט זיי געטראָפנ אינ וועג אונ וואָס זיינענ פאַרפרוירנ געוואָרנ, וועגנ מענטשנ, וואָס זיינענ אַרויס אפ „איינ מינוט“ אונ וואָס האָבנ זיכ פאַרבלאָנדזשעט א פּאָר טריט פונ שטוב, אונ האָבנ זיכ שוינ קיינמאָל מער ניט אומגעקערט.

15 אפּרעל.

דער עקיפּאַזש פונ „פּססר נ—172“ הערט נאָכ ביז איצט ניט אויפ צו טיילנ זיכ מיט אונדז מיט די פּראָטים פונ זיינ רייזע פונ נאַריאַנ=מאַר ביז מאַטאָטשקינ שאַר. ביים די איבעריקע שיפנ אינ דער שפּיץ מיטנ פלאַגמאַנ האָבנ דורכגעמאַכט דעמ איבערפלי אָנ קיינ שום ספּעציעלע פּאַסירונגען, איז אַלעקסייעווס אונ זיינע כאַווייריט אויסגעקומענ איבערצולעבנ אייניקע גאַנצ ניט אָנגענעמע מאָמענטנ.

האָבנדיק דורכגעשלאָגנ די וואָלקנס, האָט אַלעקסייעוו לויט די שטורמאַנישע אויסרעכענונגענ געדאַרפט דערזענ דעמ אינדזל נאָוואַיאַ זעמליאַ.

אָבער אַפילע קיינ סימענ פונ דעמ אינדזל האָבנ זיי ניט אַנטפלעקט. סאַמע ביזנ האָריזאָנט האָט זיכ געשפּרייט וואַסער.

האָבנ זיי אָנגעהויבנ זוכנ לאַנד. דאָס האָט געדויערט צענ, צוואַנציק, דרײַסיק מינוט. דאָס בילד בײַט זיכ ניט — וואַסער סאַמע ביזנ האָריזאָנט.

אַלעמענ ווערט אַ ביסל „קאַלעמוטנע“.

אַפ אַלעקסייעווס לופט־שיפ איז געפאָרנ פּאַפּאַנינס פירלינג אונ דער פאַרטאָרג פונ דער עקספּעדיציע דאָגמאַראָוו.

פּאַפּאַנינ האַלט ניט אויס אונ וועקט דאָגמאַראָוונ, וואָס איז אײַנגעשלאָפנ:

— אַליאָשע, שטיי אופ! נו, שטיי זשע אופ, אַליאָשע!

— נו, וואָס איז געשענ? — בורטשעט דאָגמאַראָוו.

— מ׳זעט ניט קיינ ערד, — שרײַט פּאַפּאַנינ אַנ אופגערעגטער.

— אונ ווו זאָל איכ אײַכ נעמענ ערד? וואָס בינ איכ, קאָלומב? — ענטפערט דאָגמאַראָוו אַבסאָליוט רויק.

ער שטייט אופ אונ זעט דורכנ איליומינאַטאָר דעמ ווײַסנ יאַמ, באַדעקט מיט יונגע שופּנס אײַז, אָנ קיינ שומ סימענ פונ יאַבאָשע.

דאָגמאַראָוו זאָגט:

— יאָ, איצט איז קלאָר, פאַרוואָס מע האָט ביז איצט ניט געפונענ אַמונדסענס „לאַטאַמ“!

ערשט נאָכ פערציק מינוט פײַנלעכע זוכענישנ געלינגט פּיאָדאָראָוונ, דעמ אויסגעצייכנטנ אַסטראָנאָמ פונ פּאַפּאַנינס פירלינג, פּינקטליכ באַשטימענ זייער אָרט אונ אײַנשטעלנ דעמ מאַרשרוט.

...די זאַווערוכע ווערט ניט שטילער פונ אינדערפרי ביז שפּעט אינ אָוונט. דער שטורעמ־ווינט האָט צעבראָכנ אַפ אַלעקסייעווס מאַשינ דעמ ווענד־רודער. דער רעמאָנט פונ דעמ רודער וועט דויערנ ניט ווײַניקער פונ צוויי מעסלעס. דערצו נאָכ, איידער מע וועט צוטרעטנ צומ רעמאָנט, דאַרפ מענ וואַרטנ, אַז עס זאָל שטיל ווערנ דער ווינט, אַנדערש קאָנ מענ ניט אַראָפּנעמענ דעמ ווענד־רודער.

אַלעקסייעווס איז עס באַזונדערס ניט אָנגענעמ. אויב די מאַשינ

װעט ניט זײַנ פּאַרטיק, ביז עס װעט זיכ אײַנשטעלנ דער װעטער, װעלנ די איבעריקע לופט=שיפנ אװעק צומ אינדזל רודאָלפ אָנ אימ, אונ אלעקסייעװ װעט װידעראַמאָל מוזנ דורכמאכנ דעמ גאַנצנ װעג אײנער אלײנ.

צו אָװנט=צו איז די זאַװערוכע עטװאָס שטילער געװאָרנ, אונ אַרומ האַלבער נאכט האָט אלעקסייעװ בריגאַדע באַקומענ די מעגלעכקײַט געמענ זיכ פאַר דער ארבעט. אונטערטרײַבנ די מענטשנ האָט מענ ניט געדאַרפט. קײנעמ האָט זיכ ניט געגלוסט צו בלײַבנ אפ מאַטאָטשקינ שאַר, װענ די איבעריקע לופט=שיפנ װעלנ אַװעקפליענ. דער װענד=רו=דער איז אראָפּגענומענ געװאָרנ, אונ אלעקסייעװס עקיפּאַזש איז דער שפּיצ מיט אימ אלײנ האָט געארבעט די גאַנצע נאכט אָנ אנ אָפּרו.

הײַנט האָט אונדז װילענסקי געלײענט זײַנ ארטיקל פאַר „איזװעס=טיא“. דער ארטיקל הײסט „מענטשנ אונ קריִעס“ אונ איז געװידמעט פּאַפּאַנינס גרופּע.

אָט דאָס זײַנענ מענטשנ, װאָס רופנ ארויס, אומאָפּהענגיק פונ זײ=ער װילנ, א געפיל פונ טיפער אכטונג אונ הײסער סימפּאַטיע בײַ יעדנ אײנציקנ, מיט װעמענ זײ טרעפנ זיכ. װילענסקיס טעמע קאָנ מענ ניט באַגריסנ.

מיט טרויער טראכט איכ װעגנ דעמ, אז אינגיכנ װעלנ מיר זיכ דאַרפנ צעשײדנ מיט דעמ דאָזיקנ פּירלינג.

אינ אָװנט שפּילט מענ אינ דאָמינאָ. מע שפּילט אָנ אופהער ביז אײנס באַנאכט. דער „באָק“ האָט אנ אויסערגעװײנלעכנ דערפאָלג. עס שפּילנ אלע, אָנגעהויבנ פונ דעמ עקספּעדיציע=שעפ.

16 אפּרעל.

מיר האָבנ זיכ שוינ ניט אײנ מאָל איבערגעקערט פונ אײנ זײַט אפ דער צװײטער, װענ אונדז האָט אופגעװעקט װאָדאָפּיאַנאָװ. װענ רוט דער דאָזיקער אײַזערנער מענטש, װײסט קײנער ניט.

— שטײט אופ!.. שטײט אופ!.. ניטאָ װאָס צו פּאַטערנ צײַט אומ=זיסט!

פונ דער זאַװערוכע, װאָס האָט געהוליעט צװײ מעסלעס נאָכאַנאַנד, איז קײנ געדעכעניש ניט געבליבנ. אפנ הימל קײנ אײנ װאָלקנדל. ס'איז שטיל אונ זוניק. אונ בלויז די פאַרשנײטע מאָטאָרנ אונ קאַבינעס פונ



נאָכ דעמ שניי-שטורעמ. מיט גרויס מי האָט מענ ארויסגעגראָבנ די אעראָפּלאנענ פונ אונטערנ שניי.

די אעראָפּלאנענ דערמאָנענ וועגנ דער וואקכאנאליע, וואָס האָט זיכ דאָ אָפּגעשפּילט ערשט נעכטנ. שניי האָט אָנגעקערט אזוי פיל, אז פּאר עטלעכע שאָ וועט מענ עפּשער ניט באוויזנ צו ברענגענ די מאשינעס אינ אָרדענונג.

מיר ארבעטנ מיט אזארט, אויסרייניקנדיק דעמ שניי פונ אלע ווינקעלעכ. גלייכצייטיק גרייטנ די מעכאניקער די מאָטאָרנ.

11 אזייגער מיט 55 מינוט פליט אוועק גאָלאָווינ.

— פּאָשעט די אנטילאָפּע-גנו, אונ ניט גאָלאָווינ!—שפּאסט שעוועליאָוו, דערמאָנענדיק זיכ וועגנ די העלדנ פונ דעמ „גאָלדענעמ קאלב“.

אָבער ארויסגעפלויגנ זיינענ מיר ניט.

דער שלעכטער וועטער אפ פראנצ-יאָזעפס לאנד האָט פּארהאלטנ די עסקאדרע, די דערהאלטענע ביולעטענענ צווינגענ די קאָמאנדירונג אָננעמענ א נעגאטיוונ באשלוס. דער ארויספלי איז אָפּגעשאפט. גאָלאָווינענ האָט מענ ראדירט, אז ער זאָל גיינ צומ קאָפּ ישעלאניע.

אלעקסייעווס עקיפּאזש טריומפירט:

— הייסט עס, אז מיר גייענ אלע צוזאמענ!

סוגראָבאָוו, שמאַנדיג און גינקינ פעסטיקנ אָנ אופהער דעמ רודער, זיי רעכענענ אויס ביז מאָרגנ ענדיקנ דעמ רעמאָנט.

... 17 אזייגער מיט 08 מינוט האָט גאָלאָווינ אראָפּגענידערט אפּנ קאַפּ זשעלאניע.

17 אפּרעל.

די פּאפּאנינצעס האָבנ זיך איבערגעקליבנ אינ מאזורוקס מאשינ. מיך מיט מיינ פּאראשוט-ווירטשאפט האָט מענ אריבערגעפירט צו אלעקסייעווג, און אצינד שפּיר איך נאָך מיט הארצקלאפּעניש, וויאזוי עס גייט דער רעמאָנט פונעמ עק פונ „פּססר נ—172“. בלייבנ דאָ ווילט זיך מיר שרעקלעכ ניט. איך רעכנ, אגעוו, אז דעמ זעלבנ געפיל וואָלט געהאט יעדער מיטגליד פונ דער עקספּעדיציע, ווענ ער איז אפּ מיינ אָרט.

אָבער אלצ האָט זיך אויסגעלאָזנ אויסערגעווייגלעכ גוט.

פריִער פונ אלצ האָט דזערדזיעווסקי געבראכט יעדיִעס, אז איבערנ גאנצנ מארשרוט איז דער וועטער ניט קיינ גוטער. איצט פריִיט עס מיך, אלס „אלעקסייעוועצ“, גאנצ שטארק.

הייסט עס, אז מיר האָבנ אינ אונדזער רעשוס נאָך א מעסלעס.

בא דער אקטיווער מיטהילפ פונ דעמ פּאפּאנינשנ פּירלינג, וואָס קומט שטענדיק צו הילפ די כאווייריט, איז צו מיטיק דער רודער שוינ געווענ פארטיק, און מיר האָבנ אימ בלויז געדארפט אוועקשטעלנ.

צו זעקס אזייגער אינ אָוונט האָט זיך צעשפּילט א זאווערוכע. נאָר דאָס מאָל האָבנ מיר איבערגעשפּיצט די נאטור און מיר האָבנ באוויזנ אופצוהענגענ דעמ רודער בוכשטעבלעכ מיט עטלעכע מינוט פאר דעמ, ווי עס האָט אָנגעהויבנ בלאָזנ דער ווינט און ס'האָט זיך אָנגעהויבנ די אָרדנטלעכע איבערקערעניש.

און אצינד רוענ מיר מיט א רויִקנ קאָפּ און מיטנ באוווסטזיינ, אז בא אונדז איז אלצ אינ אָרדענונג, אז מיר וועלנ ניט אָפּשטיינ פונ די כאווייריט.

18 אפּרעל.

דזערדזיעווסקי האָט מיטגעטיילט, אז אפּ פראנצ-יאָזעפס לאנד איז א גוטער וועטער און מיר קאָנענ ארויספליִענ.

אָבער בא אונדז איז, ווי אפצעלאָכעס, בא א לויטערן זוניקן הימל, אַן אכטבאַליקער ווינט, וואָס פאַרלעשט די לאָמפּן, מיט וועלכע מע וואַרעמט אָן די מאָטאָרן, און רײַסט אַראָפּ די ציכן פון די ראַדיאַטאָרן.

אָבער אפּן צאָפּן דאַרף מען האַלטן טײַער יעדע שאָ פון גוטן וועטער. און כאָטש מיר האָבן ניט קיין זיכערקײַט, אַז מיר וועלן קאָנען אַרויספליען, פונדעסטוועגן הייבן מיר אָן גרייטן די מאַשינעס צום אַרויספלי.

צו פערצן אזייגער באַטאָג הייבט זיך דער ווינט אָן בײַסלעכווײַז צו באַרויקן. עפּשער וועלן די לאָמפּן אָנהייבן אַרבעטן און ס'וועט געלינגען אָנוועקלאָזן די מאָטאָרן.

אין עק פון „פּססר נ—169" איז אײַנגעאָרדנט א „קיך". אין באַק, וואָס איז צוגעטשעפּעט צו די שפּאַנגאָוטן פונעם פיוזעליאַזש, וואַרעמט זיך אָפּ א ספּעציעלן לאָמפּ אַנטיפריז — א פּליסיקײַט, וואָס ווערט ניט פאַרפרוירן און וואָס פאַרבײַט אין אונדזערע אָראַפּלאַנען וואַסער אָפּ אָפּצוקילן די מאָטאָרן. אצינד פאַרן אַרויספלי האָט מען דער אַנטיפריז א פאַרקערטע באַדײַטונג—ער דאַרף מיטהעלפן וואָס גיכער פאַנאַנדערוואַרעמען די מאָטאָרן. ביסלעכווײַז דערגייט די טעמפּעראַטור פון דעם אַנטיפריז ביז 100 גראַד.

אײַנוויקלענדיק די פּרימוסן מיט קאָלערליי שילדן, אַז דער ווינט זאָל ניט צוקומען, הייבן מיר אָן וואַרעמען די מאָטאָרן.

בעסער פון אַלץ גייט די אַרבעט באַם פּלאַגמאַן און בא מאַזורוקן. שוין צו פופצן אזייגער האָבן זיך אָפּן „פּססר נ—170" און „פּססר נ—169" גענומען דרייען די פּראָפּעלערן.

ערגער גייט די אַרבעט בא אונדז. אַלעקסייעווס „פּססר נ—172" האָט ניט קיין אַנטיפריז-לאָמפּ, און די מאָטאָרן מוז מען אָנוואַרעמען בלויז מיט פּרימוסן.

מיר אײַלן זיך, קעדיי ניט אָפּשטיין פון די איבעריקע. עס צינדט זיך אָן די ציך פון דעם רעכטן מאָטאָר. מיר ליקווידירן געשווינד די האָזיקע קליינע געשעעניש, און צו 19 אזייגער מיט 30 מינוט רודערן מיר אַרויס, ניט געקוקט אַפּ אַלע שוועריקײַטן, צוזאַמען מיט אַלעמען אָפּן סטאַרט.

דער ערשטער, ווי שטענדיק, סטאַרטירט 19 אזייגער מיט 35 מינוט וואָדאָפּיאַנאָוו. ער מאַכט ברייטע קרייַזנ איבערנ אַעראָדראָמ, וואַרטנדיק אינ דער לופט אפ די איבעריקע מאַשינעס. דערנאָכ פליִענ אַרופ מאַזו-ריוק אונ מאָלאָקאָוו.

אָט איז שוינ דער גאַנצער דרייַליגנ אינ דער לופט, ער לייגט זיכ אפנ קורס אונ פאַרשווינדט פונ אויג.

אונ מיר רודערנ צו אינ דער צייַט שיר ניט ביזנ קאָפּ וויכאָדנוי אונ מאַכנ דעמ צווייטנ איבערלויפ. בײַמ ערשטנ אַרופלי האָט בײַ אונדז ניט „גענומענ“ דער לינקער מאָטאָר.

20 אזייגער מיט 02 מינוט האָבנ מיר זיכ אָפּגעריסנ פונ דער ערד. די איבעריקע אַעראָפּלאַנענ זעט מענ שוינ ניט. נו, מיילע, דאָס איז פאַר אונדז ניט קיינ נאָווענע. מיר וועלנ געפינענ דעמ וועג מיט די איי-גענע קויכעס.

מיר לייגנ זיכ אפנ קורס אונ הייבנ אָנ אַרופשטייַגנ.

איכ זיצ אינ דער שטורמאַנ-קאַבינע בײַמ „שטראַל“. איכ פרוּוו אַרויסרופנ דעמ פלאַגמאַנ, אָבער דערווײַל אָנ רעזולטאַטנ. אויכ דעמ שטורמאַנ וואָלקאָוו פרוּוונ צו פאַרבינדנ זיכ מיט דער צווייטער ראַ-ציע האָבנ ניט קיינ דערפאָלג.

אונ פליִענ אַליינ איז אומעטיק! אונדזער גיגאַנט זעט אויס, ווי א קליינ פייגעלע, וואָס האָט זיכ פאַרלוירנ אינ דעמ גרויזאַמענ שטיל-שווייַגנ פונ דער גלייַכגילטיקער סטיכיע.

מיר גייענ לענגאויס דעמ מיזרעכ-ברעג פונ דעמ אינדזל נאָוואַיאַ זעמליאַ. ביסלעכווייַז באַווייַזנ זיכ וואָלקנס, וועלכע ווערנ געדיכטער, וואָס ווייַטער מיר באַוועגנ זיכ פאָרויס.

מיר שטייַגנ אַלצ העכער אונ אפ דער הייכ פונ 2 300 מעטער פליִענ מיר שוינ אינ דער בלענדנדיקער שייַנ פונ דער זונ איבער א דורכויסיקנ שיכט וואָלקנס בײַ א טעמפּעראַטור פונ 20 גראַד נידערי-קער פונ נול.

20 אזייגער מיט 45 מינוט האָט זיכ אַנטפּלעקט קראַשעניניקאָוו-האַלב-אינדזל. דאָ ענדערנ מיר דעמ קורס. גייענדיק איבערנ מע-רידיאַנ פונעמ אינדזל רודאָלפ אפ נאָרד, ניט פאַרקערעווענדיק ניט אפ לינקס, ניט אפ רעכטס, וועלנ מיר פונדאַנענ אַרויסגייַנ גלייַכ צומ ציל.

מיר פליִענ ווייַטער איבער די וואָלקנס. צייַטנווייַז הייבנ מיר זיכ

אויף ביז 2500 מעטער. לויט די כעזשבוינעס איז אונטער אונדז דער אינדזל נאָוואיא זעמליא, וועלכע מיר דאַרפן דורכשניידן פון יאַם ביז יאַם.

טאָפּ ערשטע שאָ פונעם פלי באַמערקט דער פּילאָט קאַזלאָוו דריי פינטעלעך אויפן האָריזאָנט.

— אייראָפּלאַנען!—שרייט מיט פרייד אלעקסייעוו.

אלעמען איז פרייליכער געוואָרן אויפן האַרצן. אלעקסייעוו האָט פאַרשנעלערט די אומדרייען פון די מאָטאָרן. מיר הייבן אָן דעריאָגן די שיפן, וואָס זיינען אוועק פאָרויס.

דורכן „שטראַל" פאַרבינד איך זיך מיטן פלאַגמאַן. איך גיב איי-נער אלעקסייעווס ביטע פאַרקלענערן די שנעלקייט פון דער עסקאַדרע, כדיי צו געבן א מעגלעכקייט צו פאַרנעמען אונדזער אָרט אין דער ריי און גיין צוזאַמען.

22 אזייגער 07 מינוט האָבן מיר דעריאָגט די אייראָפּלאַנען. מיר גייען אין דער ריי לויטן סיידער, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן איינמאָל פאַר אלעמאָל: לינקס פון פלאַגמאַן מאָלאָקאָוו, רעכטס—מאַ-זורוק און אלעקסייעוו.

מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזן נידעריקער, אָבער די וואָלקנדיקייט האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, און מיר קלייבן זיך ארויף העכער. איצט איז די הייך — 1900.

22 אזייגער מיט 27 מינוט. אונטער אונדז איז א דורכויסיקער שיכט וואָלקנס. לויט וואָלקאָווס כעזשבן האָבן מיר שוין לאַנג פאַר-לאָזן דעם אינדזל נאָוואיא זעמליא און מיר גייען איבערן באַרענצ-יאַם. די זון איז אוועק הינטער די וואָלקנס. עס קומט אָן די אַסטראָ-נאָמישע נאַכט, אָבער אלץ איז פאַרגאָסן מיט א מילכ-ווייסן ליכט. אינגאַנצן אומגעשטערט פיר איך מיינע פאַרנאָטירונגען אין דער שטורמאַנ-קאַבינע. עס איז עפּעס מאָדנע, ווען מע דערמאָנט זיך, אז ערגעץ אין מאָסקווע איז איצינד שטאָק-נאַכט, עס ברענען לאַמ-טערנס און מענטשן לייגן זיך שלאָפן. די הייך איז 2300 מעטער.

...די אייראָפּלאַנען גייען ווי פאַרקישעפטע. עס הערט זיך דער גלייכמעסיקער, רויקער אָטעם פון די מאָטאָרן. פיר סאָוועטישע לופט-שיפן שווימען איבערן הימל. איינגעוויקלט אין פוטערס, אקסל צו אקסל זיצן שווייגנדיק בא די שטורוואַלן די פּילאָטן. אָנגעשטרענגט

צוהערנדיק זיכ צומ פולס פונ די מאָטאָרנ, זיצנ וואכ אפ זייערע פאראנטוואָרטלעכע פאָסטנס די מעכאניקער. אינ דער באלויכטענער גלעזערנער קאבינע, ארומגעלייגט מיט קארטעס אונ טאבעלעס, מאכנ זייערע קאָמפליצירטע מאטעמאטישע אויסרעכענונגענ די לופט-גאוויגאטאָרנ—די שטורמאנס.

פיר סאָוועטישע לופט-שיפנ פליענ מאיעסטעטיש איבערנ הימל. מיט אומזיכטבארע פעדעמ זײַנענ זיי פארבונדנ צווישנ זיכ. צווישנ זיי הערט ניט אופ דער לעבעדיקער געשפרעכ.

אלע פערטל שאָ פרעגט דער פלאגמאנ זאָרגעוודיק בא די לופט-שיפנ:

— אלצ איז אינ אָרדענונג, מאָלאָקאָוו? אלצ איז אינ אָרדענונג, מאזורוק? ווי גייט עס בא דיר, אלעקסייעוו?

אונ באקומט איינ אונ דעמ זעלבנ ענטפער:

— אלצ איז אינ אָרדענונג... א דאנק... אלצ גייט אויסגעצייכנט...

די עראָפלאנענ זעצנ זיכער פאָר זייער וועג.

19 אפּרעל.

מיר זײַנענ אריבער די גרענעצ פונ נאכט.

דאָס איז געווענ א וווּנדערבאר בילד. 22 אזייגער מיט 53 מינוט האָט זיכ ווײַט אפנ האָריזאָנט, דאָרט, ווו דער הימל האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיט דעמ אומענדלעכנ שיכט וואָלקנס, באוויזנ א גאָלדנ פאסיקל. צוערשט האָט עס א פינקל געטאָנ בלויז אפ איינ רעגע אונ איז באלד פארשווּנדנ. דערנאָכ האָט עס זיכ ווידעראמאָל באוויזנ, איז געוואָרנ העלער, ברייטער, אונ אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ זיכ אונטנ, אונטער אונדז, פאנאנדערגעגאנגענ די וואָלקנס אונ אינ די שפאלטנ האָט זיכ באוויזנ דער יאמ, באדעקט מיט גרויסע קריעס.

דאָס איז געווענ דער בארענצ-יאמ.

די זונ איז געוואָרנ אלצ גרעסער אונ גרעסער, אונ אָט איז שוינ אלצ פארגאָסנ מיט זונענ-שײַנ, אונ די לעוואָנע, וועלכע האָט זיכ אפ א ווײַלע באוויזנ פונ לינקס, ווערט אלצ בלאסער אונ פארשווינדט אינ דער העלער לויטערקייט פונעמ הימל.

23 אזייגער מיט 35 מינוט. מיר הערנ שוינ דעמ ראדיאָ־טורעמ פונעמ אינדזל רודאָלפ אונ אונטערשיידנ גוט די סיגנאלנ „א“ אונ „נ“. דער ווייזער פונעמ ראדיאָ־קאָמפאס באווייזט פינקטלעכ דעמ קורס אפ רודאָלפ.

0 אזייגער מיט 04 מינוט. דער פלאגמאנ האָט גאָרוואָס באקומענ א וועטער־ביולעטענ פונ פראנצ־יאָזעפס לאנד אונ גיט אימ אונדז איבער. אפנ אינדזל רודאָלפ איז א שטיל. 24 גראד פראָסט. די זעעוודיקייט 50 קילאָמעטער.

0 אזייגער 27 מינוט. ווייט אפנ האָריזאָנט, פארהילט אינ א רויכל, האָט זיכ באוויזנ א בארגיקער ברעג פונ עפעס אנ אינדזל. איכ הער, ווי דער פלאגמאנ רופט ארויס „פססר ג—171“, וואָס אפ זיינ באָרט געפינט זיכ אָטאָ יוליעוויטש, אונ באגריסט אימ מיטנ אָנקומענ אפנ פראנצ־יאָזעפס לאנד:

— אָטאָ יוליעוויטש! פונ רעכטס—ווילטשעקס לאנד. באלד איז רודאָלפ.

אינ עטלעכע מינוט ארומ געפינענ מיר זיכ שוינ איבער גאלמ אינדזל. א שאָ גייט בא אונדז אוועק אפ אריבערפליענ איבערנ ארכיפעלאג. 1 אזייגער מיט 55 מינוט אנטפלעקט זיכ דער אינדזל רודאָלפ. פונ דער לופט זעט מענ אויסגעצייכנט דעמ ווינטער־לאגער, די מאסטנ פונ דער ראדיאָסטאנציע אונ דעמ אעראָדראָמ. אנ עמעסער אעראָדראָמ מיט טראקטאָרנ, וועזדעכאָדנ, מיט אראָפנידערונג־צייכנס אינ מיט דעמ „קאָלבאס“ פונעמ ווינט־צייגער.

„....געקומענ צו פאָרנ“.

די אוויאַ־באַזע אפ דער 82־טער פּאַראַלעל

דער שליסל צומ צאָפנ־פּאָליוס. א פּאַרמעסטונג־געיעג אפ ליזשעס. איכ פלי אינ דער בוכטע טיכאַיאַ. א מאַטאָנע אָטאָ יוליעוויטשנ.

19 אפּרעל.

2 אזייגער מיט 25 מינוט אינדערפרי האָבנ די ליזשעס פונ דעמ לעצטנ עראָפּלאַנ באַרירט די ערד. מיר האָבנ בעשאָלעמ פאַרענדיקט נאָכ איינ עטאַפּ פונ אונדזער שווערער אונ קאָמפּליצירטער רייזע. אינ דער לופט זיינענ מיר אָפּגעווענ 6 שאָ מיט 38 מינוט אונ דורכגעפלויגנ פאַר דער צייט 1050 קילאָמעטער.

עס איז געווענ א וווּנדערבאַרער, זוניקער פרימאָרגנ. מיר האָבנ אויסגעשלאָסנ די מאָטאָרנ אונ זיינענ ארויסגעשפרונגענ אפנ שניי. אפנ עראָדראָמ האָט געהערשט א שטילקייט, וועלכע עס האָט געשטערט בלויז דאָס הודזשענ פונ די טראַקטאָרנ, וואָס האָבנ געוואַרט אפ זייער ריי צוצוגייג צו די מאַשינעס אונ אָפּפירנ זיי אפ די ערטער, וואָס איז פאַר יעדערער פונ זיי באַצייטנס צוגעגרייט געוואָרנ.

אונדז האָט באַגעגנט דער גאַנצער פּערזאָנאַלכער באַשטאַנד פונ דער פּאָליאַר־סטאַנציע „אינדזל רודאָלפ" מיטנ שעפ פונ דער סטאַנציע דעמ קאָמוניסט ליבינ אינ דער שפּיץ. פּאַפּאַנינ האָט זיכ האַרציק באַגריסט מיט די ווינטערער. דאָס זיינענ אַלצ אַלטע פריינט, וועלכע ער אליינ האָט פאַראַיאָרנ געבראַכט אהער אינ סענטיאַבער אפנ איזשפּאַלטער „רוסאַנאָוו".

— נו, ווי זייט איר געפלויגנ? איז אַלצ אינ אָרדענונג? — פרעגט ליבינ גלאַט אזוי זיכ, כאָטש נאָכ אינ פלי האָבנ מיר זיכ דורכ



אפנ קופּאָל פונעמ אינדזל רודאָלפ.

ראַדיאָ פאַרבונדנ מיטנ אינדזל רודאָלפ אונ ליבינ ווייסט אויסגעצייכנט אַלע איינצלהייטנ פונ אונדזער פלי.

שעוועליאָוו רײַסט איבער דעמ שטראָמ פונ די קעגנזײַטיקע באַגריסונגענ מיטנ באַפעל:

— טייקעפ צוטרעטנ צומ אויסלאָדנ די אעראָפּלאַנענ.

אפ די לופט־שיפנ עפנט מענ די ליוקעס, אונ מיר אַלע, פּילאָטנ, מעכאַניקער אונ שטורמאַנס, פאַרוואַנדלענ זיכ אינ טרעגער.

פינפ שאָ נאָכאַנאַנד דויערט דער אַלגעמיינער אַוראַל. צו אַכט אַזייגער אינדערפרי זײַנענ שוינ די „אײַנגעווײדנ" פונ די אעראָפּלאַנענ אויסגעליידיקט.

ערשט איצט הייבנ מיר אָנ פילנ, אז מיר זײַנענ מיד אונ הונגעריק. מיר זײַנענ ניט געשלאָפנ מער ווי א מעסלעס אונ האָבנ געגעסנ דאָס לעצטע מאָל נעכטנ אינ אָוונט פאַרנ אָפּפליענ פונעמ אינדזל נאָוואַיאַ זעמליאַ.

מיר ציגנ אָנ די פּרימוסנ, וואַרעמענ אָנ קאָנסערוונ אונ פרישטיקנ דאָ אפ אנ אָרט, בא די אעראָפּלאַנענ.

אונ דערנאָכ לאָזנ מיר זיכ אַוועק אפ וועזדעכאָדנ אונ טראַקטאָרנ צו דער ווינטער־סטאַנציע. דאָס איז א גאַנצ שטעטל, היפשער

מאר בערדט „קליינער אמעריקע”: א הויפט=געביידע, צוזאמענוווינונ=
גענ, א ראדיאָסטאנציע, א מעטעאָסטאנציע, א גאראזש, סקלאדנ, א
באָד.

פארבײַגעפאָרנ די טריִומפאלע ארקע פונ שניי, פאָרנ מיר צו
צו דער הויפט=געביידע. באם ארײַנגאנג באגעגנט אונדז א ווײַסער
בער. ער שטייט אונ האלט אינ די לאפעס אפ אנ אויסגענייטנ האנ=
טעכ א טאצ מיט ברויט אונ זאלצ. אפנ האלדז בא אים הענגט א
גרויסער שליסל אונ אנ אויפשריפט אפ א ברעטל:

„דער שליסל צום צאָפנ=פאָליוס”.

מיר עסנ נאָכאמאָל ווי געהעריק אָפ אונ ווערנ אנשלאָפנ, ווי
געהארגעטע.

20 אפרעל.

נעכטנ אינ אָוונט איז געקומענ צו פליִענ פאוועל גאָלאָווינ.
זײַנ פלי פונ קאפ זשעלאניע צום אינדזל רודאָלפ האָט ער דורכ=
געמאכט אָנ קיינ שום ספעציִעלע פאסירונגענ. אונ אציִנד איז די
גאנצע עסקאדרע אפ אנ אָרט.

פונ הײַנטיקנ טאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אָנגעשטרענגטע צו=
גרייטונג צום לעצטנ אויספרוו.

די מעכאניקער זײַנענ פונ באגינענ אָנ בא די מאָטאָרנ. אונ
אונדז, וועלכע געפינענ זיכ דערווײַל אינ דער לאגע פונ פאסאזשירנ,
שטייט פאָר ניט קיינ לײַכטע אויפגאבע: אָנפאָמפענ אינ אלע מא=
שינעס ברענשטאָפ.

אָט ווענ איכ האָב זיכ דערמאָנט אָנ אלעקסייעווס אייצע וועגנ
די ברעזענטענע הענטשקעס.

די באקנ פונ יעדנ אעראָפלאנ נעמענ ארײַנ צו 7000 קילאָ=
גראמ ברענשטאָפ. ווי עס איז באוווסט, איז אפנ פאָליוס קיינ בענ=
זינ=קאָלאָנקע ניטאָ, אונ זיבנ טאָג איז אנ ערעכ דער סכום, וועלכנ
מע דארפ מיטנעמענ מיט זיכ, קעדיי צו זיכערנ דעמ פלי ביזנ
פאָליוס אונ דאָס אומקערנ זיכ צוריק אפנ אינדזל רודאָלפ.

א גאנצנ טאָג האָבנ מיר געקײַקלט די פעסלעכ אונ מיט דער
האנט, מיט דער הילפ פונ אלווייערס, געפאָמפעט דעמ בענזינ פונ
די פעסלעכ אינ די באקנ פונ די מאשינעס. איכ בינ באשטימט

אפנ „פססר ג—172“ אונ ארבעט ענערגיש צוזאמענ מיט אלעקטייעוונג. אָנ אופהער פּאָמפּענ מיר בענזינ... מיר עסנ מיטיק דאָ טאקע אפנ אעראָדראָמ, קעדיי ניט צו פארלירנ קיינ צייט... אונ נעמענ זיכ ווידער פאר דעמ הענטל פונ די פּאָמפּעס.

אזוי האָבנ מיר אלצ געפּאָמפּעט בענזינ ביז שפּעט אינ אָוונט. אומגעקערט זיכ אהיימ האָבנ מיר ערשט צענ אזייגער, אָבער פארענדיקנ די ארבעט האָט זיכ איינגעגעבנ בלויז מאָלאָקאָווס עקיפּאזש.

פארנ שלאָפנ, ניט געקוקט אפ דער מידקייט, האָבנ מיר באשלאָסנ צו פארנעמענ זיכ מיטנ טואלעט. מיר שערנ זיכ אונ פּוצנ זיכ צו. איצט איז שוינ נאָכ איינס אזייגער באנאכט, אָבער קיינער לייגט זיכ נאָכ ניט שלאָפנ. עס לייכט די ניט-פארגייענדיקע זונ, אונ עפּעס א מאָדנע אופרעגונג באהערשט מיכ פונ אָט דעמ פיר-אונ-צוואנציקשאָ:קנ טאָג.

21 אפּרעל.

פונ אינדערפרי אָנ האָבנ מיר א גאנצנ טאָג געפּאָמפּעט בענזינ. עס איז פּאָשעט אומבאגרייפלעכ, וואָס פאר א סכומ בענזינ עס קאָנענ איינשלינגענ די באקנ פונ די אעראָפּלאנענ. 19 אזייגער האָבנ מיר פארענדיקט צו פּאָמפּענ בענזינ אינ אונדזער מאשינ. מער וועט שוינ ניט ארייננ קיינ איינ קילאָגראמ. ארומ שטייענ פּוסטע פעסלעכ—איידעס פונ אונדזער צווייטאָגיקער ארבעט.

הייננט האָט מיכ ארויסגערופנ שעוועליאָוו. מיר שטייט פאָר א לופט-שפּאציר אינ דער בוכטע טיכאיא אפ הוקערס אינדזל, קעדיי צו ברענגענ פונ דאָרטנ דעמ „או—2“, וואָס שטייט דאָרט אָנ ארבעט. אונדז וועט ער דאָ זייער צוניצ קומענ צוליב נאָענטער מעטעאָראָלאָגישער אויספירונג, אפ צו קאָנטראָלירנ אינ דער לופט די ארבעט פונ דער אווארישער ראדיאָ-אויסשטאטונג, צוליב פארבינדונג אאוו. אהינ וועט מיכ אוועקפירנ גאָלאָווינ אפנ „פססר ג—166“.

איכ פלי גערנ. זיכ האָב זיכ שוינ פארבענקט נאָכנ שטורוואל אונ נאָכ א גרינגער געהאָרכזאמער מאשינ. אינ מאָסקווע פלעג איכ פליענ יעדנ טאָג צו עטלעכע מאָל. „או—2“ דאָס איז א געוויינלעכע אעראָקלובנע מאשינ, אפ וועלכער מע לערנט יונגע פּילאָטנ.



די געבײַדע פונ דער ווינטער־סטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ.

כוץ מיר וועט אפ גאָלאָווינס מאשינ ארויספליִענ אינ דער בוכטע טיכאיא דער פליִער קרוזע נאָכנ „פ—5“.

...אינ אָוונט קומט פאָר בא אָטאָ יוליעוויטשנ א באראטונג פונ די שיפ־קאָמאנדירנ. אפ דער טאָג־אָרדענונג—דער פלי אפנ פאָליוס.

22 אפרעל.

הײַנט איז א כוידעש זינט מיר זײַנענ ארויסגעפלויגנ פונ מאָס־קווע. מיר האָבנ ניט ווייניק דערגרייכט. די ערפארונג, וואָס מיר האָבנ אָנגעזאמלט פאר דעמ דאָזיקנ כוידעש ארבעט אינ די הארבע באדינגונגענ פונ צאָפנ, איז ווערט א יאָר צײַט ארבעט אינ נאָרמאלע באדינגונגענ.

אינ דרויסנ איז א זאווערוכע. א ווינט ביז אכט באלנ. אָבער איצט קימערט עמ אונדז ווייניק. מיר קענענ שוינ די קאפריזנ פונ דעמ ארקטישנ וועטער. פונקט אזוי פלוצעמ ווי דער שניי־שטורעמ קומט אָנ, פונקט אזוי גיכ קאָנ ער פארשווינדנ ווערנ.

א סאכ צײַט פארברענגט מיט אונדז איצט אָטאָ יוליעוויטש. זײַנ אָנוועזנהײַט, זײַנ שטענדיק רויִקע שטימונג ווירקט אפ אונדז אלעמענ אויסגעצייכנט. ער טיילט זיכ מיט אונדז גערנ מיט די דערינערונגענ וועגנ זײַנע אָנצאָליקע רײַזעס.

די זאווערוכע ווערט אלץ שטארקער. עס ווײַזט אויס, אז אויב מאָרגנ וועט זיכ ניט אײַנגעבנ ארויספליִענ אינ דער בוכטע טיכאיא.

23 אפרעל.

פאר פאפאנינס פירלינג זײַנענ אָנגעקומענ די סאמע הייסע טעג. פארנ אָנלאָדנ פאפאנינס ווירטשאפט אפ די לופט־שיפנ דארפ מענ זי גוט דורכקאָנטראָלירנ. דער אינווענטאר־צעטל פונ פאפאנינס גוטס אנטהאלט טויזנטער פארשיידנארטיקע זאכנ, וואָס וועגנ אינ אלגעמיינעמ סאכאקל נײַנ טאָנ. אהער גייט ארײַנ דערנערונג, קליידונג, באהייצונג, בוי־מאטעריאלנ אונ קאָנסטרוקציעס, וויסנשאפטלעכע אויסשטאטונג, ראדיאָ־אויסשטאטונג, פארשיידענע מעכאנישע אינסטרומענטנ, זאכנ פונ קולטור־געברויכ.

מיט איינ וואָרט, אלצ איז ניט אויסצורעכענענ.

מע מוז דאָ, אפנ אינדזל רודאָלפ, איבערקוקנ די גאנצע אויסשטאטונג, איבערצײַגנ זיכ, צי זי איז אינ אָרדענונג אונ גוט פארפאקט, אפנ פאָליוס וועט שוינ זײַנ שפעט דערמיט זיכ צו פארנעמענ.

באזונדערס גוט דארפ קאָנטראָלירט ווערנ די ארבעט פונ קרענקעלס ראדיאָסטאנציע. סאָפקאָלסאָפ הענגט דאָכ אָפ פונ דער פינקטלעכער ארבעט פונ דער דרייפנדיקער ראדיאָסטאנציע ניט נאָר דער וויסנשאפטלעכער דערפאָלג פונ דער דרייפנדיקער עקספעדיציע, נאָר אויב דאָס לעבנ גופע פונ די פיר העלדנ. קרענקעל האָט דאָ, אפנ אינדזל רודאָלפ, נאָכאמאָל צונויפגעמאָנטירט זײַנ ראציע אונ האָט אויסגעפרווט איר ארבעט. קיינ שומ דעפעקטנ אינ דער ארבעט פונ דער ראציע האָט ערנעסט ניט געפונענ, זי האָט געארבעט אויסגעצייכנט.

פונקט אפ אזא אופנ, איינ קעגנשטאנד נאָכנ צווייטנ, האָט מענ דורכגעקאָנטראָלירט די גאנצע וויסנשאפטלעכע אפאראטור פונ דער פאָליאר־סטאנציע.

דערנאָכ האָט זיכ פאפאנינ פארנומענ מיט די פראָדוקטנ. אימ באונרויִקט זייער שטארק די מעגלעכקײַט פונ דעמ, אז עס וועט פארעמער ווערנ. איוואנ דימיטריִעוויטש איז א גוטער באלעבאָס אונ ער קאָנ ביז איצט ניט פארגעסנ וועגנ די קרעפלעכ.

א סאכ מי האָט פאַרשאַפט די באַהייצונג פונ דער קומענדיקער ווינטער־סטאַנציע. פונ די פעסלעכ האָט מענ דעמ נאַפט געמוזט איבערפּאָמפּענ אינ ספּעציעלע גומענע זעק. די דאָזיקע ארבעט האָט אָפּגענומענ א סאכ צייט אונ קויכעס.

24 אפּרעל.

וועגנ די פּאַראַשוטנ. אויב די אָפּעראַציע וועט דורכגיינ בעשאָלעמ אינ אַלע דעטאַלנ, וועט מענ די פּאַראַשוטנ עפּשער ניט דאַרפנ האָבנ. אָבער ווענ עס זאָל זיכ עפּעס טרעפנ, וועלנ זיי שפּילנ אַנ אויסערסט וויכטיקע ראָליע.

דאָס פאַרשטייט גוט שעוועליאָוו.

נעכטנ האָב איכ געהאַט מיט אימ א שמועס. ער האָט פאָרגעלייגט צוגרייטנ פראַכט־פּאַראַשוטנ פאַר אַלע עראָפּלאַנענ.

בא א געצוווּנגענער אַראָפּנידערונג פונ איינער פונ די שיפנ אפנ וועג צומ פּאָליוס אָדער צוריקוועגס, וועט מענ איר אַראָפּוואַרפנ פונ די איבעריקע שיפנ מיט דער הילפ פונ די פּאַראַשוטנ פּראָדוקטנ, אינסטרומענטנ אונ אנ אַוואַריע־ראַציע. דער נייטיקער דערצו רעזערוו פּראָדוקטנ אונ אינסטרומענטנ ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישנ אַלע עראָפּלאַנענ.

איכ האָב אויפמערקזאַמ דורכגעקאָנטראָלירט אונ אַפדאָסניי איבערגעפּאַקט די פּאַראַשוטנ. דאָס איז זייער אנ איידעלע ארבעט, וואָס פאָדערט ספּעציעלע געוווינהייטנ אונ גרויס אויפמערקזאַמקייט, ווייל אויב מע זאָל נאַכלעסיק אויפלייגנ דעמ פּאַראַשוט, קאָנ ער אינ דעמ סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכנ מאָמענט אונטערפירנ. בא אונדז אינעמ פּאַראַשוטנ־סעקטאָר פונעמ צענטראַלנ עראָקלוב אינ מאָסקווע פאַרנעמענ זיכ דערמיט געוויינלעכ ספּעציעלע אויפלייגער, וועלכע ארבעטנ צוליב קאָנטראָל אונ באַקוועמלעכקייט זאַלבענאַנד. דאָ איז מיר אויסגעקומענ אָפּצוטאָנ די גאַנצע ארבעט איינער אַליינ.

דעמ גאַנצנ נעכטיקנ אונ היינטיקנ טאָג האָב איכ זיכ פאַרנומענ מיט די פּאַראַשוטנ.

אינ אָוונט — א באַראַטונג בא אָטאָ יוליעוויטשנ. מאָרגנ — אנ אווראַל. מע וועט אָנלאָדנ פּאַפּאַנינס ווירטשאַפט אינ די עראָפּלאַנענ.

אַלזאָ, איינגיכנ פליִענ מיר.

25 אפרעל.

אינדערפרי האָט מעג אפ גרויסע שליטנס אריבערגעפירט די ווירטשאפט פונ דער דרייפ-סטאנציע צו די עראָפּלאנעג.

מע איז צוגעטראָטנ צו דער אָנלאָדונג. אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע זײַנענ אפנ עראָדראָמ. פּאפּאניג וועגט יעדע זאכ. די שיפ-קאָמאנדירנ קוקנ אָבער אפ אימ מיט גרויס פאַרדאכט.

— לאָז נאָר איוואנ דימיטריעוויטשנ, וועסט זיכ גאָר ניט ארומקוקנ, ווי ער וועט דיר אָנשטאָט נײַנ טאָנ ארײַנפּאקנ עלפ.

אינ אָרדענונג פונ גוטברודערישנ קאָנטראָל וועגט איבער מאָלאָקאָוו אייגיקע פּעק.

— ניינ, דערווײַל איז אלצ ריכטיק... ער שווינדלט ניט...

יעדע זאכ, וואָס ווערט אָנגעלאָדנ אינ עראָפּלאנ, ווערט זאָרגעוודיק פאַרשריבנ אונ דיסקאָנטירט. באמ ארופלי קאָנ יעדער איבעריקער קילאָגראמ שפּילנ אנ אומבערעננגערישע ראָליע.

אזוי ווערנ איינער נאָכנ אנדערנ אָנגעלאָדנ אלע עראָפּלאנענ.

צו דרײַצנ אזייגער באטאָג ווערט די אָנלאָדונג פאַרענדיקט, אונ מיר קערנ זיכ אומ אפ ליזשעס אהיימ.

עס הייבט זיכ אָנ א זאווערוכע.

26 אפּרעל.

די עראָפּלאנענ זײַנענ אָנגעלאָדנ אונ גרייט צומ ארויספלי. די מעגלע איז נאָר אינ וועטער. מיר זײַנענ ווידער בא דזערדזשיעווסקינ אינ די הענט.

עס קומט א שלעכטע צײַט פונ יאָר אינ דער ארקטיק. שניי-שטורעמס, נעפּלענ אונ אָדליגעס. אָדליגעס, נעפּלענ אונ שניי-שטורעמס. אפ באָריס לוואָוויטשנ ליגט א ביז גאָר פאַראנטוואָרטלעכע אופגאבע — אויסקלײַבנ א ליכטיקנ אינטערוואל, קעדיי צו געבנ די שיפנ א מעגלעכקײַט דורכצורײַסנ זיכ צומ פּאָליוס.

מיר האָבנ ניט קיינ רעכט צו ריזיקירנ אונ דארפנ גיינ מיט פולער זיכערקײַט. עס פאַרשטייט זיכ, אז א געוויסער עלעמענט פונ ריזיקע בלײַבט שטענדיק, אָבער מע דארפ אימ דערפירנ ביזנ מינימומ.

אונ דערווײַל, ווארטנדיק אפנ וועטער, זעענ מיר מיט אלע מיטלענ צו פאַרפולנ אונדזערע טעג.

נעכטן האָבן מיר, מאַזורוק, אקוראטאָוו און איך, זיך צוגעבוגדן צו פאַנאַנדערגעלאָזענע פאַראַשוטן און אײַנגעאָרדנט א פאַרמעסטונג אַף ליזשעס.

ווער עס האָט וועג־ניט־איז געזען דעם מאָמענט, ביים דער פאַראַשוטיסט לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד און דער ניט „אויסגעלאָשענער" פאַראַשוט שלעפּט נאָך זיך דעם מענטש מיט א קאָלאָסאַלער קראַפט, יענער קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א מײַסטער עס דאַרף זײַן דער ליזשניק, וועלכער לויפט נאָך א פאַראַשוט. דעריבער ענדיקט זיך אונדזער פאַרמעסטונג זייער ניט געלונגען. מיט גרויס מי ספּראַווען מיר זיך מיט אונדזערע זעגלען. אקוראטאָוו האָט זיך, נעבעך, קוים מיט צאָרעס באַפרײַט פון פאַראַשוט.

מיר פּרוּוון צוביגדן צום פאַראַשוט נאַרטעס. דאָ איז שוין די זאַך אוועק אַף א לאַד, מיר טראָגן זיך מיט א קאָפּשווינדלענדיקער שנעלקײַט, פּעסט האַלטנדיק זיך איינער פאַרן אַנדערן, און מיט גרויס מי ניט זיך אונדז אײַנ אײַנצוהאַלטן די גלײַכגעוויכט.

...הײַנט איז דער יובילײ פון צוויי פאַמיליען־געשעענישן: גאָלאָווינס געבורטסטאָג און צען יאָר נאָך מײַן כאַסענע.

איך האָב באַגריסט מײַן ווײַב דורכן ראַדיאָ. מאַרק איוואַנאָוויטש שעוועליאָוו לייגט פאָר שיקן מאַריע מיכײַלאָווגע א צוזאָב־טעלעגראַמע אַף אויסצודריקן מיטגעפיל און באַדויערונג.

— צען יאָר מיט מאָשקאָווסקין... א שווערער ניסויען!

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אונטערטראָגן גאָלאָווינען א טאָרט, אָרגאַניזירן לעקאָוועד אים אַן אַרויסטרעטונג דורך ראַדיאָ און באַם מיטיק פײַערלעך באַגריסן אים מיטן געבורטסטאָג.

נאָר דער טאָרט איז קאַליע געוואָרן. די ראַדיאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען, איז פאַרבליבן נאָר דער טאָסט.

לאַזאַר בראָנטמאַן האָט אָנגעשריבן דעם טעקסט פון דער באַגריסונג. ווילענסקי האָט אויפגעהויבן דעם קאָס און האָט מיט טעמפּעראַמענט זי איבערגעלייענט באַם מיטיק. אלע האָבן רוישיק אַפּלאָדירט.

27 אַפּריל.

א לויטערער הימל אָן אײן וואָלקנדל, אָבער די זאַווערוכע דויערט נאָך אלץ. אָט אזוינע זײַנען די פּאַראַדאָקסן פון דער אַרקטיק. אַף דער

ערד — א זאווערוכע און א ווינט, וואָס שלײַדערט אומ פונ די פיס, אונ הייבסטו אופ דעמ קאָפּ—איז לויטערע בלויקײַט אונ זונ, וואָס בלענדט די אויגנ.

דזערזשיעווסקי זאָגט צו, אז פארנאכט־צו וועט אָנקומענ א לאָקאלי־ פארבעסערונג פונעמ וועטער. אויב עס וועט שטילער ווערנ, וועט זיכ, עפשער, אײַנגעבנ צוכאפנ זיכ אינ דער בוכטע טיכאיא, נאָכנ „או—2", דאָרט וווארט מענ שוינ אפ אונדז.

28 אפרעל.

הײַנט באנאכט האָט זיכ קיינער ניט געלייגט שלאָפנ. אינ אָוונט האָט זיכ אפגעבנ אינדזל רודאָלפ אונ אינ דער בוכטע טיכאיא אײַנגעשטעלט א גוטער וועטער, אונ מיר האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גרייטנ צומ ארויספלי.

איינס אזייגער אינדערפרי האָבנ מיר, איכ, גאַלאָווינ אונ קרוזע, זיכ אוועקגעלאָזט צומ אעראָדראָמ. אונדז באַגלייטנ אָטאָ יוליעוויטש, שע־ וועליאָוו אונ ספירינ. די מעכאניקער ווארעמענ די מאָטאָרנ.

5 אזייגער מיט 25 מינוט האָבנ זיכ גענומענ דרייענ די פראָפעלערנ פונ „פססר נ—166", אונ מיר האָבנ זיכ אופגעהויבנ אינ דער לופט. גאַלאָווינ האָט זיכער געפירט דעמ אעראָפּלאנ לויטנ קאָמפאס איבערנ לאבירינט אינדזלענ, אונ אינ עטוואָס מער ווי א שאָ ארומ האָבנ מיר דערזענ די קאָנטורנ פונ הוקערס אינדזל, וואָס זײַנענ אונדז גוט באקאנט לויט דער קארטע, דעמ ווינטער־לאגער אינ דער בוכטע טיכא־ יא, דעמ הילצערנעמ אנגאר אונ דעמ אעראָדראָמ.

זיבנ אזייגער האָט גאַלאָווינ גענומענ אראָפּנידערנ. ווי עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, איז דער „אעראָדראָמ" געווענ א קלאָגעדיקער. דאָס איז געווענ א צײַטווײַליקער אײַז, וואָס דער ווינט האָט אָנגעיאָגט אינ דער בוכטע. באמ רודערנ האָט גאַלאָווינ געטראָפנ מיט דער רעכטער ליזשע אינ א שפאלט. צומ גליק איז אלצ אראָפּ בעשאָלעמ.

באגעגנט האָט מענ אונדז אויסגעצייכנט, אָנגעקאָרמעט ביזנ האלדז, פארשאָטנ מיט אָנ א שיר פראגנ אונ געשענקט א סאכ מאטאָנעס.

די מאטאָנעס זײַנענ געווענ אויסגעצייכנטע. ערשטנס, א זאק גרויסע קארטאָפל, וואָס מע האָט זאָרגעוודיק אָפּגעהיט פונ פראָסט, אונ, צווייטנס, א... לעבעדיק באזערל, וואָס איז געווענ גוט ארומגעוויקלט אונ האָט שרעקלעכ געקווײַטשעט.

— זײַט אזוי גוט, גיט איבער אָטאָ יוליעוויטשנ פערזענלעכ!

דאָס כאזערל האָט אויסגעהאָדעוועט דער ווינטערער מעלענטיעוו, וואָס פארברענגט שוינ דעמ צוועלפטנ יאָר אפנ צאָפנ.

אַלצ איז געווענ אויסגעצייכנט, אָבער מע האָט זיכ געמוזט אײַלנ אפ צוריק, קאָלזמאנ ס'איז גיט קאליע געוואָרנ דער וועטער.

מע האָט ארויסגעגראָבנ מײַנ „או—2" פונ אונטערנ שניי. דער מעכאניק יורע בעזפאמילני האָט אוועקגעלאָזט דעמ מאָטאָר, אונ 13 אזייגער מיט 30 מינוט זײַנענ מיר שוינ געווענ אינדערלופטנ.

גלײַכ נאָכ מיר האָט זיכ אופגעהויבנ גאָלאָווינ. קרוזע איז געבליבנ אינ דער בוכטע טיכאיא איבער דעמ, וואָס דער מאָטאָר פונ דעמ „פ—5" איז עפעס געווענ ניט אינ אָרדענונג. מיר האָבנ זיכ געלייגט אפנ קורס. אפ דער הייכ פונ 1000 מעטער האָט זיכ אָפגעזאָגט צו ארבעטנ מײַנ קאָמפאס, דער גיכקײַט-צײַגער אונ דער אומדריי-ציילער, אָבער די אויסגעצייכנטע ארבעט פונ מאָטאָר האָט מיכ בארויקט, אונ איכ האָב באשלאָסנ פליענ ווײַטער.

עס איז געווענ שווערלעכ צו פארמעסטנ זיכ מיט גאָלאָווינענ. מײַנ „או—2" אונ גאָלאָווינס אעראָפלאַנ זײַנענ א ווייניק פאסיק פאָרל פאר א געמיינזאמענ שפאציר. גאָלאָווינ איז עטלעכע מאָל אוועק ווײַט פאָרויס, דערנאָכ פלעגט ער זיכ זאָרגעוודיק אומקערנ צוריק צו מיר אונ דאנ ווידער אוועק פאָרויס. אינ אַנדערהאלבנ שאָ ארומ זײַנענ מיר געווענ אינ דער היימ.

דאָס כאזערל האָט אויסגעצייכנט אויסגעהאלטנ די לופט-רײַזע אונ האָט געמאכט פוראָר...

פארנ „או—2" האָט זיכ גלײַכ געפונענ ארבעט. מיר האָבנ נאָכ ניט באוויזנ ארויסצוקריכנ פונ דער קאבינע, ווי אפנ אעראָדראָמ איז געקומענ צו פאָרנ ספירינ.

— גרייט די מאשינ צומ ארויספלי!

מע האָט אָנגעגאָסנ בענזינ אינ די באקנ, געבראכט אינ אָרדענונג די אפאראטור. ספירינ האָט זיכ געזעצט צומ שטורוואל אונ איז אוועקגעפלויגנ צו דער געבײַדע פונ דער סטאנציע. דאָ האָט ער גענומענ סעראפימ איוואנאָוונ אונ פיאָדאָראָוונ, האָט אָנגעלאָדנ די אוואַרישע ראדיאָסטאנציע אונ איז אכט אזייגער אינ אָוונט ארויסגעפלויגנ,

קעדיי צו זעצנ זיכ א קילאָמעטער הונדערט פונ דער ווינטער־סטאנציע, אויספרווונ די ארבעט פונ דער אוואריע־ראציע אפ א לאנגער כוואליע אונ דורכקאָנטראָלירנ די הערעווודיקייט פונ דעמ ראדיאָ־טורעמ אפנ אינדזל רודאָלפ.

צו איינס אזייגער באנאכט ווארטנ מיר אפ זייער צוריקער.

די אויסשפירער אינדערלופטנ

ווו איז ספירינג? לאטיגינ אונ סטאָראָזשקאָ לאָזנ זיכ אימ זוכנ. דער ערשטער מײַ אפנ אינדזל רודאָלפ. מײַנע פליִענ מיט דזערדזיעווסקינ.

29 אפרעל.

ספירינג האָט זיכ ניט אומגעקערט. ניט געקוקט אפ דער קעסיידערדיקער ארבעט פונ דער ראדיאָסטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ, געלינגט ניט צו פארבינדנ זיכ מיט איוואנאָוונ. גאָלאָווינ גרייט זיכ ארויספליענ זוכנ ספירינגענ.

מיר הערנ ניט איוואנאָוונ. אָבער עפשער הערט איוואנאָוו אונדז? אינ דער לופט ארײַנ גייט אוועק א ראדיאָגראמע:

„דרײַ אזייגער פליט ארויס לויט אײַער מארשרוט גאָלאָווינ. ער וועט אראָפּווארפנ שלאָפ-זעק, דערנערונג. אויב איר האָט א מעגלעכקײַט, לייגט אויס צייכנס".

ס'הייבט זיכ אָנ א זאווערוכע, אונ גאָלאָווינס פלי ווערט אָפּגעשאפּנ.

די נאכט זײַנענ מיר געשלאָפנ אומרויִק. מיר פלעגנ זיכ אלע ווײַלע אויפכאפּנ, בא אלעמענ אינ קאָפּ האָט זיכ געדרייט איינ פראגע:

— וואָס איז מיט די כאווייריִמ?

מיר מאכנ אָנ א שיר האשאָרעס וועגנ דעמ גורל פונ ספירינגענ, איוואנאָוונ אונ פיאָדאָראָוונ. ווײַזט אויס, א געצווונגענע אראָפּנידערונג. אָדער עפשער האָט זיכ באמ אראָפּנידערנ צעשעדיקט דער עראָפּלאנ, אונ זיי קאָנענ ניט פליִענ. אָבער פארוואָס שווײַגנ זיי?

ערגער פונ אלצ איז דאָס, וואָס זיי האָבנ ווייניק דערנערונג. פאר דרײַ מענטשנ א האלבנ קילאָ כאזער-שמאלצ, ניט מערער סוכארעס אונ עטלעכע פּליטקעס שאָקאָלאד.

אינדערפרי זײַנענ אלע אופגעשטאנענ שווײַגנדיקע, אומעטיקע. ווי ניט ענלעכ עס איז אָט דער פרימאָרגנ אפ אונדזער געווײנלעכנ אופשטײנ מיט וויצנ אונ געלעכטער.

די זאווערוכע הערט ניט אופ, אונ שיקנ אעראָפּלאנענ אפ צו זוכנ די כאווײרימ איז אומעגלעכ. ס'ארא פאסקודנער צושטאנד — ערגעצ-ווו געפינענ זיכ מענטשנ, וועלכע נײטיקנ זיכ עפשער אינ דרינגענדיקער הילפ, אונ בא דיר זײַנענ הענט אונ פיס געבונדנ.

באטאָג זײַנענ ארויסגעפאָרנ זוכנ די פארפאלענע כאווײרימ צוויי ווינטערער אפ הינט.

דאָס זײַנענ אלטע אונ דערפארענע פּאָליארניקעס — לאטיגינ אונ סמאָראָזשקאָ.

עס ווילט זיכ גלייבנ, אז אלצ וועט זיכ ענדיקנ גוט.

30 אפּרעל.

נעכטנ אינ אָוונט איז דער שניי-שטורעמ געוואָרנ שטילער, אונ גאָלאָווינ האָט זיכ ווידער גענומענ גרייטנ צומ ארויספלי. קימאט אלע האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ אפנ אעראָדראָמ.

0 אזייגער מיט 30 מינוט האָבנ אָנגעהויבנ ארבעטנ די מאָטאָרנ, אונ גאָלאָווינ איז ארויסגעפלויגנ. מיר האָבנ אָנגעשטרענגט נאָכגעשפּירט נאָכ דעמ, ווי מיט יעדער סעקונדע איז דער אעראָפּלאנ „פּססר ג—166" געוואָרנ אלצ קלענער אונ דער גערודער פונ זײַנע מאָטאָרנ אלצ שטילער.

אָט האָט ער זיכ פארוואנדלט אינ א קוימ באמערקבאר פּאסיקל אפנ האָריזאָנט אונ באלד וועט ער אינגאנצנ פארשווינדנ פונ אויג.

אָבער טראָצ אלע דערווארטונגענ האָט דאָס פּאסיקל אָנגעהויבנ וואקסנ. אינ צענ מינוט ארומ נאָכנ ארויספלי איז גאָלאָווינ ווידער געווענ איבערנ רודאָלפער אעראָדראָמ אונ האָט אָנגעהויבנ אַראָפּנידערנ.

— הינטערנ אינדזל רודאָלפ, — האָט ער דערציילט, אראָפּגייענ-

צווישן אײַזבערג.

פּאַפּאַנין, קרענקעל, שירשאָוו באַם קאַפּ סטאָלבאָווי.

דיק פונעמ ערראָפּלאַנ, — איז אַלצ פאַרדעקט מיט א נעפּל. ס'איז אומזיסט צו פליענ. אַלציינס זעט מענ גאָרניט.

מע האָט באַשלאָסנ ניט אומקערנ זיכ אַהיימ און וואַרטנ — טאָמער וועט זיכ אויסלײַטערנ. מיט אונדז איז געווענ שעוועליאָוו. ביז פיר אַזייגער האָבנ מיר זיכ אַלע געהאַלטנ אַפ די פיס, געפּרוווט שפּילנ אינ קאָרטנ, וויצלענ זיכ. דערנאָכ האָט די מידקײַט אַלעמענ באַהערשט, אונ מיר האָבנ געכאַפּט א דרעמל, ווער ווו עס האָט געקאָנט.

דער וועטער איז דערווײַל געוואָרנ אַלצ ערגער. די האָפענונג אַפּ גאָלאָווינס א צווייטנ ארויספלי האָט 'מענ געמוזט אָפּוואַרפנ. וואַרטנ איז ניט געווענ אַפּ וואָס. אינ א פאַסקודנער שטימונג האָבנ מיר פאַרלאָזנ דעמ ערראָדראָמ. צו צענ אַזייגער אינדערפרי האָט אונדז דער וועזדעכאָד געבראַכט אַפּ דער סטאַנציע.

אַפּ דער ראַציע האָט מענ דערוווּסט א קלײַנעכדיקנ מעסלעס, אָבער קיינ שומ יעדיעס פונ ספּירינענ איז, ווי פריער, ניט געווענ. זינט ער איז ארויסגעפלויגנ איז שוינ אריבער 37 שאָ. א טאָג אינ צוויי נעכט.

מיר האָבנ זיכ אויסגעטאָנ אונ געלייגט שלאָפנ. א פאַרמאַטערטער פונ דער אופרעגונג אונ פונ די צוויי שלאָפלאָזע נעכט, בינ איכ געשלאָפנ פעסט אונ אָנ כאַלוימעס. אופגעכאַפּט האָב איכ זיכ פונ דעמ גערויש פונ מאָטאָרנ.

איבער דער געבײַדע פונ דער פּאָליאַר-סטאַנציע האָט זיכ געדרייט דער פאַרפאַלענער „או—2"! אַלע האָבנ זיכ אומגעקערט גאַנצ אונ געזונט.

לויט דער אומגעהייערער פרייד, וואָס האָט אונדז ארומגעכאַפּט, האָט מענ געקאָנט אורטיילנ וועגנ דעמ, ווי גרויס עס איז געווענ אַלעמענס אומרו, וואָס יעדערער האָט פריער באַהאַלטנ טיפ אינ זיכ. אונ ערשט איצט, ארומנעמענדיק די האָזיקע פריילעכע דערפרוירענע מענטשנ, האָבנ מיר פרײַ אויסגעדריקט אונדזערע געפילנ.

אָט וואָס עס האָט דערציילט ספּירינ:

— אראָפּגענידערט האָבנ מיר א קילאָמעטער אכציק פונעמ אינדזל רודאָלפ אינ באַקס דורכגוס. מיר האָבנ זיכ גלײַכ גענומענ צו דער ארבעט. איוואַנאָוו האָט אײַנגעשטעלט די ראַציע. דעמ אינדזל רודאָלפ האָבנ מיר אַפּ לאַנגע כוואַליעס געהערט גוט. מיר פלעגנ

פינקטלעכ ענטפערנ, אָבער רודאָלפ האָט אונדז עפּעס ניט געהערט. איוואנאָוו האָט דורכגעקאָנטראָלירט דעמ אפּאראט. אלצ איז געווענ אינ אָרדענונג. מיר האָבנ געמאכט נאָכ א פּרווו צו פארבינדנ זיכ מיטנ אינדזל רודאָלפ, אָבער אָנ דערפאָלג. שולדיק איז אפּאָנעמ געווענ ניט דער אפּאראט, די ראדיאָ־כוואליעס האָבנ, ווײַזט אויס, ניט געקענט דורכדרינגענ דורכ דער אטמאָספער איבער סיבעס, וואָס זײַנענ אונדז געווענ אומפארשטענדלעכ.

מיר האָבנ זיכ פארנומענ מיט אסטראָנאָמישע באאָבאכטונגענ. פארענדיקט זיי, האָבנ מיר זיכ גענומענ גרייטנ צומ ארויספלי.

אָבער עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ארויספליענ איז ניט אזוי פּאָשעט. מיר האָבנ ארויסגעלאָזנ פונ זיגענ, אז עס איז געווענ ארומ 20 גראד פראָסט. דער מאָטאָר איז אָפּגעקילט געוואָרנ, אונ מע האָט אימ ניט געקאָנט אוועקלאָזנ.

מיר האָבנ באשלאָסנ אויסצונוצנ דעמ גומענעמ אמאָרטיזאטאָר. אָבער דרײַ מענטשנ איז געווענ ווייניק, קעדיי אײַנצושטעלנ אָנצוציענ די עקנ פונעמ אמאָרטיזאטאָר, שטייג אפנ פּראָפּעלער אונ דרייענ דעמ מאגנעטאָ.

אזוי האָבנ מיר זיכ אָפּגעמוטשעט ביז אינדערפרי.

אינדערפרי האָבנ מיר אפ די הענט געבראכט צו שלעפּנ דעמ אעראָפּלאנ צו א טאָראָס, אריבערגעוואָרפנ איבער אימ דעמ אמאָרטיזאטאָר. עס איז געוואָרנ עטוואָס ווארעמער, אונ דאָס מאָל האָט זיכ אונדז אײַנגעגעבנ אוועקלאָזנ דעמ מאָטאָר. אָבער ארויספליענ איז שוינ געווענ אומעגלעכ. עס האָט זיכ אופגעהויבנ א געדיכטער נעפּל אונ א זאווערוכע.

א גאנצנ טאָג דעמ נײַנ־אונ־צוואנציקסטנ האָבנ מיר אָפּגעוואַרט אפ דעמ, אז דער וועטער זאָל זיכ פארבעסערנ. ס'איז געווענ קאלט. אלע זײַנענ געווענ מיד. עס האָט זיכ געוואָלט עסנ.

קעדיי דער מאָטאָר זאָל זיכ ווידעראמאָל ניט אָפּקילנ, פלעגנ מיר רעגולער דרייענ דעמ פּראָפּעלער.

הײַנט אינדערפרי איז דער וועטער געוואָרנ א ביסל בעסער. מיר האָבנ באשלאָסנ ארויספליענ. נאָכ אייניקע ניט געלונגענע פּרווונ אָפּצורײַסנ זיכ פונ דעמ קליינעמ „אעראָדראָמ“, זײַנענ מיר ארופגעפלויגנ, מאנעווורירנדיק צווישנ די טאָראָסנ.

עס האָט געבלאָזן א שטאַרקער ווינט. נידעריקע וואָלקנדיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שניי־שטורעם. צײַטנווײַז זײַנען מיר געגאַנגען האַרט איבערן אײַז אַף דער הייך פון 15 מעטער.

אזוי אָט האָבן מיר זיך דערקליבן אהיים...

איצט, ווען מיר הערן ספּירינגס לאַקאָנישע דערציילונג, ווײַזט זיך אויס, אז אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט ספּירינגען און מיט זײַנע כאַווייריִם, איז א געוויינלעכע און פּאָשעטע זאַך. געפלויגן. אראָפּגענידערט. ניט געקאָנט אָנקלאָזן דעם מאָטאָר. דערנאָך איז קאַליע געוואָרן דער וועטער. אויסגעוואַרט אַף א בעסערן וועטער, אָנגעקלאָזן דעם מאָטאָר און געקומען צו פליען.

אָבער לאָמיר זיך פּרוּוון אַרײַנטראַכטן.

א זאַווערוכע, עס דרייט א שניי, אומענדלעכער אײַז, דאָס פײַנט־לעכע שווײַגן פונעם מאָטאָר. אָן א דאַך איבערן קאָפּ, אָן וואַרעמע קליי־דער און שלאָף־זעק. אָן שפּייז. אזוי גייט אַוועק א נאַכט... א טאָג... און נאָך א נאַכט...

אַלץ איז גוט, וואָס עס ענדיקט זיך גוט.

איצט איז בײַ אונדז א נײַע דײַגע. ווו איז סטאַראָזשקאָ און לאַ־טיגין ?

...עס קומט אָן דער ערשטער מײַ. צום ערשטן מאָל פאַר א סך יאָרן וועל איך אין אָט דעם טאָג זײַן ניט אַפן רויטן פּלאַץ און ניט אין מאָסקווע!

אין דער קאַיוט־קאָמפּאַניע גרייטן אונדזערע זשורנאַליסטן בראָנט־מאַן און ווילענסקי צוזאַמען מיט דער רעדקאָלעגיע פון דער ווינטער־סטאַנציע א ספּעציעלן ערשטמײַיִקן נומער פון דער וואַנט־צײַטונג. די צײַטונג הייסט „די ברייט 82°—90°“.

בראָנטמאַנען און ווילענסקין העלפט פּיאָדראָוו, וועלכער האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן.

1 מײַ.

נעכטן בין איך צוויי מאָל אַרויסגעפלויגן אַפן „או—2“. מיך האָט מען באַופטראָגט אויפצוזוכן די שליטן־פּאַרטיע. דאָס ערשטע מאָל בין איך אָפּגעווען אין דער לופט 1 שאָ מיט 30 מינוט. צוליב דער שלעכ־טער זעעוודיקייט האָב איך זיך געמוזט אומקערן צוריק. דעם צווייטן

האלב־שאָקנ ארויספלי האָב איכ געמאכט זאלבענאנד מיט דזערדזע־
יעווסקינ.

הײנט באגינענ בינ איכ ארויסגעפלויגנ א דריט מאָל. די זעעוודיקײט איז אנ אויסגעצײכנטע. איכ בינ אָפגעוועג אינדערלופטנ 1 שאָ מיט 30 מינוט, דערפלויגנ ביז סטאָלישעקס אינדזל. איכ בינ געפלויגנ לויטנ ווארשײנלעכנ מארשרוט פונ דער שליטנ־פארטיע, אָבער די מענטשנ האָב איכ ניט געפונענ.

אומגעקערט זיכ האָב איכ צו דער צײט.

...דער זײגער אפנ קרעמל־טורעמ האָט געשלאָגנ צענ. דער רויטער פלאצ איז פארגליווערט געוואָרנ. אינעמ טויער פונעמ טראָצקער טורעמ האָט רײטנדיק אפ א ווײס פערד, זיכ באוויזנ דער פאָלקס־קאָמיסאר פונ לאנדשוצ.

דער שווארצער רופאָר פונעמ רעפראָדוקטאָר האָט דערטראָגנ צו אונדז די קלאנגענ פונ דעמ פרײדיקנ „הורא“, וואָס האָט זיכ דורכגעקײקלט איבערנ רויטנ פלאצ. דער פאָלקס־קאָמיסאר האָט געריטנ פארבײ דעמ מיליטער. דערנאָכ, נאָכ א קלײנער פאוזע, האָבנ מיר דערהערט וואָראָשילאָווס רעדע אונ די ווערטער פונ דער רויטארמײישער שבועה, וועלכע עס האָבנ איבערגעכאזערט צענדליקער טויזנטער יונגע קריגער.

מיט א פארטײעטנ אָטעמ האָבנ מיר זיכ צוגעהערט. פארבײ דעמ מאווזאָליי, ווו עס האָבנ זיכ פארזאמלט די פירער פונ דער פארטײ אונ פונ דער רעגירונג, ווו עס איז געשטאנענ דער כאווער סטאלינ, זײנענ מיט געמאָסטענע טריט, מיט אָנגעשטעלטע ביקסנ פאר־בײגעגאנגענ די אײזערנע קאָלאָנעס פונ דער מאָסקווער פראָלעטארישער דיוויזיע. דערנאָכ איז, צאָקענדיק מיט די קאָפיטעס, דורכגעריטנ די קא־וואלעריע. גלײכ נאָכ איר האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ די מאָטאָריזירטע טײלנ. ענדלעכ האָט זיכ געלאָזט הערנ דער גערודער פונ די טאנקענ, אונ אינ דעמ זעלבנ מאָמענט האָבנ מיר דערהערט דעמ ווײטנ געזאנג פונ מאָטאָרנ. א, מיר האָבנ ניט געקאָנט קײנ טאָעס האָבנ. איבערנ רויטנ פלאצ זײנענ געפלויגנ לײכטע אימפעטיקע אויסשפירער, גרויזאמ זײנענ געשווומענ די באָמבעפירער, בליצ־שנעל האָבנ זיכ פארבײגע־טראָגנ די פארניכטער.

איכ האָב געקוקט אפנ פלאנשטורמאנ ספירינ, וועלכער האָט ניט אײנ מאָל געפירט איבערנ רויטנ פלאצ פלאָטיליעס לופט־שיפנ. זײנ פא־

נעמ האָט אויסגעדריקט אנ אופרעגונג, וואָס איז געווענ אומגעוויינלעכ פאר דעמ דאָזיקנ ערנסטנ, עטוואָס איינגעשלאָסענעמ מענטש.

דער פאראד האָט זיכ געענדיקט. אפנ רויטנ פלאצ זיינענ ארופגעטראָטנ די מיליאָניקע קאָלאָנעס פראָלעטאריער פונ דער רויטער הויפטשטאָט, וועלכע פייערנ דעמ ערשטנ מיי.

אונ אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט האָבנ זיכ אפנ סאמע עק פונ דעמ סאָוועטישנ לאנד, אפ דער וויטער פאָליארער סטאנציע אוועקגעלאָזט אפנ ערשטמייִקנ מיטינג עטלעכע צענדליק סאָוועטישע מענטשנ.

מיר זיינענ געגאנגענ מיט א רויטער פאָנ, ברעכנדיק דאָס אייביקע שטילשווייגנ פונ די שנייענ מיט פריידיקע לידער, אונ נאָכ טיפער, ווי געוויינלעכ, האָבנ מיר געפילט אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט אונדזער פעסטע פארבינדונג מיט דעמ גאנצנ ראטנלאנד, מיטנ גאנצנ פילמיליאָניקנ גרויסנ פאָלק.

מיר האָבנ זיכ אָפגעשטעלט. א וואָרט האָט גענומענ דער שעפ פונ דער עקספעדיציע צומ צאָפנ=פאָליוס — אָטאָ יוליעוויטש שמידט. ער האָט געהאלטנ א קורצע הארציקע רעדע.

דערנאָכ האָבנ מיר אופגעהויבנ אונדזערע רעוואָלווערנ, יאגד=ביקסנ, די ראקעטישע פיסטאָלעטנ אונ האָבנ געגעבנ א סאליוט לעקאָווער דעמ גרויסנ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטארישנ יאָנטעוו, לעקאָווער אונדזער באליבטנ היימלאנד.

דעמ גאנצנ טאָג איז בא אונדז געווענ א געהויבענע שטימונג. אָבער די אומרויִקייט וועגנ די צוויי אָפוועזנדיקע כאווײרימ האָט אונדז ניט אָפגעלאָזט. עמעס, סטאָראָזשקאָ אונ לאָטיגינ האָבנ גענומענ מיט זיכ שלאָפ=זעק, א ביידל אונ א גענוגנדיקנ רעזערוו דערנערונג. זיי האָבנ אינ זייער רעשוס א נארטע אונ צענ הינט. זיי פארמאָגנ א גרויסע פאָליארע דערפארונג. אָבער דער געפיל, אז זיי זיינענ ניטאָ צווישנ אונדז, האָט אריינגעטראָגנ אומרויִקייט.

צוזאמענ מיטנ שעפ פונ דער ווינטער=סטאנציע ליבינ בינ איכ ווידער ארויסגעפלויגנ זוכנ סטאָראָזשקאָנ אונ לאָטיגינענ, אונ ווידעראמאָל האָט מיר דער נעפל פארצאמט דעמ וועג. אינ א האלב שאָ ארומ האָב איכ זיכ געמוזט אומקערנ צוריק.

אינ אָוונט איז אינ דער קאיוט=קאָמפאניע פארגעקומענ א פייערלע=

א וואָרט האָט גענומען דער שעף פֿון דער עקספּעדיציע — אָטאָ יוליעוויטש שמידט.

כער אָוונטבו'ויט. ס'איז געווענ טומלדיק אונ לעבעדיק. סאכאקל זײַנענ בײַם טיש געזעסנ העכער זעכציק מאנ.

א סאכ פריילעכע שטרײַטנ זײַנענ אנטשטאנענ ארומ די פראגנ, ווער מיט וועמענ זאָל זיכ זעצנ. אפנ פאָרזיצערישנ אָרט האָבנ מיר באשלאָסנ אוועקצוזעצנ אָטאָ יוליעוויטשנ, לעבנ אימ—וואָראָפיאנאָוונ אונ מאָלאָקאָוונ.

אָבער אָטאָ יוליעוויטש האָט אָנגעהויבנ פראָטעסטירנ.

— לאָמיר וואַרפנ גורל. אי קיינ ביוראָקראטיזמ וועט ניט זײַנ אי מיר וועלנ קיינעמ קיינ פארדרוס ניט פארשאפנ.

דאָס ערגסטע אָרט האָט באקומענ אָטאָ יוליעוויטש. דאָס ערשטע אָרט איז אויסגעפאלנ דאָגמאראָוונ. ער האָט געפאָדערט, אז אָטאָ יוליעוויטש זאָל זיכ בײַטנ מיט אימ מיט די ערטער. אָבער אָטאָ יוליעוויטש האָט זיכ קאטעגאָריש אָפגעזאָגט אָנצונעמענ דאָגמאראָווס פאָרשלאָג.

איכ האָב זיכ אײַנגעאָרדנט מיט פאפאנינענ, קרענקעלנ אונ שירשאָונ, מיט וואָס איכ בינ געווענ אומגעהייער צופרידנ.

דער אָוונט איז אריבער העכסט געלונגענ. איכ געדענק שוינ לאנג ניט אזא פריילעכנ אָוונט. דאָגמאראָוו איז געווענ א גלענצנדיקער קאָנפעראנסיע. מיט רעדעס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אלע אָנוועזנדיקע, אָנגעהויבנ פונ אָטאָ יוליעוויטשנ. יעדער טאָסט האָט ארויסגערופנ א געלעכטער. מע איז זיכ פאנאנדערגעגאנגענ פיר אזייגער אינדערפרי. אָבער נאָכ לאנג האָבנ זיכ אינ די צימערנ געהערט געלעכטער אונ וויצנ.

2 מײַ.

עס דערנענטערט זיכ דער באשליסנדיקער עטאפ פונ דער עקספעדיציע. דער ארויספלי אפנ פאָליוס איז אצינד מעגלעכ יעדנ טאָג, ווי נאָר עס וועט דערלויבנ דער וועטער. דעריבער דארפנ מיר אלע זײַנ אינ פולער שלאכט=גרייטקײַט.

ווידעראמאָל האָט מענ אלצ אפדאָסנײַ איבערגעכעזשבנט, אונ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די מאשינעס זײַנענ איבערגעלאָדנ, אונ עס איז אנטשטאנענ א געפאר, אז זיי וועלנ ניט ארופליענ. דעריבער האָט זיכ הײַנט אָנגעהויבנ א פולשטענדיקע אנטוואָפענונג. מע האָט אראָפגעריסנ פונ די מאשינעס אלצ, וואָס מע האָט געקאָנט, אזש

ביז די טירנ, צווייטראנגיקע אפאראטנ, רעזערוו=ראציעס. עס וועט אויסקומענ איבערלאָזנ אויכ עטוואָס פונ די פראכטנ, וואָס זײַנענ באשטימט פאר דער פאפאנישערווינטער=סטאנציע.

די נײַטיקײַט גרינגער צו מאכנ די מאשינעס וועט, ווארשײַנלעכ, זיכ אָפשפיגלענ אויכ אפנ עקיפאזש. באזונדערס רעגנ זיכ אונדזערע קאָרעספאָנדענטנ — ווילענסקי און בראָנטמאנ. איכ פארשטיי זיי זייער גוט. זײַנ אפנ אינדזל רודאָלפ און ניט פליִענ אפנ פאָליוס וואָלט פארדראָסנ יעדנ אײנעמ און באזונדערס — א צײַטונגס=טוער.

דזערדזיעווסקי זאָגט צו אנ אנטיציקלאָנ.

3 מײַ.

הײַנט בינ איכ דאָס פינפטע מאָל געפלויגנ זוכנ סטאָראָזשקאָ און לאטיגינענ. מײַנ האלבשאָזיקער פלי האָט ווידער ניט געגעבנ קיינ שום רעזולטאטנ. דער וועטער טויג אפ קאפאָרעס. עס האָט זיכ באוויזנ אנ אנטיציקלאָנ, אָבער עפעס א פוילער. איכ גרייט זיכ צו א הויכנ אויסשפיר=פלי מיט אונדזער סינאָפטיקער.

די אויסלאָדונג פונ די עראָפלאנענ איז, ווי פריִער, די סאמע רעגנדיקע טעמע פאר אונדז אלעמענ. נעכטנ איז באשטימט געוואָרנ, אז דער עקיפאזש פונ יעדער לופט=שיפ באשטייט פונ פינפ מענטשנ: צוויי פילאָטנ, צוויי באָרט=מעכאניקער, א שטורמאנ. הײַנט האָט מענ שוינ קימאט באשטימט דעמ עקיפאזש פארקירצנ ביז דרײַ מאנ: א פילאָט, א באָרט=מעכאניק און א שטורמאנ.

עס איז גלײַכ געוואָרנ אומעטיק. אזא ווארִיאנט באריִרט שוינ אויכ מיכ. איכ פארשטיי זייער גוט, אז פריִער פונ אלצ דארפ מענ באווארענענ די אלגעמיינע אינטערעסנ, און ערשט נאָכדעמ טראכטנ וועגנ די פערזענלעכע פארלאנגענ.

מיר וועלנ ווארטנ!

די שווערע לאגע מיט דער אויסלאָדונג איז א גרונט פאר אָנצאָליקע וויצנ מיצאד אונדזערע געשווירענע וויצלינגענ. איינער א דערפינדער האָט פאָרגעלייגט א נײַע קאָנסטרוקציע פונ לײזשעס, וואָס פאלנ אליינ פונ זיכ אראָפ און פארבלײַבנ נאָכנ ארופלי אפ דער ערד. דעמ ראדיסט איוואנאָוונ אייצעט מענ פליִענ אָנ א ראציע, אָבער מיט א שליסל און מיט אויער=טרײַבלעכ.

4 מײַ.

הײַנט איז באַ מיר געווענ א גרויסער טאָג.

אינדערפרי בינ איכ מיט דזערזשינסקינ אפנ באָרט ארויסגע־פלויגנ אפ א ווערטיקאַלנ זאָנדאַזש. מיר האָבנ גענומענ מיט זיכ א מיטעאָראָגראַפ. עס איז געווענ א גערעכטע וואָלקנדיקײַט, מיר האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ געפינענ א „פענצטער“ אונ ארויסקריכנ אינ דער הייכ. ווענ מיר האָבנ דערגרייכט 3 200 מעטער לויטנ אלטימעטער, האָב איכ גענומענ ארויפנידערנ. סאַמאַלעט זײַנענ מיר מיט באָרים לוואָ־ווישנ אָפגעווענ אינדערלופטנ 1 שאָ מיט 30 מינוט. דער פלי איז דורכגעגאנגענ נאָרמאַל.

דערנאָכ בינ איכ ווידער ארויסגעפלויגנ זוכנ די שליטנ־פּארטיע. מיט מיר איז געפלויגנ ליבינ. די דורכגוסנ זײַנענ געווענ פארמאַכט מיט א נידעריקער וואָלקנדיקײַט אונ א זאַווערוכע, אונ אינ א האלבער שאָ ארום האָב איכ זיכ געמוזט אומקערנ.

ענדלעכ, שוינ אלס געזעלשאפטלעכע אָנלאָדונג, האָב איכ געמאַכט פיר פליענ מיט די סטאַכאַנאָווצעס פונ דער ווינטער־סטאנציע. גאָר ווי אופנ טושינער אעראָדראָם אינ מאָסקווע, ווו אינ די גרויסע אוויא־ציע־טעג פירנ מיר די כאָשעווע לײַט פונ די פאבריקנ אונ זאַוואָדנ פונ דער הויפטשטאָט.

באַם וואַרמעס, ווײַזט אויס, קעדיי צו סטימולירנ מיכ, האָט דער קוכער מיר צוגעטראָגנ אפ א באזונדערנ טעלער א גרויסנ כאַזער־שניצל מיט זייער א קונציקנ גארניר, באַפוצט מיט א פאַפירענעמ פליומאַזש, אונ א קעלישעק קאָניאַק.

באַ דער ערפורכטיקער שטילקײַט פונ אלע אָנוועזנדיקע האָבנ מיר, מאָלאָקאָוו אונ איכ, בײַגעקומענ די קאָטלעט אונ אויסגעטרונקענ דעמ קאָניאַק...

אינ מעשעכ פונ טאָג האָט זיכ דער וועטער געביטנ עטלעכע מאָל.

קרוזע איז נאָכ אלץ אינ דער בוכטע טיכאַיאַ. „פ—5“ איז שוינ, דאַכט זיכ, אינ אָרדענונג. קרוזע האָט געפרווּט ארופליענ, נאָר באַ אימ האָט זיכ צוערשט אָפגעזאָגט צו ארבעטנ דער גיכקײַט־צײַגער, אונ דערנאָכ די ראַציע. הײַנט האָט ער ווידער אָנגעפרעגט וועגנ וועטער.

קרוזע האָט באקומענ אנ אופטראָג בייסנ פלי פונ דער בוכטע טי=
כאיא צום אינדזל רודאָלף אופמערקזאמ אכטונג געבנ אפ דער ערד
אונ, אויב ער וועט באגעגענענ לאטיגינענ אונ סטאראָזשקאָ, אראָפ=
ווארפנ זיי א ווימפעל מיטנ פאָרשלאָג אומקערנ זיכ אפ דער סטאנציע,
וויַל ספירינ איז שוינ אינ דער היימ.

די געשעענישנ אנטוויקלענ זיכ

גאָלאָווינ פליט צומ פּאָליוס. מאזורוק פארפולקומט די ליזשעס. דער שעפּ פונ אעראָפּאָרט — דזערדזשעיעווסקי. מיר פליִענ ארויס העלפנ קרוזענ. „פּ—5″ האָט זיכ אומגעקערט אהיימ.

5 מײַ.

אָוונט=צו האָט זיכ אויסגעלײַטערט, אונ עס האָט זיכ אײַנגעשטעלט אנ אויסגעצייכנטער זוניקער וועטער. די פּערספּעקטיוו פונ דער נאָענטער מעגלעכקײַט, אז די עסקאדרע זאָל ארויספליִענ צומ פּאָליוס, האָט אופגערודערט אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע.

נאָר דזערדזשעיעווסקי איז געשטימט סקעפּטיש.

— דער סטארט האָט א זינ נאָר בא דעמ באדינג, אז מיר זאָלנ אראָפּנידערנ אפנ פּאָליוס. אלע יעדיִעס, וועלכע איכ האָב אינ מײַנ רעשוס, זאָגנ אייִדעס, אז אראָפּנידערנ דאָרט וועט זײַנ אוממעגלעכ. דער ראיאָנ פונעמ פּאָליוס איז, ווי עס ווײַזט אויס, פארמאכט מיט וואָלקנס.

באגינענ זײַנענ מיר, איכ אונ דזערדזשעיעווסקי—שוינ צומ ווי פילטנ מאָל! — ארויסגעפליגנ זוכנ סטאָראָזשקאָ אונ לאטיגינענ. מיר זײַנענ דורכגעגאנגענ א קילאָמעטער זעכציק צו דאָרעמ פונעמ אינדזל רודאָלפ, באגעגנט א נעפּל אונ געמוזט זיכ אומקערנ.

ניט געקוקט אפ דער טיפער נאכט, איז אפ דער סטאנציע געווענ זייער לעבעדיק. קיינער האָט זיכ ניט געלייגט שלאָפנ. העל האָט געלויכטנ די זונ. ווײַט אפ צאָפנ, וויפל דאָס אויג כאפּט, האָט זיכ געשפּרייט א לויטערער הימל. ס'איז געווענ שווער צו גלייבנ אינ דזערדזשעיעווסקיס פּעסימיסטישנ פּראָגנאָז.

ווידער גיסט מענ אָנ בענזינ אינ די באקנ פונ דעם „או—2”, אונ לויטנ באפעל פונ דער קאָמאנדירונג גיי איכ צוזאמענ מיט באָריס לוואָוויטשנ אינ דער הייכ אפ אויסשפּירונג. מיר האָבנ דערגרייכט 3350 מעטער, זײַנענ דורכגעגאנגענ וויפל עס איז געווענ מעגלעכ איבערנ יאמ צו צאָפנ. מיר זײַנענ אָפּגעווענ אינ דער לופט מער ווי אָנדערהאלבנ שאָ אונ האָבנ אראָפּגענידערט אפ אונדזער אָרט לעבנ דער געבײַדע פונ דער סטאנציע.

דזערדזיעווסקי איז ווי פריִער ניט צופרידנ מיטנ וועטער.

די קאָמאנדירונג נעמט אָנ א באשלוס אוועקשיקנ אינ א טיפער אויסשפּירונג אפ צאָפנ גאלאָווינענ. קעקושעוו אונ טערענטיעוו גרייטנ דעם אעראָפּלאנ אינ וועג ארײַנ. שעווליאָוו אינסטרוקטירט גאלאָווינענ.

— אײַער אופגאבע איז אויסשפּירנ דעם וועטער, באשטימענ דעם צושטאנד פונ דעם אײַז אונ די מעגלעכקײַט פונ אראָפּנידערנ צו צאָפנ פונ דעם אינדזל רודאָלפ.

דאָס איז די ערשטע ווײַטע אויסשפּירונג, אונ גאלאָווינ גרייט זיכ צו דער דאָזיקער ערנסטער אָפּעראציע זייער זאָרגפעלטיק. אופמערקזאמ באטראכט ער דעם אעראָפּלאנ אונ קאָנטראָלירט דעם פראכט. גאלאָווינ נעמט מיט פולע באקנ בענזינ אונ א גרויסנ אוואריע-רעזערוו דערנערונג. כוצ דעם שטורמאנ זשוקאָוו אונ צוויי באָרט-מעכאניקער, פליט מיט אימ ניקאָלײַ סטראָמילאָוו, אנ אויסגעצייכנטער ראדיסט אונ ראדיאָ-קאָנסטרוקטאָר.

11 אזייגער מיט 25 מינוט האָט זיכ גאלאָווינ אופגעהויבנ אינדערלופטנ. געמאכט א קרײַז איבער דער סטאנציע, האָט ער זיכ געלייגט אפנ קורס אונ איז פארשוונדנ אפ צאָפנ. סטראָמילאָוו האָט אײַנגעשטעלט א פארבינדונג מיט דער ראדיאָסטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ אונ האָט אָנגעהויבנ איבערגעבנ מיטיילונגענ.

דער פלי גייט אויסגעצייכנט. א לויטערער וועטער. א גוטע זעעוודיקײַט. א סאכ פעלדער, וואָס טויגנ צומ אראָפּנידערנ. גאלאָווינ גייט דורכ די 83, 84 אונ 85 פאראלעלנ.

מיר גייענ אוועק אפנ אעראָדראָמ אונ הייבנ אָנ גרייטנ די מאשינעס צומ ארויספלי. ניט שוינ זשע וועלנ מיר טאקע ארויספליִענ? די מעכאניקער ווארעמענ די מאָטאָרנ.

גאלאָווינ האָט שוינ איבערגעשניטנ די 87 פאראלעל. ער הערט די

גאנצע צײַט אויסגעצייכנט דעמ ראדיאָ־טורעמ פונעמ אינדזל רודאָלפ, אינ קילאָמעטער נאָכ קילאָמעטער גייט ער זיכער אפ גאָרד. בא די אעראָפּלאנענ אפנ אינדזל רודאָלפ הייבנ זיכ אָנ צו דרייענ די פּראָפּעלערנ.

88 גראדוס צאָפנ־ברייט. גאָלאָווינענ האָט פארצאמט דעמ וועג א וואנט וואָלקנס. ער שנײַדט דורכ די וואָלקנדיקײַט אונ פליט אפ דער הייכ פונ 2 000 מעטער איבער די וואָלקנס... 89 גראדוס...

16 אזייגער מיט 25 מינוט האָט דער לופט־אויסשפּירער דערגרייכט דעמ פּאָליוס! די יעדיע וועגנ דער מערקווירדיקער געשעעניש האָט זיכ מאָמענטאל פאנאנדערגעטראָגנ איבער דעמ גאנצנ אינדזל רודאָלפ. פונ דער ראדיאָסטאנציע, ווו עס געפינט זיכ אָטאָ יוליעוויטש, שעוועליאָוו אונ ספּירינ, האָט מענ די דאָזיקע יעדיע איבערגעגעבנ דורכנ טעלעפאָנ אינ אעראָדראָמ.

מיר האָבנ אויסגעשריִענ „הורא“, עמעצ האָט פונ גרויס סימכע מיר א פאטש געטאָנ איבערנ פּלייצע אזוי, אז איכ בינ קוימ אײַנגעשטאנענ אפ די פיס.

אָבער דעמ ארויספלי פונ די איבעריקע לופט־שיפנ צומ פּאָליוס מוז מענ הײַנט פאָרט אָפּלייגנ. ווי דזערדזיעווסקי האָט אונדז פאָרויסגעזאָגט, איז דער גאנצער ראיאָנ פונ פּאָליוס באדעקט מיט וואָלקנס, אונ אראָפּנידערנ דאָרט איז ניט מעגלעכ. די מעכאניקער שטעלנ אָפּ די מאָטאָרנ. מיר קערנ זיכ אומ אפ דער ווינטער־סטאנציע.

דער וועטער הייבט אָנ קאליע ווערנ. ערשט ניט לאנג האָט העל געשײַנט די זונ, אָבער ווער ווייסט פונוואנענ האָבנ זיכ אָנגעטראָגנ נידעריקע וואָלקנס, אונ דער אעראָדראָמ האָט זיכ פארמאכט. וויאזוי וועט אראָפּנידערנ גאָלאָווינ?

די קאָמאנדירונג באשטימט אופנעמענ גאָלאָווינענ ניט אפנ גרונט־אעראָדראָמ אפנ קופּאָל, נאָר אפנ פּלאצ לעבנ דער ווינטער־סטאנציע, פונוואנענ עס פליִענ געווייִנטלעכ ארופ אונדזערע לײַכטע אעראָפּלאנענ. וועגנ דעמ באשלוס טיילט מענ מיט דורכ ראדיאָ גאָלאָווינענ.

דער נעפּל הילט אלצ שטארקער אײַנ דעמ אינדזל. בלויז ווײַט אפ צאָפנ זעט מענ דורכנ נעפּל שטיקלעכ לויטערנ הימל. מיר ווארטנ אפ גאָלאָווינענ.

21 אזייגער מיט 30 מינוט. לויט אונדזער כעזשבנ דארפ שוינ גאָלאָווינ זײַנ דאָ, אָבער דער אעראָפּלאנ באווײַזט זיכ ניט. ווײַזט אויס,

אז פאוועל געאָרגיעוויטש קאָנ ניט געפינענ דעמ אינדזל צוליב דער וואָלקנדיקײַט אונ נעפל.

מאזורוק פליט ארויס אפנ „או—2“ באנגעגענענ גאָלאָווינענ, אָבער ער קערט זיכ אומ אָנ קיינע שומ רעזולטאטנ. אונ גאָלאָווינ איז שוינ ערגעצ דאָ, נאָר נאָענט פונ אונדז. כאָטש מיר הערנ ניט דעמ גערויש פונ זײַנע מאָטאָרנ, אָבער מיר ווייסנ עס פונ סטראָמילאָווס ראדיאָגראמענ.

יעדער פונ אונדז שטעלט זיכ אינ געדאנק אפ גאָלאָווינס אָרט. עס איז בעעמעס א שווערע אויפגאבע געפינענ אינ נעפל דעמ אינדזל רודאָלפ. די לאגע ווערט נאָכ קאָמפליצירטער צוליב דעמ, וואָס דער ברענשטאָפ בא גאָלאָווינענ האלט שוינ באמ אויסגיינ. עס איז שוינ באלד אריבער צוועלפ שאָ, זינט ער איז אינדערלופטנ.

ס'איז שוינ די צײַט פונ אָוונטברויט, אָבער קיינער טראכט ניט וועגנ עסנ. מיר שטייענ אינ דרויסנ בא דער געבײַדע פונ דער ווינטער־סטאנציע, קוקנ אומרויק אפנ געפלדיקנ פאָרהאנג אונ הערנ זיכ אָנגעשטרענגט צו, צי הורזשענ ניט ערגעצ מאָטאָרנ. מיט גרויסע טריט שפאנט הינ אונ צוריק אָטאָ יוליעוויטש, די הענט פארלייגט אפ הינטנ, פונ צײַט צו צײַט ווענדט ער זיכ דאָ צו איינעמ, דאָ צו א צווייטנ פונ אונדז מיט א קורצער אָפגעהאקטער פראזע. אפנ פלאצ לעבנ דער סטאנציע זײַנענ אויסגעלייגט אראָפנידערונגס־צייכנס אונ עס ברענענ שײַטערס.

23 אזייגער מיט 30 מינוט האָבנ מיר, איכ אונ דער שטורמאנ ריטסלאנד, גלײַכצײַטיק באמערקט דעמ אעראָפלאנ. ער האָט זיכ באוויזנ ניט פונ צאָפנ, ווי מיר האָבנ דערווארט, נאָר פונ דאָרעמ.

גאָלאָווינ איז אינ גאנג פארפליענ קעגנ דעמ „T“, האָט זיכ פארבײַגעטראָגנ פארבײַ אונדז אונ איז פארשווונדנ הינטערנ בערגל.

מיר האָבנ זיכ אלע א לאָז געטאָנ צומ אָרט, ווו ער האָט אראָפגענידערט. דער אעראָפלאנ האָט זיכ אָפגעשטעלט אפנ ראנד פונ אָפהאנג, וואָס פירט צו דעמ אָרט, ווו עס איז אינ 1900 י. געווענ די ווינטער־סטאנציע פונ דער איטאליענישער עקספעדיציע פונ דעמ הערצאָג אברוצקי. די ליזשעס פונעמ אעראָפלאנ זײַנענ אפ העלפט געבליבנ הענגענ אינדערלופטנ. נאָכ א האלבער מעטער, אונ דער אעראָפלאנ וואָלט זיכ אראָפגעקײַקלט פונעמ אָפהאנג גלײַכ אפ די טאָראָסנ.

א מידער פונ דעמ דווערנדיקנ פלי איז גאָלאָווינ ארויס פונ דער

קאבינע. מיר האָבנ אימ ארומגערינגלט. אָטאָ יוליעוויטש האָט פעסט ארומגענומענ גאָלאָווינען.

פרײלעכע אונ אופגעלעבטע האָבנ מיר זיכ אומגעקערט אהיימ. באמ אָוונטברויט האָט אָטאָ יוליעוויטש געהאלטנ א פײערלעכע רעדע וועגנ גאָלאָווינס דרייסטנ אויסשפּיר־פלי צומ צאָפנ־פּאָליוס. דער קוכער קורבאטאָוו האָט באצייכנט די געשעעניש מיט אנ אויסגעצייכנטנ טאָרט, וועלכנ ער האָט אונטערגעטראָגנ גאָלאָווינען.

אינ דעמ דאָזיקנ אָוונט האָבנ מיר קלאָר דערפילט, אז דער ווײטער געהיימניספולער פּאָליוס וועט אינגיכנ זײנ אונדזערער, א סאָוועטישער...

6 מײ.

בא אונדז איז ווידער א גרויסע פרייד. נעכטנ איז פונ דער בוכטע טיכאיא געקומענ צו פליִענ קרוזע אונ האָט מיטגעטיילט, אז ער האָט געזענ די שליטנ־פּארטיע פונ לאָטיגינ אונ סטאָראָזשקאָ, אונ הײנט האָבנ זיי זיכ אומגעקערט אליינ. ביידע זײנענ געזונט, כאָטש אָנ די אָפּגעפרוירענע פינגער איז צו זענ, אז דער שליטנ־רייס איז זיי אָנגעקומענ ניט לײכט.

עס ווײזט זיכ ארויס, אז לאָטיגינ אונ סטאָראָזשקאָ האָבנ געזענ ספּירינס עראָפּלאנ, ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט אפנ אינדזל רודאָלף, זיי האָבנ אימ אָבער אָנגענומענ פאר קרוזעס „פ—5“ אונ האָבנ באַשלאָסנ זוכנ אימ ווײטער. אונ ערשט, ווענ זיי האָבנ באקומענ דאָס צעטל, וואָס קרוזע האָט זיי נעכטנ אראָפּגעוואָרפנ, האָבנ זיי באשלאָסנ, אז זייער אופגאבע איז אויסגעפילט אונ האָבנ פארקערעוועט אפ צוריק.

הײנט איז אפנ אינדזל רודאָלף אנ אויסגעצייכנטער וועטער. דער טאָג איז א לויטערער, א פראָסטיקער. איז, דאכט זיכ, פארוואָס זאָל מענ ניט פליִענ? אָבער דזערדזיעווסקי איז אָנראכמאָנעסדיק אונ גיט ניט זײנ וויזע אפנ ארויספלי.

אינ אָוונט האָט זיכ בא אָטאָ יוליעוויטשנ אָנגעהויבנ אנ אָפּעראַטיווע בעראטונג.

גאָלאָווינס פלי האָט קלאָר געמאכט די לאגע, אנ ערעכ, ביז דעמ 88 גראדוס. אָבער ווי איז די לאגע מיט דער אראָפּנידערונג אפנ פּאָ־

ליום גופע איז אומבאַוווסט. כאָטש גאָלאָווינ איז טאַקע געווענ איבערנ פּאָליום, האָט ער אָבער דעמ פּאָליום ניט געזענ, ווײַל דעמ גאַנצנ פלי פונ דעמ 88 גראַדוס אָנ האָט ער דורכגעמאַכט איבער די וואָלקנס.

אינגאַנצנ גערעכט איז דעריבער אונדזער פלאַגשטורמאַנ ספּירינ, וואָס איז הײַנט אַרויסגעטראָטנ אַפ דער באַראַטונג באַמ שעפ פונ דער עקספּעדיציע מיט אַ פאָרשלאָג, אַז פליִענ צומ פּאָליום זאָלנ ניט אַלע פיר שיפנ מיט אײנ מאָל, נאָר אינ צוויי מאָל, און אַז צוערשט דאַרפ מענ אָוועקשיקנ אַהינ בלויז דעמ פלאַגמאַנ.

ספּירינ טײַנעט אַזוי:

— דער פלאַגמאַנ פליט אַרויס אַפנ פּאָליום און זעצט זיך דאָרטנ. איך פאַרשטיי, אַז דערבײַ איז פאַראַנ אַ געוויסע ריזיקע צו צעברעכנ די שאַסי. אָבער דאָס, וואָס די ערשטע לופט-שיפ וועט זײַנ אַפנ פּאָליום, וועט זיכערנ די מעגלעכקײַט דורכצופירנ מיט דערפאָלג און אָנ אַוואַריעס די אָפּעראַציע אינגאַנצנ גענומענ. פאַרבינדנדיק זיך מיטנ אינדזל רודאָלפ, וועט דער ערשטער אַעראָפּלאַנ קאָנענ אינפאָרמירנ דעמ שטאַב וועגנ דעמ וועטער אַפנ פּאָליום. דער עקיפּאַזש וועט דאָרט צוגרייטנ אַנ אַעראָדראָמ, און, ווענ אַלץ וועט זײַנ גרייט, וועט ער אַרויסרופנ די איבעריקע דרײַ שיפנ. עס איז אַבסאָליוט ניט צוועקמעסיק, אַז אַלע פיר שיפנ זאָלנ פליִענ גלײַכצײַטיק סטאַמ אינ דער וועלט אַרײַנ אַפ אַנ אומבאַוווסטנ פּלאַץ און צעשעדיקט ווערנ אײַנע נאָכ דער אַנדערער בײַסנ אַראָפּגיידערנ.

קעגנ דעמ פאָרשלאָג צו שיקנ אײנ שיפ איז אַרויסגעטראָטנ מאַזורוק.

— מיר דאַכט זיך, — האָט ער געזאָגט, — אַז אַזאַ פלי וועט צעטײלנ די גרופּע אַפ צוויי טײלנ, און עס וועט ניט זײַנ די קאָמפּאַקטקײַט און די אײנהײַטלעכקײַט אינ דער אַרבעט, ווי מיר האָבנ אַצינד.

אָבער אָטאָ יוליעוויטש האָט אינ זײַנ שלוסוואָרט אונטערגעהאַלטנ ספּירינענ.

7 מײַ.

אַ קײַלעכדיקנ מעסלעס איז ליכטיק. בײַ אונדז האָבנ זיך צעפלאָנטערט אַלע געווײנלעכע פאָרשטעלונגענ וועגנ טאָג און נאַכט. די נעכטיקע באַראַטונג בײַ אָטאָ יוליעוויטשנ האָט זיך פאַרצויגנ ביז דרײַ

אזייגער פארטאָג. דערנאָכ האָבנ מיר זיכ געלייגט שלאָפנ אונ מיר זײַנענ אופגעשטאנענ ערשט צוויי אזייגער באטאָג.

אפנ אעראָדראָמ גייט די טאָג=טעגלעכע וואָכיקע ארבעט. מיר זעצנ פאָר צו פארגרינגערנ די מאשינעס. הײַנט האָב איכ צוזאמענ מיט שעקוראָוונ אָפגעפעסטיקט די וואליקעס אפ אופצוהייבנ פראכט.

ווענג גאָלאָווינס פלי הערט מענ נאָכ ביז איצט ניט אופ צו ריידנ. הײַנט האָב איכ זיכ צערעדט מיט וואָלקאָוונ, גאָלאָווינס שטורמאנ.

— דער סאמע אָנגעשטרענגטער מאָמענט איז בא אונדז געווענ דעמלט,— דערציילט וואָלקאָוו,—ווענ מיר האָבנ זיכ שוינ אומגעקערט אונ מיר זײַנענ געווענ גאָר נאָענט פונ דעמ אינדזל רודאָלפ. דער בענזינ האָט שוינ געהאלטנ באמ אויסגיינ, אונ די מעכאניקער קעקושעוו אונ טערענטיעוו זײַנענ אפ אזויפיל געווענ איבערצײַגט, אז אונדז וועט אויסקומענ זעצנ זיכ אפנ וואסער, אז זיי האָבנ שוינ אָנגעהויבנ גרייטנ דאָס גומענע שיפל, דערנערונג אונ אלצ, וואָס איז נייטיק ביימ א געצווונגענער אראָפנידערונג. מיר האָבנ דערצויגנ ביזנ אינדזל רודאָלפ בוכשטעבלעכ אפ די לעצטע טראָפנס בענזינ.

אינ אָוונט איז צו אונדז ארײַנגעגאנגענ ספירינ. דאָ איז אויכ בײַגעווענ אָטאָ יוליעוויטש אונ שעוועליאָוו. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א שמועס ווענג דעמ, ווי ווייניק עס איז אופגעטאָנ געוואָרנ אינ געביט פונ דערלערנענ אונ אויסארבעטנ די מעטאָדנ פונ דער אעראָנאוויגאציע אינ די באדינגונגענ פונ דער ארקטיק.

די פאָליאר=פליער, וועלכע האָבנ זיכ דערשלאָגנ אזעלכע גרויסע דערפאָלגנ אינ זייער פראקטישער ארבעט, זײַנענ געצווונגענ זיכ צו באנוצנ מיט א ניט פולקומער אפאראטור אונ מיט פארעלטערטע שטורמאנישע מעטאָדנ. די אעראָפלאנענ=פירונג אינ די הויכע בריטנ שטייט זיכער אָפ פונ די הײַנטיקע אופגאבעס פונ דער פאָליארער אוויאציע.

שעוועליאָוו האָט געשטעלט פאר אָטאָ יוליעוויטשנ די פראגע ווענג דער נייטיקײַט צו שאפנ א ספעציעלנ וויסנשאפטלעכנ צענטער בא דער אוויאציע פונ דעמ „גלאווסעוומאָרפוט“ אפ צו דערלערנענ די ספעציפישע פראגנ פונ דער פלי=ארבעט אפנ ווײַטנ צאָפנ.

— די פראגע ווענג בלינדנ פלי, די פראָבלעמ פונ קאמפ קעגנ דער פארײַזיקונג, די אעראָנאוויגאציאָנעלע אפאראטור —מיט די דאָזיקע

דער שעף פון דער עקספּעדיציע און זײַן פּאַרטרעטער (אָ. יו. שמידט און מ. אי. שעװעליאָװ).

פּאַגנ פארנעמענ זיכ אצינד אלע אונ קיינער ניט. מע דארפ ווי-ניט איז פאראייניקנ די וויסנשאפטלעכ-פאָרשערישע אונ די פּראקטישע ארבעט אינ דעמ דאָזיקנ געביט, אונ צוועקמעסיקער פונ אלצ איז, לויט מײַנ מיינונג, איבערגעבנ די דאָזיקע זאכ אונדז, דער פארוואלטונג פונ דער פּאָליארער אוויאציע.

8 מײַ.

נעכטנ האָבנ מיר זיכ ווידער געלייגט זייער שפּעט אונ אופגעשטאנענ ערשט דרײַ אזייגער באטאָג.

ס'איז ווארעמ אונ וואָלקנדיק. אונ מיר דארפנ ניט דאָס אונ ניט יענצ. ניטאָ קיינ שומ האָפענונג אפ א גוטנ וועטער.

9 מײַ.

צו האלבער נאכט האָט זיכ דער וועטער א ביסל פארבעסערט, אונ דזערדזיעווסקי האָט מיר פאָרגעלייגט ארויספליענ אפ אנ אויסשפּירונג.

נאָכ דעמ, ווי מיר זײַנענ ארויסגעפלויגנ, האָבנ מיר גלײַכ גענומענ גיינ אינ דער הייכ. פונ 2500 מעטער זײַנענ מיר ארײַנ אינ וואָלקנס אונ אינ דער דורכויסיקער וואָלקנדיקײַט פאָרגעזעצט צו גיינ אינ דער הייכ. דזערדזיעווסקי האָט האָפענונגלאָז זיכ ארומגעקוקט. מיר האָבנ דערגרייכט 3100 מעטער אונ האָבנ גענומענ אראָפּלאָזנ זיכ. 2 אזייגער מיט 50 מינוט האָבנ מיר אראָפּגענידערט אפ אונדזער געוויינלעכ אָרט, לעבנ דער געבײַדע פונ דער סטאנציע.

פּאפּאנינ, קרענקעל, שירשאָוו אונ פיאָדאָראָוו זײַנענ ניט געשלאָפנ, ווארטנדיק אפ די רעזולטאטנ פונעמ פלי. אָרעמע „פּאפּאנינצעס"! זיי פילנ, אפּאָנעמ, שארפער פונ אונדז אלעמענ די אומענדלעכע מעטעאָראָלאָגישע פארשלעפּענישנ. צומ באדויערנ, האָט זיי באָרים לוואָוויטש אויכ דאָס מאָל מיט גאָרנישט ניט געקאָנט דערפרייענ.

פיר אזייגער האָט מענ זיכ געלייגט שלאָפנ.

באטאָג—ווידעראמאָל איבערגעלאָדנ די אעראָפּלאנענ לויט א נײַעמ וואריאנט. מיר האָבנ פארקלענערט דעמ סכומ פּראָדוקטנ, אָנלאָדנדיק אָנשטאָט זיי ספּעציעלע אויסשטאטונג.

עס זײַנענ פאראנ עטלעכע מיקראָסקאָפּישע אָנצוהערענישנ אפ א פאר-

בעסערונג פונ דעמ וועטער, אונ בא אָטאָ יוליעוויטשנ הייבט זיכ ווידעראַמאָל אָנ א זיצונג פונ דער אָנפירונג.

ניט שוינ זשע וועלנ מיר ארויספליִענ?

אָבער די האָפענונג פארשווינדט פונקט אזוי גיכ, ווי זי ווערט געבוירנ. אינ דרויסנ איז כמורנע, דער וועטער טויג אפ קאפאָרעס.

... די לעצטע טעג גייענ מיר א סאכ אפ ליזשעס. דאָס איז אנ אויסגעצייכנטער מינ ספאָרט, באזונדערס אינ אונדזערע באדינגונגענ, ווענ, כוץ אָנלאָדונג, פאָדערט זיכ אויכ „אויסלאָדונג“.

דאָס אָנגעשטרענגטע ווארטנ אפ א גוטנ וועטער, די שטענדיקע אָנגעשפיצטקײַט קאָנענ ניט ניט ווירקנ אפנ קאָלעקטיוו. די ליזשעס זײַנענ אנ אויסגעצייכנטער קלאפאנ. מע גייט זיכ דורכ א שאָ־צוויי אונ מע פילט, ווי אלצ אינעווייניק בארויִקט זיכ ביסלעכווײַז אונ קומט אינ גלײַכגעוויכט. פאר דער פארבינדונג מיטנ אעראָדראָמ זײַנענ פאראנ א וועדעכאָר אונ טראקטאָרנ, אָבער מיר נוצנ אויס יעדע געלעגנהײַט פאר מאָציאָנ אונ שפאצירנ זייער אָפט צווישנ דער סטאנציע אונ דעמ קופאָל אפ ליזשעס.

אונדזער נײַע לײַדנשאפט איז אזוי שטארק, אז דער קאָמאנדיר פונ דער שיפ „פססר נ—169“ מאזורוק האָט אפילע געפונענ פאר נייטיק לייענענ זײַנ עקיפאזש א גאנצע נאָטאציע אפ דער טעמע, אז מע דארפ זיכ היטנ אונ א ביסל רעגלאמענטירנ די צײַט, וואָס מיר שענקענ דעמ ליזשעס־ספאָרט.

— איר וועט זיכ נאָכ צעשעדיקנ ביים די שפאצירנ אפ די ליזשעס, אונ דערנאָכ אייסעק זיכ דאָ מיט אײַכ...

אנ איראָניע פונ גורל! מאזורוק האָט דער ערשטער אפ זיכ אלײנ איבערצײַגט זיכ, אז זײַנע אייצעס האָבנ געהאט א גרונט.

איליא פאוולאָוויטש האָט באשלאָסנ צו פארפולקומענ די ליזשעס. מיט דעמ ציל האָט ער ארײַנגעהאקט אינ דער פיאטע פונ דער ליזשע א טשוואָק, אונ אינעמ קנאפל פונ שטיוול האָט ער אויסגעקבערט א לאָכ. בא דעמ ערשטנ ניט געלונגענעמ קער האָט זיכ דער קנאפל פארטשעפעט אָנ דעמ טשוואָק, מאזורוק האָט ניט באוויזנ ארויסבאפרײַענ דעמ פוס אונ האָט אימ אונטערגעבויגנ.

איצט ליגט מאזורוק. דער דאָקטער האָט קאָנסטאטירט, אז ער האָט

צעריסן די שפאַנ־אָרערנ, אָבער ער פארזיכערט, אז ביז מיר וועלנ דארפנ פליענ, וועט מאזורוק געזונט ווערנ.

10 מײַ.

הײַנט נאָכ אָוונטברויט האָט אָטאָ יוליעוויטש געמאכט א באריכט פאַר די ווינטערער פונ דעמ אינדזל רודאָלפ וועגנ צאָפנ־פּאָליוס. אלצ, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווענ אפ אזויפיל אינטערעסאנט אונ נײַ פאר דער מערהײַט פונ אונדז, אז אפנ באריכט זײַנענ געקומענ ניט נאָר די ווינטערער, נאָר אויכ אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע.

אָנגעהויבנ האָט שמידט פונ די היסטאָרישע אָנגאבנ וועגנ די יאָמ־רײַזעס פונ די שיפ־לײַט אונ פּאָליאַר־פאָרשער איבערנ ברענגלאַנד פונ דעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאַנ.

דערנאָכ האָט ער דערציילט וועגנ דער ווימנשאפטלעכער אונ פּאָ־ליטישער באדײַטונג פונ אונדזער עקספּעדיציע.

— דער אמעריקאנער פּירי האָט אינ 1909 יאָר דערגרייכט דעמ צאָפנ־פּאָליוס. אָבער די דאָזיקע געשעעניש האָט ניט פּראקטיש אונ ניט ווימנשאפטלעכ ניט געהאט קיינע שום פּאָלגנ. פּירים רײַזע איליוסטרירט אינ דער געשיכטע פונ דעראָבערנ די ארקטיק די מערקווירדיקע אק־שאָנעסדיקײַט פונעמ מענטשנ, וואָס האָט אינ מעשעכ פונ צענדליקער יאָרנ געשטרעבט צו זײַנ ציל. אָבער פּירים ניצאָכנ האָט קיינער ניט רע־אליזירט. אונדזער אופגאבע, די אופגאבע פונ די פיר ווינטערער, וועלכע מיר דארפנ ארויסזעצנ אפנ פּאָליוס, באשטייט אינ דעמ, אז מיר זאָלנ באהערשנ דעמ פּאָליוס, דערלערנענ אלזײַטיק דעמ ראיאָנ פונ פּאָליוס, אופדעקנ זײַנע דוירעסדיקע געהיימניסנ.

צומ שלוס האָט זיכ אָטאָ יוליעוויטש געטײלט מיט אונדז מיט זײַ־נע געדאנקענ וועגנ די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוונ פונ דער ארבעט אי־נעמ צענטראלנ פּאָליאַר־באסיינ נאָכ דעמ, ווי די פּאַפּאַנישע גרופּע וועט ארויסגעזעצט ווערנ אפנ אײַז.

— האיאָר האָבנ מיר זיכ געשטעלט אנ אופגאבע ארויסזעצנ אפנ צאָפנ־פּאָליוס איינ גרופּע. אָבער דאָס איז בלויז אנ אָנהייב. אינ דער נאָענטסטער צוקונפט מערקנ מיר אָנ א דעסאנט שוינ פונ עטלעכע גרופּעס.

מיט וועלכע טעכנישע מיטלענ מיר וועלנ באוואָפּענענ די קינפטיקע

עקספּעריציעס, איז דערווײַל שווער צו זאָגנ. יעדנפאלס איז קלאָר, אז אפילע גרויסע אײַזשפאלטערס וועלנ ניט קאָנענ „אײַנבײַסנ“ דעמ אײַביקנ אײַז, אונ דעמ אדמיראל מאקאראָווס אידיי וועגנ „גײנ צומ פאָליוס דירעקט“ אפ אנ אײַזשפאלטער וועט ניט געלינגענ צו פארווירקלעכנ. אויב דער אײַזשפאלטער וועט אפילע קענענ צעברעקלענ די אײַז=קריגעס, וועט ער בלײַבנ שטעקנ אינ די אײַזשפליטערנ. ווײַזט אויס, אז קעדיי צו באוועגנ זיכ אינ דעמ צענטראלנ פאָליאר=באסיינ וועט בעסער פונ אלצ זײַנ צו באנוצנ זיכ מיט א גרויסנ טאנק—אנ אמפיביע, וואָס וועט מיט דעמ זעלבנ דערפאָלג קאָנענ דורכגײנ סײַ איבערנ אײַז אונ סײַ איבער פאָלאָנקעס.

מיר מוזנ פארפעסטיקנ אונדזער ניצאָכנ אונ וויסנשאפטלעכ באזעצנ זיכ סײַ אפנ פאָליוס אונ סײַ אפ די צוגענג צומ צאָפנ=פאָליוס. די באזע אפנ אינדזל רודאָלפ איז אויסגעצייכנט אָרגאניזירט, אונ מיר וועלנ זי, פארשטייט זיכ, אײַנהיטנ. אָבער באגלײַכ מיטנ אינדזל רודאָלפ וועט אונדז אויסקומענ צו שאפנ נאָכ עטלעכע אזוינע באזעס.

אפ צו זיכערנ די ווײַטערדיקע ארבעטנ אינ ראיאָנ פונעמ פאָליוס וועט דער בעסטער פונקט געוויס זײַנ דער מאָלאָטאָוו=קאפ אפ סעווערנאיא זעמליא, וועלכער איז ווײַט ארויסגערוקט אפ צאָפנ. דער כ׳ ליבינ, דער איצטיקער שעפ פונ דער ווינטער=סטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ, איז, ווײַזט אויס, א באלנ אריבערצוקלײַבנ זיכ אהינ מיט זײַנע בראווע יאטנ.

כוצ דעמ, האָבנ מיר האיאָר בעדייע צו אָרגאניזירנ נאָכ איינ הויכ=ברייטיקע פאָליאר=סטאנציע אפ איינעמ פונ די אינדזלענ פונ דע=לאָנגס ארכיפעלאג...

מיר האָבנ מיט גרויס אופמערקזאמקײַט אויסגעהערט דעמ עסקיז=פלאנ פונעמ דריטנ פינפיאָר אינ דעמ סאמע ניט צוגענגלעכנ ראיאָנ פונ דער וועלט. די מעטעאָראָלאָגישע שווערקײַטנ אונ פארשלעפענישנ פונ דעמ הײַנטיקנ מאָמענט זײַנענ ווי אָפגעטראָטנ אפנ הינטערשטנ פלאנ.

יאָ, פארשטייט זיכ, אלצ וועט זײַנ טאקע אזוי, ווי עס האָט געזאָגט אָטאָ יוליעוויטש!

אינ דעמ מאָמענט האָבנ מיר פארגעסנ וועגנ דעמ, אז אונדז שטייט נאָכ פאָר צו מאכנ דעמ ערשטנ שריט אינ דער ריכטונג צומ פאָליוס.

מיר האָבן שוין געזען די שטאָלצע סאָוועטישע פאָן פלאַטערן איבער דעם שפּיץ פון דער וועלט!

...דער וועטער איז נאָך אלץ א שלעכטער.

דער פליער קרוזע זאָגט ארויס די מיינונג, אז דער פלאַגמאַן דאַרף ארויספליען בײַ יעדן וועטער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק. דער איקער איז אצינד—אויסגעהאַלטנקייט. אין דעם איז די גאַראַנטיע, אז די גאַנצע אָפּעראַציע וועט זיך ענדיקן בעשאָלעם. אײַנהאַלטן די אומגעדולדיקייט פון די מענטשן, דערוואַרטן זיך אַף א גוטן וועטער און ערשט דאַן, ווען ס'וועט זײַן די פולע זיכערקייט אין דערפאָלג, ארויספליען!

מאַזורוק פאַריכט זיך, אָבער די מינדסטע באַוועגונג פון דעם פוס רופט נאָך ארויס בײַ אים א פּײַנלעכן ווייטיק.

11 מײַ.

הײַנט 4 אזייגער מיט 25 מינוט איז ארויסגעפלויגן אַף א וועטער־אויסשפּירונג דער פליער קרוזע אַפן עראָפּלאַן „פּ—5“. אַפן באָרט פון עראָפּלאַן געפינען זיך דער שטורמאַן רובינשטיין און דער סינאָפּטיקער דזערדזיעווסקי.

צו 7 אזייגער 30 מינוט, גייענדיק איבער די וואָלקנס, האָבן זיי דערגרייכט די 84 פּאַראַלעל און האָבן זיך פאַרקערעוועט אַף צוריק.

מיר האָבן געוואַרט אַפן עראָפּלאַן צו 9 אזייגער אין אָוונט. די ראַדיאָסטאַנציע פונעם אינדזל רודאָלף האָט די גאַנצע צײַט אָנגעהאַלטן א פאַרבינדונג מיטן עראָפּלאַן. דער עראָפּלאַן איז געפלויגן, גיט ארויסגייענדיק פון דער זאָנע פונעם ראַדיאָ־טורעם אַפן אינדזל רודאָלף. אָבער עס איז געוואָרן 9 אזייגער, און קרוזע האָט זיך ניט באַוויזן.

עס איז אוועק א האַלבע שאָ, דערנאָך א שאָ. קרוזע איז ניטאָ.

בײַ דער ערד איז געוועזן א שטאַרקער אַנטקעגנדיקער ווינט. מיר האָבן דיסקאָנטירט, אז דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געקאָנט פאַרהאַלטן דעם עראָפּלאַן. אַף זײַן מאַרשרוט האָט קרוזע באַגעגנט א פיל־שיכטיקע וואָלקנדיקייט. מיר האָבן אויך דאָס גענומען אין אכט. אָבער דאָס, וואָס די פאַרשפּעטיקונג האָט זיך אזוי פאַרצויגן, איז געווען אומבאַגרײַפלעך.

ענדלעכ האָט קאָליע סטראָמילאָוו, וועלכער האָט דעזשורירט אפ דער ראדיאָסטאנציע, אופגענומענ א ראדיאָגראמע, וואָס דער שטורמאנ רובינשטיינ האָט איבערגעגעבנ. די ראדיאָגראמע האָט געטראָגנ אנ אומרויִקנ כאראקטער. רובינשטיינ האָט מיטגעטיילט, אז דער פליִער האָט געפרוווט דורכרייסנ די וואָלקנדיקייט, ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ ביז 200 מעטער, אָבער די וואָלקנדיקייט האָט ער ניט דורכגעשלאָגנ.

דערנאָכ איז אָנגעקומענ נאָכ א מיטיילונג. קרוזענ איז געלונגענ דורכרייסנ די וואָלקנס, אונ ער גייט אפ א הייכ פונ פופציק מעטער.

אונ ווידער שא־שטיל.

די סאמע אָפּטימיסטישע אויסרעכענונגענ האָבנ באוויזנ, אז קרוזע פארברענט די לעצטע טראָפּנס בענזינ. מיר האָבנ זיכ פארזאמלט לעבנ דער ראדיאָסטאנציע אונ מיט אומגעדולד געוואַרט אפ די ווייטערדיקע מיטיילונגענ.

11 אזייגער מיט 52 מינוט האָט רובינשטיינ מיטגעטיילט:

„איכ נעמ אראָפּ די אנטענע... איכ גיי אפ א געצוווּנגענער אראָפּנידערונג אינ נעפּל”.

דערנאָכ האָט זיכ די פארבינדונג איבערגעריסנ.

12 מײַ.

זעקס אזייגער אינדערפרי. איכ גיי שלאָפנ. אלצ האָט זיכ פארענדיקט פארהעלטנישמעסיק בעשאָלעמ אויכ דאָס מאָל. ניט אומזיסט זאָגט מענ, אז די עקספּעדיציעס, אינ וועלכע עס באטייליקט זיכ אָטאָ יוליעוויטש, זיינענ שטענדיק מאזלדיק. ווייזט אויס, אז אויכ אונדזער עקספּעדיציע געפינט זיכ אונטער א גליקלעכנ שטערנ. אָבער פונדעסטוועגנ האָבנ מיר איבערגעלעבט עטלעכע זייער אָנגעשטרענגטע שאָענ.

קימאַט קיינער האָט זיכ ניט געלייגט שלאָפנ. אינ אזעלכע מינוטנ זאמלענ זיכ מענטשנ אינסטינקטיוו גרופּעסווייז. האָסט אזא געפיל, ווי ס'וואָלט אומהיימלעכ געווענ צו בלייבנ אליינ אינ צימער. אָטאָ יוליעוויטש שפּאנט ארומ שווייגנדיק מיט גרויסע טריט איבער דעמ ראדיאָצימער.

ווי אזוי האָבנ זיי אראָפּגענידערט? קיינער האָט אונדז ניט געקאָנט ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע. אינ עטער איז טויט־שטיל. מיר

אלע פארשטייענ אויסגעצייכנט, וואָס עס באטײַט א געצווונגענע אראָפנידערונג אינ נעפל.

אזוי איז אריבער א שאָ, צוויי. עס האָט זיך געענדיקט סטראָמילאָווס וואכטע. אימ האָט פארבײַטנ ערנעסט קרענקעל. אינ עטער איז געווענ שטיל ווי פריער. דאָס הייבט שוינ אָנ זײַנ ענלעכ צו א קאטאסטראָפע.

איכ האָב געהייסנ מײַנ מעכאניק וואַרעמענ דעמ אייל, איכ האָב געהאט א פאָרגעפיל, אז הײַנטיקע נאכט וועט דער „או—2" האָבנ ארבעט.

אונ ווירקלעכ, אינגיכנ האָט גאָלאָווינ באקומענ א באפעל ארויספליענ אופזוכנ קרוזעס אעראָפלאנ.

1 אזייגער מיט 30 מינוט האָב איכ אוועקגעלאָזנ דעמ מאָטאָר פונ „או—2", קעדיי אריבערצופירנ גאָלאָווינס עקיפאזש אפנ קופאָל.

אפ דער הייכ פונ דרײַ הונדערט מעטער האָט געבלאָזנ א שטארקער דאָרעמ-ווינט. איכ האָב אָפגעפירט די מעכאניקער אפנ אעראָדראָמ אונ ביז אוועקגעפליענ נאָכנ קאָמאנדיר פונ דער שיפ אונ נאָכנ שטורמאנ.

דער צווייטער רייס אפנ אעראָדראָמ איז געווענ ווייניקער געלונגענ. דער קופאָל האָט זיך פארמאכט, אונ איכ האָב געמוזט, מיט גאָלאָווינענ אונ וואָלקאָווענ אפנ באָרט, אומקערנ זיך אפ צוריק.

פונ קרוזענ איז קיינ וואָרט ניטאָ, כאָטש קרענקעל נעמט שוינ אינ משך פונ צוויי שאָ ניט אראָפ די אויערנ-טרייבלעכ אונ זוכט אָנגעשטרענגט רובינשטיינס סיגנאלנ אינ דער לופט.

בילדער איינס שווידערלעכער פונ דעמ אנדערנ אנטשטייענ אינ אונדזערע מויכעס.

2 אזייגער מיט 30 מינוט, ווענ מיר זײַנענ שוינ קימאט זיכער, אז מיט די מענטשנ האָט פאסירט אנ אומגליק, האָט רובינשטיינ אָנגעהויבנ ריידנ.

קרענקעל האָט אפגיכ איבערגעזעצט אפ א פארשטענדלעכער שפראכ די פונקטנ אונ טירע.

„מיר האָבנ בעשאָלעמ אראָפגענידערט אפנ אײַז... מיר האָבנ צעשעדיקט די רעכטע דוהע פונ דעמ פליגל אונ האָבנ צעריסנ דעמ פערקל פונ דער קאָנסאָלע... די מאשינ איז אינ אָרדענונג... בענזינ האָבנ מיר

אפ 20 מינוט, דערנערונג אפ צוויי וואָכנ... מיר געפינענ זיכ אינ דער זאָנע פונעמ ראדיאָ-טורעמ, ווו פינקטלעכ — ווייסנ מיר ניט!"

א שווערער שטײַנ האָט זיכ אראָפּגעקײַקלט פונ הארצנ. די מענטשנ לעבנ. דער עראָפּלאנ איז גאנצ. דאָס איבעריקע קאָנ מענ שוינ אײַנרעגולירנ—געפינענ די מענטשנ, אראָפּווארפנ זײ בענזינ אָדער אריבערפירנ אפנ „או—2" אינ עטלעכע מאָל.

...אינ דעמ ראדיאָ-צימער, ווו עס האָבנ זיכ פארזאמלט אָטאָ יוליעוויטש, שעוועליאָוו, ספּירינ, דאָגמאראָוו, אונדזערע קאָרעספּאָנדענטנ, איז געוואָרנ פרײלעכ.

און, ווי שטענדיק, נאָכ פײַנלעכע שאָענ אומרו האָבנ זיכ אָנגעהויבנ וויצנ. באזונדערס כאָכמעט מענ זיכ איבער מײַנע רײַסנ אפנ „או—2" צווישנ דער סטאנציע און דעמ עראָדראָמ. מע האָט מיכ געקרוינט מיטנ טיטל „נאכט-איזוואָזשטשיק" און מע האָט מיר פײַערלעכ אונטערגעטראָגנ א בײַטש.

קײנער איז נאָכ ניט געפלויגנ אפנ פיצינקנ „או—2" אינ אָט די ברײטנ. און אויב איבערנ אָקעאנ וואָלט זיכ אָפּגעזאָגט צו ארבעטנ דער מאָטאָר, וואָלט איכ, מיסטאמע, ניט געהאַט קײנ אנדער אויסוועג, ווי באשטימענ מײַנע קאָאָרדינאטנ און זיכ אראָפּלאָזנ אפנ דעק.

...אינ דרויסנ איז ווארעמ. א נעפּל.

13 מײַ.

רובינשטײנענ איז ענדלעכ געלונגענ אופשטעלנ די אָריענטירונג. דער עראָפּלאנ געפינט זיכ 83 גראדומ 33 מינוט צאָפנ-ברײט, אנ ערעכ 90 קילאָמעטער פונעמ אינדזל רודאָלפ.

גאָלאָווינס עראָפּלאנ איז גרײט ארויסצופליענ אפ צאָפנ. קרוזעס קאָאָרדינאטנ זײַנענ באוווסט, מע קאָנ פליענ. אָבער עס איז געקומענ א ראדיאָגראמע פונ דער קריע, אינ וועלכער דזערדזיעווסקי האָט מיטגעטײלט וועגנ דעמ, אז אינ ראיאָנ, ווו דער עראָפּלאנ האָט אראָפּגענידערט, האָט זיכ דער וועטער פארערגערט, און ער דערווידערט קעגנ שיקנ גאָלאָווינענ.

„איכ פארבאָט דעמ ארויספלי. דער שעפ פונ עראָפּאָרט דזערדזיעווסקי".

ניט וועלנדיק, אז גאָלאָווינ זאָל ריזיקירנ, האָט דער עקיפּאזש פונ

„פ—5“ זיכ אָפּגעזאָגט פונ הילפ. א סוואָרע, אז דזערדזיעווסקי, קרוזע אונ רובינשטיינ האָבנ ניט געהאט קיינ גרויסנ פאַרגעניגנ פונ זיצנ אופנ אײַז, אָבער סאָוועטישע מענטשנ, ניט־פּאַרטייִשע באָלשעוויקעס, זײַנענ אויכ דאָ געבליבנ טרײַ זיכ אליינ.

איכ האָב צוגעגרייט פראַכט־פּאַראַשוטנ, גומענע באַלאָנענ מיט ברענשטאָפ, א פּאַקעט מיט שאַנצ־אינסטרומענטנ אפ אָפּצורייניקנ דעמ אעראָדראָמ, וואַרעמע קליידער אונ האָב עס אַלצ ארײַנגעפּאַקט אינ אעראָפּלאַנ.

צו דרײַ אזייגער האָט זיכ דער וועטער פאַרבעסערט, די זעעוודיקײַט דערגרייכט ביז 30 קילאָמעטער, אונ מיר האָבנ באַשלאָסנ ארויספליִענ.

מיר האָבנ אוועקגעלאָזנ די מאָטאָרנ, זײַנענ ארופגעפלויגנ אונ ארײַנ אינ דער זאָנע פונעמ ראַדיאָ־טורעמ.

דעמ אינדזל האָט באַצוימט א פּאַס ריינ וואַסער, אומגעפּער א קילאָמעטער די ברייט, אונ ווײַטער זײַנענ געגאַנגענ ריזיקע אײַז־פעלדער מיט קליינע פּאָלאָנקעס. די זעעוודיקײַט איז געווענ אנ אויסגעצייכנטע. עס האָט העל געלויכטנ די זונ, מיר זײַנענ רויִק געפלויגנ פאָרויס, פּילנדיק, אז צו יעדער מינוט, אויב מע וועט דאַרפנ, וועלנ מיר קענענ אראָפּנידערנ.

אָבער אינ א האַלבער שאָ ארומ האָבנ זיכ באַוויזנ שניי־וואָלקנס, אונ גאָלאָווינ האָט באַשלאָסנ פאַרקערעווענ אפ צוריק. 19 אזייגער מיט 35 מינוט, נאָכ דעמ, ווי מיר זײַנענ אָפּגעווענ אינ דער לופט אָנדערהאַלבנ שאָ, זיינענ מיר געווענ איבערנ אינדזל רודאָלפ אונ מיר האָבנ גענומענ אראָפּנידערנ.

דער ערשטער פּרוּוו איז געווענ ניט קיינ געלונגענער.

14 מײַ.

אפנ אינדזל רודאָלפ איז א זאַווערוכע. אינ דזערדזיעווסקיס „לאַגער“ האָט זיכ דער וועטער אויכ פאַרערגערט. פליִענ איז ניט מעגלעכ.

מיר לאָזנ זיכ אוועק אפנ אעראָדראָמ, קעדיי בא דער ערשטער געלעגנהײַט ארויספליִענ צו קרוזעס אעראָפּלאַנ.

15 מײַ.

דזערדזיעווסקי איז מאַמעש א וווּנדערבאַרער מענטש! ער האָט גאָר פאַרגעסנ וועגנ דעמ, אז ער געפינט זיכ אפ א קריִע אונ האָט

אָרגאניזירט א מעטעאָראָלאָגישע פעלד־סטאנציע, איצט גיט ער אונדז סיסטעמאטיש איבער פראָגנאָזנ וועגנ וועטער.

אינ דער לעצטער ראדיאָגראמע האָט ער מיטגעטיילט: „דער וועטער לויטנ מארשרוט צומ פאָליוס פארבעסערט זיכ, פליט ארויס, באומרויִקט זיכ ניט וועגנ אונדז, לאָזט גיט דורכ דעמ וועטער״.

צוויי אזייגער באנאכט האָט אפנ אעראָדראָמ אָנגעקלונגענ וואָדאָפיאנאָוו. ער האָט מיטגעטיילט וועגנ דער ראדיאָגראמע, וועלכע ער האָט דערהאלטנ פונ דזערדזיעווסקינ, אונ האָט געהייסנ צו פינפ אזייגער צוגרייטנ צומ ארויספליִענ גאָלאָווינס אעראָפלאנ אונ אויכ דעמ פלאגמאנ.

די זאכ באשטייט אינ דעמ, אז קעדיי וואָס פינקטלעכער צו באשטימענ דאָס אָרט, ווו עס געפינט זיכ דער פאָליוס, דארפ מענ אהינ פליִענ אפ אזא אויפנ, אז מע זאָל זיינ אינ ראיאָנ פונ פאָליוס אָדער אינמיטנ טאָג אָדער אינמיטנ נאכט. אויב מע זאָל רעכענענ, אז צומ פאָליוס איז, אנ ערעכ, זעקס שאָ פליִענ, דארפ מענ ארויספליִענ אָדער זעקס אזייגער אינדערפרי אָדער זעקס אזייגער אינ אָוונט.

צומ באשטימטנ טערמינ זיינענ די אעראָפלאנענ געווענ גרייט. אלע האָבנ זיכ פארזאמלט אפנ אעראָדראָמ, אָבער אומגעריכט, ווי שטענדיק, איז דער וועטער קאליע געוואָרנ, עס האָט זיכ באוויזנ א נידעריקע וואָלקנדיקייט, א נעפל האָט באדעקט דעמ קופּאָל, אונ דער אינדערפריִעדיקער ארויספלי אפנ פאָליוס איז אראָפגעריסנ געוואָרנ. צו צענ אזייגער אינדערפרי איז דער נעפל צערונענ, אָבער ארויספליִענ איז שוינ געווענ שפעט, אונ וואָדאָפיאנאָווס ארויספלי איז אָפגעלייגט געוואָרנ ביז פארנאכט.

אפנ „פססר נ—166״ זיינענ מיר אָבער ארויסגעפלויגנ אומ האלבנ טאָג.

וואָס וויטער מיר זיינענ געפלויגנ פאָרויס, האָט זיכ דער וועטער אלץ פארבעסערט. מיר האָבנ אָנגעשטרענגט זיכ איינגעקוקט אינ די אייז־פעלדער, באמיִענדיק זיכ ניט דורכצולאָזנ דעמ אעראָפלאנ. פונדעסטוועגנ האָט מענ אונדז פונ דער קריִע דערזענ פריִער, איידער מיר האָבנ באמערקט דעמ אעראָפלאנ. סטראָמילאָוו האָט באקומענ א ראדיאָגראמע פונעמ אינדזל רודאָלפ, וואָס האָט אונדז מיטגעטיילט, אז מיר זיינענ פארבייגעפלויגנ אפ א קילאָמעטער 20 מיירעווידיקער פונעמ

„פ—5״. דאנ האָט זיכ גאָלאָווינ אויסגעקערעוועט אפ 180 גראדוס אונ איז אוועק אפ צוריק.

די צווייטע ראדיאָגראמע פונעמ אינדזל רודאָלפ האָט אונדז אָנגעזאָגט, אז מיר געפינענ זיכ איבערנ אעראָפלאנ. אינ עטלעכע מינוט ארומ האָבנ מיר ווירקלעכ דערזענ א רויכ פונ אנ אָנגעצונדענער ראקעטע אונ קרוזעס אעראָפלאנ, וואָס איז געשטאנענ אפנ אײַז ניט ווײַט פונ א גרויסער פאָלאָנקע.

מיר זײַנענ אוועק איבערנ אעראָפלאנ אפ דער הייכ פונ 250 מעטער. מיט דער הילפ פונ דעמ מעכאניק טערענטיעוו האָב איכ אראָפגעוואָרפנ אלע פיר פאקעטנ, וואָס מיר האָבנ צוגעגרייט פאר קרוזענ. די פאראשוטנ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט צעעפנט, אונ די פאקעטנ זײַנענ געפאלנ 50—100 מעטער פונעמ אעראָפלאנ.

מיר האָבנ עס מיטגעטיילט דעמ אינדזל רודאָלפ אונ האָבנ באקומענ א דערלויבעניש אומצוקערנ זיכ אהיימ. צו דער צײַט, ווענ מיר האָבנ זיכ אומגעקערט אפנ אינדזל רודאָלפ, האָט זיכ דער וועטער שארפ פארערגערט, דער אעראָדראָמ איז געווענ פארדעקט, אונ מיר האָבנ געמוזט אראָפנידערנ אינ א טאָל לעבנ דער ווינטער־סטאנציע.

די גאנצע אָפעראציע האָט בא אונדז צוגענומענ דרײַ שעה.

...דער פלאגמאנ איז טאקע צומ פאָליוס ניט ארויסגעפלויגנ. צו זעקס אזייגער אינ אָוונט, ווי עס איז געווענ אָפגערעדט, זײַנענ אלע געווענ אפנ אעראָדראָמ. עס האָבנ גענומענ ארבעטנ די מאָטאָרנ פונ „פססר ג—170״. עס האָט געבלאָזנ א שארפער אומאָנגענעמער ווינט. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א זאווערוכע.

אָטאָ יוליעוויטש קלײַבט גלײַכ אפ אנ אָרט צונויפ דעמ ראט. דאָס איז דער ערשטער ראט אָנ אונדזער העכסט קאָמפעטענטנ קאָנסולטאנט דעמ סינאָפטיקער דזערדזיעווסקי.

וואָדאָפיאנאָוו איז, פארשטייט זיכ, פאר דעמ, אז מע זאָל ארויספליענ. דעמ דאָזיקנ אומגעהייער דרייסטנ מענטש איז קיינ שומ וועטער ניט אימשטאנד אָפצושטעלנ.

ספירינ זאָגט זיכ ארויס קעגנ ארויספלי. אימ קאָנ מענ אויכ ניט באשולדיקנ אינ דעמ, אז אימ פעלט דרייסטקייט, נאָר אפ אימ ליגט, כוץ אלצ, דער כויוו ברענגענ די שיפ פינקטלעכ צומ פאָליוס, וואָס אָנ דער זונ איז עס קימאט אומעגלעכ.

— איך מאַך געגומענ,—זאָגט ספּירינ,—האָבנ מיר ניט איינ אונדזער רעשום קיינע שום זיכערע מעטעאָראָלאָגישע פאָרהאַנאַכעם פארנ ארויס־פלי.

אָטאָ יוליעוויטש רעזומירט, ווי שטענדיק, זייער העפלעכ, אָבער אנטשיידנ און פעסט:

— מיר האָבנ, ווירקלעכ, ניט קיינע שום אָנגאָבנ פאר אנ ארויס־פלי, אכוץ דעם גוטנ ווילנ פונ די פּילאָטנ.

דער ארויספלי איז אָפּגעלייגט געוואָרנ.

דער ווינט ווערט אלץ שטארקער.

16 מײַ.

באַנאכט איז געקומענ א ראַדיאָגראַמע פונ קרוזע. דער עקיפּאַזש האָט שוינ אָנגעפּאַמפּעט בענזינ אינ אעראָפּלאַנ, אָבער דעם מאָטאָר קאָנענ זיי ניט אוועקלאָזנ, און זאלבעדריט וועט זיכ עס, אפּאָנעם, ניט איינגעבנ.

אינ עטלעכע שאָ ארום איז אָנגעקומענ א צווייטע ראַדיאָגראַמע מיט אנ אנאלאָגישנ אינהאַלט, וואָס האָט געקלונגענ שוינ מער אומרויִק:

„מע מוז האָבנ ארבעט־הענט... פארשטייט...“

אָט איז שוינ באלד פינפ מעטלעס, זינט קרוזע, רובינשטיינ און דזערדזיעיעווסקי זיצנ אפ דער קריע. עטלעכע מאָל האָבנ זיי פאר דער צײַט איבערגעטראָגנ א זאַווערוכע. די מאשינ איז פארשאָטנ מיט שניי. בישכיינעם מיטנ לאַגער האָט זיכ געבילדעט א גרויסע פּאָלאָנקע.

די גאַנצע צײַט האָבנ זיכ די מענטשנ געהאלטנ אויסגעצייכנט. נאָר עס איז, אָנ צווייפל, פאראנ פונ וואָס צו ווערנ אומרויִק.

איכ דערמאָנ זיכ, מיט וואָס פאר א מאטערניש ספּירינענ איז אָנ־געקומענ אוועקצולאָזנ דעם אָפּגעקילטנ מאָטאָר פונעם „אָ—2“, און איכ שטעל זיכ גוט פאָר, ווי שווער עס איז זיכ צו ספּראַווענ מיטנ פארפרוירענעם מאָטאָר פונ דעם מעגושעמדיקנ „פּ—5“. קרוזע האָט מיט דעם דאָזיקנ אעראָפּלאַנ אלטע בעזשבווינעס. נאָכ אינ דער בוכטע טיכאַיאַ האָט ער זיכ מיט אים גאַנצ היפּש אָנגעמאַטערט.

ווי העלפט מענ די מענטשנ?

שעווע ליאָוו האָט ארויסגערופנ גאָלאָווינענ, דעם שטורמאַנ ריטסלאַנד און מיכ און האָט מיר פאָרגעלייגט ארויספליענ אפנ „אָ—2“ אונטער

דער וואַכ פֿונ גאָלאָווינס צווייטמאָטאָרנדיקער שיפ, קעדיי זיכ צו זעצנ לעבנ קרוזענ אונ העלפֿנ אימ אוועקלאָזנ דעמ מאָטאָר, אָדער, אָפּהענגיק פֿונ דער סיטואַציע, ארויספֿירנ די מענטשנ.

איכ האָב גערנ אָנגענומענ שעוועליאָווס פֿאָרשלאָג. מיר וואַרטנ אַפ א גוטנ וועטער. דער דרוק שטייגט. דאָס איז זייער א גינסטיקער סימענ. אלעמענ האָט מענ געהייסנ לייגנ זיכ שלאָפֿנ אונ אופשטיינ פֿיר אזייגער אינדערפֿרי.

אויב אונדזערע דערוואַרטונגענ וועלנ זיכ באַרעכטיקנ, וועט עפּשער דעמ פֿלאַגמאַנ אויכ געלינגענ ארויספֿליִענ אַפ אויסצופֿילנ די גרונטאויפֿגאַבע.

17 מײַ.

באַנאַכט איז צו אונדז אינ צימער אַרײַנ שעוועליאָוו.

— דער דרוק שטײַגט,—האָט ער מיטגעטיילט, — עס גייט אַנ אַנטיציקלאָנ. ס'וועט זײַנ א גוטער וועטער.

אָבער דאָס מאָל האָבנ אונדז די פּאָרויסזאָגונגענ פֿונ דעמ באַראָמעטער אונטערגעפֿירט. דער דרוק איז 766 מילימעטער, אָבער א נידעריקע וואָלקנדיקײַט, א זאווערוכע.

איכ האָב געבעטנ בא שעוועליאָווּנ א דערלויבעניש ארויספֿליִענ א קוק טאָנ דעמ וועטער. די רעזולטאַטנ פֿונ דער אויסשפּירונג זײַנענ, צומ באַדויערנ, זייער טרויעריקע: וואָלקנס אַפ דער הייכ פֿונ 150—200 מעטער, א שלעכטע זעעוודיקײַט.

דערפֿאַר אָבער זײַנענ פֿונ דער קריִע אָנגעקומענ גוטע ידיעס. רובינשטיינ האָט ראַדירט, אז דער מאָטאָר וואַרעמט זיכ אונ דער עקיפּאַזש האָפֿט ארויסצופֿליִענ. אינ דער צווייטער ראַדיאָגראַמע האָט רובינשטיינ אָנגעזאָגט, אז דעמ עקיפּאַזש האָט זיכ אײַנגעגעבנ מיט די אייגענע קרעפֿטנ אוועקלאָזנ דעמ מאָטאָר אונ אז זיי פֿליִענ ארויס אַפנ אינדזל רודאָלפֿ.

איכ האָב באַקומענ אַנ אופֿגעבונג ארויסגיינ אַפנ „או—2“ אנטקעגנ קרוזענ אונ ברענגענ אימ אַפנ אַעראָדראָמ. אַפ מײַנ מאַשינ האָט מענ אײַנגעשטעלט א ראַדיאָ, אינ דער צווייטער קאַבינע האָט זיכ אַרײַנגעזעצט דער שטורמאַנ ריטסלאַנד, אונ מיר זײַנענ ארויסגעפֿלויגנ. עס איז געווענ באַוווּסט, אז קרוזע גייט אינ דער זאָנע פֿונעמ ראַדיאָ-טורעמ, אונ

פליענדיק אויכ אינ דער זאָגע אימ אנטקעגנ, האָב איכ אימ אומפאַרמײַדלעכ געמוזט באמערקנ.

אזא איז געווענ דער פלאנ. אָבער אונדזערע כעזשבויגעם האָט צעשטערט אונדזער ראדיאָסטאנציע, וועלכע איז אינמיטנדערינענ קאַליע געוואָרנ. מיר האָבנ שוינ ניט געקאָנט אופנעמענ די סיגנאלנ פונעמ ראדיאָ-טורעמ אונ מיר זײַנענ אוועק אויסשליסלעכ לויטנ קאָמפּאַס. איצט האָבנ מיר שוינ ווייניק געגלייבט דערינ, אז אונדז וועט זיכ פונדעסטוועגנ אײַנגעבנ דערזענ קרוזענ אינ די וואָלקנס.

מע קאָנ זיכ פאָרשטעלנ, ווי גרויס עס איז געווענ אונדזער פרייד, ווענ איכ האָב אינ דרײַ פערטל שאָ ארומ דערזענ אפנ גרויענ פאָנ פונ די וואָלקנס א שווארצ פינטל. דאָס איז געווענ קרוזע.

איכ בינ צוגעפלויגנ צומ אעראָפּלאנ אונ האָב אימ אוועקגעפירט „אהיימ“. אינגיכנ אָבער איז דער „פ—5“ אָפּגעשטאנענ.

אינ לעבנ פונ מײַנ מאשינ דארפ אָט דער טאָג, אָנ צווייפל, פארצייכנט ווערנ. די געוויינלעכע גיכקײַט פונ דעמ „או—2“ איז 120 קילאָמעטער. וואָס איז אינ דעמ טאָג פאָרגעקומענ מיטנ אעראָפּלאנ, איז שווער צו זאָגנ. אָבער ער האָט ארויסגעוויזנ אנ אויסערגעוויינלעכע פלינקײַט.

געגאנגענ זײַנענ מיר גאָר נידעריק איבערנ אײַז. דער גיכקײַט-צייגער האָט באוויזנ 150 קילאָמעטער. דאָס איז פּאָשעט אנ אומדערהערטער רעקאָרד פאר אונדזער „או—2“. פונ הינטנ איז געזעסנ ריטסלאנד אונ האָט אנציקט געפּאָכעט מיט די הענט צו קרוזענ, וועלכער איז שטארק אָפּגעשטאנענ פונ אונדז.

אזוי זײַנענ מיר טאקע געקומענ אפנ אינדזל רודאָלפ. איכ האָב געמאכט א שארפנ ווירַאזש אונ אראָפּגענידערט. אונטנ זײַנענ געשטאנענ אלע ווינטערער אונ די מיטגלידער פונ דער עקספּעדיציע, ווארטנדיק אפ אונדזער צוריקער. דער „או—2“ האָט אָנגערירט מיט די ליזשעס דעמ שניי אונ איז אינגיכנ געבליבנ שטיינ, ווי א פארגליווערטער. גלײַכ נאָכ אונדז האָט אראָפּגענידערט קרוזע.

איכ בינ ארויסגעקראָכנ פונ דער קאבינע בא אנ אלגעמיינעמ געלעכטער. די אומגעהערטע פארמעסטונג צווישנ אנ „או—2“ אונ א „פ—5“, וועלכע האָט זיכ פארענדיקט מיטנ ניצאָכנ פונ מײַנ פליג, האָט אלעמענ געבראכט אינ א הומאָריסטישער שטימונג.

אין אָוונט, באַם אָוונטברויט, ווען מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַלע צוזאַמען, האָבן מיר לעבהאַפֿט געשמועסט וועגן די אײַנדרוקן פֿון די לעצטע טעג. דזערדזיעװסקי, רובינשטײן און קרוזע האָבן גענוי דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען אַפֿן דער קריע. מיר, פֿון אונדזער זײַט, האָבן זיי דערציילט, וויפֿל אַגמעסנעפּעש און אומרו מיר האָבן איבערגעלעבט אַפֿן אינדזל רודאָלף, ניט באַקומענדיק קיין שום ידיעס פֿון דעם אַעראָפּלאַן...

אָטאָ יוליעוויטש האָט אָנגעוויזן אַפֿן דער מוטיקער אויפֿירונג, באַוווסטזיניקײַט און אויסגעהאַלטנקײַט, וואָס דער עקיפּאַזש פֿונעם „פּ—5“ האָט אַרויסגעוויזן, זײַענדיק אַפֿן דער קריע.

18 מײַ.

דזערדזיעװסקי האָט זיך גלײַך אַפֿן אַן אָרט גענומען צו זײַן אַרבעט. באַ וואָדאָפּיאַנאָוון איז אַלץ אין פֿולער גרייטקײַט. די איינציקע מעניע איז דער וועטער.

אינדערפֿרי איז אַרויסגעפֿלויגן אַפֿן אַ ווײַטער אויסשפּירונג גאָלאָווין, וועלכער האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט עטלעכע אומאָנגענעמע שעה. אונדזערע אויסשפּירער האָבן, ווײַזט אויס, באַשלאָסן אויספּרוּוון, ווי שטאַרק עס זײַנען אונדזערע נערוון.

אין פֿינף און צוואַנציק מינוט אַרום נאָכן אַרויספֿלי האָט די ראַדיאָסטאַנציע פֿונעם אינדזל רודאָלף באַקומען פֿון גאָלאָווינען די ערשטע ראַדיאָגראַמע. גאָלאָווין האָט מיטגעטיילט, אַז ער פֿליט צו צאָפֿן און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ גרויסן וואָלקנ־בייט און פּרוּווט זיך דורכשלאָגן די וואָלקנדיקײַט. אָטאָ יוליעוויטש האָט געהייסן גאָלאָווינען אומקערן זיך.

גאָלאָווין האָט באַשטעטיקט, אַז ער האָט דערהאַלטן דעם באַפֿעל און האָט מיטגעטיילט, אַז ער קערט זיך אום. אין דרײַסיק מינוט אַרום האָט ער איבערגעגעבן, אַז ער זעט שוין דעם אינדזל רודאָלף, ער וויקלט צונויף די אַנטענע און גייט אַראָפּצוגיידערן.

און אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די גאַנצע מײַסע!

א מענטש טיילט מיט, אַז ער נידערט אַראָפּ... עס גייט דורך אַ שעה... אַ צווייטע... אַ דריטע... מע זעט ניט קיינעם! ניטאָ גאָלאָווין!

עס איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן אַלעמענס אויפֿרעגונג. ערשט נעכטן

אָטאָ יוליעוויטש שמידט.

האָט זיכ אומגעקערט קרוזע, אונ אונדז האָט זיכ אײַנגעגעבנ רוּיִק אָפּשלאָפּנ א נאכט, אונ הײַנט איז פּארפּאלנ געוואָרנ גאָלאָוויג.

ס׳איז אדיבער נאָכ איינ פײַנלעכע שעה, אונ ענדלעכ האָט גאָלאָוויג גענומענ רײדנ. אינ נעפּל איז ער דורכגעפלויגנ פארבײַ דעם אינדזל רודאָלפ. ער האָט מוירע געהאט, ניט זעענדיק די ערד, ארײַנשנײַדנ זיכ אינ קופּאָל אונ האָט באשלאָסנ ארויפצונידערנ אינ יאם.

ווידער א שטילשווײַגנ, וואָס שנײַדט איבערנ הארצנ. אונ ענדלעכ א ראדיאָגראמע:

„געזעצט זיכ אפנ אײַז בעשאָלעמ... דער אעראָפּלאנ איז גאנצ... די מענטשנ לעבנ...“

צווישנ דער קרוּיע אונ דעם אינדזל רודאָלפ ווערט אײַנגעשטעלט א נאָרמאלע ראדיאָ=פארבינדונג. דער ראדיאָ=טורעמ פונעמ אינדזל רודאָלפ האָט געגעבנ גאָלאָווינענ דעמ פּעלענג אונ די זאָנע, אונ מיר האָבנ זיכ אינגאנצנ פּינקטלעכ דערוווסט, ווו עס געפינט זיכ דער אעראָפּלאנ.

ער האָט ארויפגענידערט לעבנ דאָרעמ=ברעג פונ דעם אינדזל דזשעקסאָנ, 85 קילאָמעטער אפ דאָרעמ=מײַרעוו פונעמ אינדזל רודאָלפ.

ווידער קאָנ מענ פרײַ אָפּכאפּנ דעמ אָטעמ, ניט איבערלעבנדיק דעמ פײַנלעכנ צושטאנד פונ אומבאוווסטקײַט אונ אומרו פארנ גוירל פונ די כאווײרים.

...אינ אָוונט, נאָכ אָוונטברויט, האָט אָטאָ יוליעוויטש פארזאמלט בא זיכ די קאָמאנדירנ פונ די שיפנ, די פליִער, די שטורמאנס אונ די באָרט=מעכאניקער. אפ דער בעראטונג איז אויסגעהערט געוואָרנ א באריכט פונעמ עקיפּאזש פונ דעמ „פּ—5“ וועגנ די סיבעס, וועלכע האָבנ געבראכט דערצו, אז זיי האָבנ פארלוירנ די אָריענטירונג ביים דעמ לעצטנ פלי.

דערנאָכ זײַנענ באהאנדלט געוואָרנ אייניקע פראגנ, וואָס אונדזער הויפּטשטורמאנ ספּיריג האָט ארויסגערוקט—וועגנ ראדיאָ=טורעמ, וועגנ קאָמפּאס, וועגנ מאגניט=קורס אונ וועגנ עמעסנ קורס, וועגנ די קעגנזײַטיקע באציִונגענ צווישנ דעמ פליִער אונ דעמ שטורמאנ.

מיר שטורעמען דעם פּאָליוס

א כוידעש אפן אינדזל רודאָלף. דזערדזיעווסקי זאָגט צו א גוטן וועטער. דער פלאגמאן איז ארויסגעפלויגן צום פּאָליוס. דער פּאָליוס איז אונדזערער! א ראפּאָרט דעם כאווער סטאלין. מיר פליען ארויס צום פּאָליוס.

19 מײַ.

און אָט איז שוין א כוידעש, ווי מיר זיצן אפן אינדזל רודאָלף. איך דערמאָן זיך, ווי אין א לויטערן, פראָסטיקן זוניקן טאָג—דעם 19 אפּרעל זײַנען מיר געקומען צו פליען אפן אינדזל. מיר האָבן דאן גאָר ניט געטראכט, אז מיר וועלן דאָ דארפן פארבלײַבן א גאנצן כוידעש!

דער וועטער איז א פּאסקודנער. ס'איז ווארעם. עס שיט א שניי און צעגייט איגדערלופטן. דזערדזיעווסקי זאָגט ניט צו קיין שום גוטע נײַס אפ די גאָענטסטע טעג.

עפּשער וועלן מיר דאָ גאָר מוזן בלײַבן ווינטערן?

כאָטש אין שפּאס, אָבער דאָך ווערן אזוינע געדאנקען ארויסגעזאָגט.

פון מאָסקווע איז אָנגעקומען א ראדיאָגראמע. דער רעזשיסאָר אָכלאָפּקאָוו פון רעאליסטישן טעאטער טיילט מיט, אז איבערמאָרגן וועט פּאָרקומען די פּרעמיערע פון וואָדאָפּיאנאָווס פּיעסע „דער טרוים“, וואָס מיכאַיל וואסיליעוויטש האָט זי איבערגעגעבן דעם דאָזיקן טעאטער.

עס וועלן אויסגעלאָשן ווערן די פײַערן, עס וועט זיך עפענען דער פּאָרהאנג, און דער סאָוועטישער פליער בעספּאמילני וועט זיך אוועקלאָזן אפ אן עראָפּלאן שטורעמען דעם פּאָליוס, אונטער די אפּלאָדיסמענטן פון די אופגערעגטע צושויער וועט ער אײַנפעסטיקן די רויטע פאָן פון דעם ראטנלאנד אפן שפּיץ פון דער וועלט.

און מיר, סאָוועטישע פּליער, וועלכע זײַנען באַרופן, לויטן ווילן פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג, פאַרווירקלעכן בעספּאַמילנים טרוים, זיצן און וואַרטן אַף אַ גוטן וועטער...

פאַרנאַכט האָט אַ ביסל צוגעפרוירן. עס האָט זיך צעהוליעט די אָר־דנטלעכע זאַווערוכע.

בא גאַלאָווינען איז אַלץ אין אָרדענונג. ווי ער טײַלט מיט, נייטיקט זיך ניט דער עקיפּאַזש אין קיין זאַך ניט. זיי האָבן אַראָפּגענידערט צווישן אײַז־בערגלעך, אָבער זיי האָבן שוין געפונען אַן אַעראָדראָם אויפצופליען און בא דער ערשטער געלעגנהײַט וועלן זיי קומען צו פליען.

20 מײַ.

צום ערשטן מאָל פאַר אַ סאַך טעג האָט אונדזער סינאָפּטיקער אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און האָט צוגעזאָגט אַ פאַרבעסע־רונג פון וועטער. מיר זײַנען אַלע מיטאַמאָל פרייליכער געוואָרן.

אינדערפרי האָט, פונקט ווי ניט זי מיינט מען עס, זיך צעווויעט אַ זאַווערוכע, אָבער שוין צו מיטיק האָט זיך דער הימל אויסגעלײַטערט און אונדזערע האָפענונגען אַף דעם, אַז די עסקאַדרע וועט אַרויספליען צום פּאָליוס, זײַנען געוואָרן פעסטער.

עס איז ענדגילטיק אײַנגעשטעלט געוואָרן דער פּלאַן פון דער אָפּע־ראַציע. דער ערשטער גייט דער פלאַגמאַן „פּססר נ—170". נאָך דעם, ווי מיר וועלן באַקומען גינסטיקע ידיעות פון דעם פלאַגמאַן, וועלן צום אָרט פון זײַן אַראָפּנידערונג אַרויספליען די איבעריקע שיפן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מוירע פאַר דעם, אַז איך וועל בלײַבן דאָ, איז אומבאַגרינדעט. אַלע עקיפּאַזשן גייען אין פולן באַ־שטאַנד. איך—אַלס צווייטער פּילאָט אַפן „פּססר נ—172" בא אַלעקי־סייעוון.

אָרעמער מאַזורוק! זײַן פוס איז נאָך ביז איצט ניט אין אָרדענונג. וויאַזוי וועט ער פליען?

די צענטראַלע וועטער־ביוראָ אין מאָסקווע האָט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ איר פּראָגנאָז. ער פאַלט צונויף מיט דזערדזעיעווסקים מיינונג, אָבער באָרים לוואָוויטש זאָגט נאָך איצט אויך ניט זײַן לעצט וואָרט.

שאָענוויַז זיצט ער איבער דער סינאָפּטישער קאַרטע, לייזנדיק מעטעאָראָלאָגישע גליַיכונגען מיט פיל אומבאַקאַנטע.

באַזונדערס שווער איז אים באַשטימען דעם לעצטן אומבאַקאַנטן— דעם וועטער אויפן פּאָליוס גופא. קיינער, כוץ די וויַיסע בערן, אויב זיי זיַינען דאָרט פאַראַן, קאָן גאָרנישט ניט מיטיילן אונדזער סינאָפּטיקער ניט וועגן דער קראַפט פונעם ווינט, ניט וועגן זיַין ריכטונג, ניט וועגן דער טעמפּעראַטור און וואָלקנדיקייט אין דעם דאָזיקן, דערוויַיל נאָך געהיימניספולן פאַר אונדז, פונקט.

היַינט האָבן מיר זיך דריַי מאָל אויפגעהויבן מיט דזערדזיעווסקין אינדערלופטן אויף אויסצושפּירן דעם וועטער.

דער ערשטער און דער צווייטער פלי האָבן געדויערט צו צען מינוט. דאָס לעצטע מאָל זיַינען מיר אַרויסגעפלויגן 18 אַזייגער מיט 10 מינוט און אַראָפּגעגידערט האָבן מיר ערשט 19 אַזייגער מיט 35 מינוט. מיר זיַינען אָפּגעווען אין דער לופט אָנדערהאַלבן שעה. ביַים דעם לעצטן פלי האָט זיך מיַין „או—2“ אויפגעהויבן אויף א הייך פון 3 250 מעטער,—דאָס איז קימאַט די גרענעץ פון זיַינע מעגלעכקיַיטן.

אומעטום איז אַן אויסגעצייכנטע זעעוודיקיַיט. די טעמפּעראַטור איז אין דער הייך מינוס 22 גראַד. און בלויז אייַנ שמאָלער פאַס וואָלקנס וויַיט אויפן האָריזאָנט רופט אַרויס א געוויסן כשאַד.

דזערדזיעווסקי מעלדעט דער קאָמאַנדירונג:

— מע קאָן פליען!

די קאָמאַנדירונג נעמט אָן א באַשלוס צוגריַיטן דעם פלאַנמאַן צום אַרויספלי.

אַלע אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע פאָרן אַריבער אויפן אַעראָדראָם. איך גיב איבער מיַין מאַשין דעם פליער קאָזלאָוו. דער „או—2“ אַרבעט א גאַנצן טאָג פאַר א טאַקסי. מאַטוויי איליטש האָט געמאַכט אַכצן רייסן, אַריבערפירנדיק אונדזערע מענטשן אויפן קופּאָל. דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ווינטער־סטאַנציע שטאַרבט אָפּ. בלויז אויף דער ראַציע האַלטן זייער וואַכטע די אומדערמידלעכע ראַדיסטן. דער צענטער פונעם לעבן האָט זיך איבערגעטראָגן אויפן אַעראָדראָם.

מיר גריַיטן וואָדאָפּיאַנאָוון צום פלי. אויפן פלאַנמאַן אַרבעט דער גאַנצער באַשטאַנד פון דער עקספּעדיציע. מע קלאַפּט אַרום דעם אייַז, מע וואַשט די מאַשין מיט זודיק וואַסער. דער ערשטער מעכאַניק

פון דעם פלאַגמאַן פליגאָנט באַסיין, וואָראָפּיאַנאָוו פּערזענלעכער פֿרײַנט און שטענדיקער באַגלייטער, קאָנטראָלירט נאָכאַמאָל אַלץ ביז קלענסטן שרײַפעלע.

„פּאַסער ג—170“ איז גרייט צום אַרויספליִ.

דער וואָלקן־פּאַס, וואָס איך און דזשערדזשיעווסקי האָבן באַמערקט אין דער צײַט פֿונעם פלי, האָט זיך דערנענטערט צום אַעראָדראָם און האָט פֿאַרדעקט דעם קופּאָל מיט אַ דורכזיכטיקן, גרױלעכן פֿאָרהאַנג.

ניט שוין זשע וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דער מאָסקווער פּראָגנאָז איז ניט קיין ריכטיקער? קאָן עס דען זײַן, אַז דער העכסט פֿאָרזיכטיקער דזשערדזשיעווסקי זאָל אַ טעות האָבן?

די שטימונג איז אַ שלעכטע. אָבער מיר רײַסן ניט איבער די אַרבעט.

מיר וואַשן די איבעריקע מאַשינעס, גראָבן אַרויס די ליזשעס פֿון אונטערן שניי, פּאַקן אײַן די לעצטע פּעק. ביסלעכווײַז ווערן די מאַשינען איינע נאָך דער אַנדערער צוגעגרייט צום פלי.

די אויפֿלעבונג אויפֿן אַעראָדראָם ווערט שטילער. די אַרבעט וועט שוין באַלד פֿאַרענדיקט ווערן.

אַ פּאַוזע...

אויפֿן שניי, אונטער די גאַסטפֿרײַנטלעכע פליגלען פֿון דעם פלאַגמאַן, איז אויפֿגעשטעלט אַ בײַדל. אין דעם בײַדל זיצן אָטאָ יוליעוויטש, באַבושקין און סעראַפֿים איוואַנאָוו. זיי שפּילן אין דאָמינאָ. די דאָמינאָ קומט אַלעמאָל צו הילף אין די פּײַנלעכע מינוטן פֿון דערוואַרטונג.

עס שלאָפֿט וואָדאָפּיאַנאָוו. ער איז זיכער אין אַ געלונגענעם סטאַרט און קלײַבט אָן קוויכעס פֿאַרן פלי.

עס דענערווירן זיך די פּאַפּאַנינצעס. יעדע מינוט פֿרעגט דאָ איינער, דאָ אַ צווייטער פֿון זיי וועגן וועטער. זיי ווילן געוויס ניט אײַנשלאָפֿן.

21 מײַ.

ווײַט אויף צאָפֿן באַווײַזט זיך אַ העלער פּאַס. דער ווינט בלאָזט פֿון נאָרד. דער פּאַס ווערט גרעסער, עס איז צו זען, ווי עס ענדיקט זיך די וואָלקנדיקײַט און עס שטעלט זיך אײַן אַ לויטערער וועטער אין דער ריכטונג צום פּאָליוס.

— איך האָב דאָך אײַך צוגעזאָגט, אַז אינדערפֿרי וועט זײַן אַ גוטער

די פּאַפּאַנינצעס פאַרן ארויספלי צום פּאָליוס.

וועטער, — זאָגט דזערדזיעווסקי, — וואָס זשע האָט איר געמאַכט א פּאַניקע?

אלע זײַנען אפ די פיס... מע האָט דערגאָסן בענזין... אפן פלאַנמאַנ לאָזט מען ווידער די מאָטאָרן.

שוין צײַט!

מיר זעגענען זיך מיט אָטאָ יוליעוויטשן, מיטן עקיפּאַזש פון „פּססר נ—170", מיט פּאַפּאַנינען און מיט די „ברידערלעך", צעקושן זיך מיט פּעטיע שירשאָוון און מיט קרענקעלן.

— צום גיכן ווידערזען, ערנעסט! פארגעס ניט דאָרט, אפן פּאָליוס, צוגרייטן פאַר מיר א בעטל!

איינער נאָכן אנדערן הייבן זיך אוף איבערן טראַפּ דורכן ליוק און פאַרשווינדן אין דער קאַבינע דרײַצן מאַנ. דרײַצן סאָוועטישע בירגער, וועלכע עס איז באַשערט די ערשטע אראָפּלאָזן זיך אפן צאָפּן-פּאָליוס. מיט זיי איז אויך מאַרק טראָיאַנאָווסקי—דער קינאָ-אָפּעראַטאָר מיט זײַנע אומגעלומפּערטע קלאַפּערגעצײַג.

גליקלעכע! מיט וואָס פאַר א קינע מיר קוקן עס אלע אפ זיי!

צוויי מעכטיקע טראַקטאָרס האָבן פאַרטשעפּעט דעם אעראָפּלאַן, און ארבעטנדיק מיט אלע זיינע פיר מאָטאָרן רייסט ער זיך מיט מאַ־טערניש אָפּ פון אָרט.

4 אזייגער מיט 45 מינוט. וואָדאָפּיאַנאָוו רודערט איבערן אעראָ־דראָם. ער וויל פאַרלייפן וואָס ווייטער, קעדיי ער זאָל דערנאָך קאָנען וואָס מער פאַנאַנדערייאָגן זיך.

4 אזייגער מיט 48 מינוט. וואָדאָפּיאַנאָוו דערלאַנגט פולן גאַז. די מאַשין לויפט גרינג באַרג־אַראָפּ, פאַרשווינדט אין א וואָלקן שניי־שטויב, און, אָפּלויפנדיק פינף און צוואַנציק סעקונדעס, רייסט זי זיך גראַציעז אָפּ פון דער ערד.

עס דערהערן זיך „הורא"־געשרייען. אין דער לופט פליען היטלען. מיר אפלאָדירן מיט באַגייסטערונג און מאַכן מיט די הענט נאָכן אעראָפּלאַן.

4 אזייגער מיט 52 מינוט. דער אעראָפּלאַן פליט פאַרביי איבער דער ווינטער־סטאַנציע און נעמט א קורס אויף צאָפן, צום פּאָליוס...

מיר שטייען שווייגנדיק, ניט רירנדיק זיך פון אָרט. די ריזיקע לופטשיפן, וואָס האָט זיך ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק געפונען לעבן אירע דריי שוועסטער,—אָט זיינען נאָך די שפּורן פון אירע לי־זשעס, אָט זיינען צייכנס פון פאַרגאָסענעם מאַשין־אייל! — ווערט מיט יעדער סעקונדע אלץ קלענער און קלענער, דער געזאַנג פון אירע מאָטאָרן — אלץ שוואַכער, און אָט פאַרשווינדט זי גאָר אינגאַנצן.

מיר פאַרבלייבן אליין. ס'איז ניטאָ וואָס צו באַהאלטן — ס'ווערט אימעטיק! דעם גאַנצן לאַנגן און שווערן וועג פון מאָסקווע ביזן אינדזל רודאָלף האָבן מיר דורכגעמאַכט צוזאַמען. ניט ווילנדיק דערמאָנסטו זיך לאָמאָנאָסאָווס לאַנקע, די פּאָליאַרע שטאָט נאַריאַן־מאַר, די גאַסט־פרייַנטלעכע ווינטער־סטאַנציע אויף נאָוואַיאַ זעמליאַ, דעם פלי איבערן באַרענצ־יאַם, דעם כוידעש אפן אינדזל רודאָלף. ווי אן איינהייטלעכער צונויפגעשמאָלצענער קאָלעקטיוו האָבן מיר דורכגעמאַכט אלע אויס־פרוווּן און שוועריקייטן אין וועג.

און אָט זיינען מיר אליין!

אָבער מיר באַהערשן זיך גיך, און די ניט־פּאַסיקע שטימונגען פאַר־שווינדן. נאָכן אָפּפלי פון דעם עקספּעדיציע־שעף און פונעם עסקאַד־

רע-קאמאנדיר גייט די גאנצע נאכט אפנ אינדזל רודאלפ איבער צו שעוועליאוונ אונ מאלאקאוונ. מיר ווארטנ אפ זייערע פאראררדענונגע.

עס הייבנ אנ אנצוקומענ די ערשטע ראדיאגראמעס פונ דעמ עראפלאנ „פססר נ—170“.

6 אזייגער מיט 00 מינוט האט דער עראפלאנ דערגרייכט 83°04′... 7 אזייגער מיט 00 מינוט איז ער דורכגעפלויגנ 84°25′... 8 אזייגער מיט 04 מינוט איז דער עראפלאנ אפ 85°30′... 9 אזייגער מיט 00 מינוט האט זיכ דער עראפלאנ געפונענ אפ 86°47′ צאפנ-ברייט...

די ראדיאגראמע, וואס איז דערהאלטנ געווארנ 11 אזייגער מיט 05 מינוט, האט מיטגעטיילט, אז דער עראפלאנ געפינט זיכ שוינ אפנ שוועל פונ פאליוס—אפ 89° צאפנ-ברייט. ספּירינ אונ פיאדראוו פירנ מיט דערפאלג די אסטראנאמישע באאבאכטונגענ.

די צווייטע ראדיאגראמע, וואס דער פלאגמאנ-ראדיסט איוואנאוו האט אנגעהויבנ איבערגעבנ 11 אזייגער מיט 12 מינוט, האט זיכ איבערגעריסנ אפנ מיטנ ווארט.

אומזיסט האבנ ביידע ראדיאסטאנציעס פונעמ אינדזל רודאלפ ארויסגערופנ דעמ פלאגמאנ.

— רוו, וואס איז מיט אייכ?.. רופט זיכ אפ... רוו, ענטפערט... מיר הערנ אייכ... רוו... רוו...

אבער וואדאפיאנאווס ראציע האט איינגעשפארט געשוויגנ. די ראדיסטנ בלייבנ אנ קויכעס, איבערכאזערנדיק אנ אופהער די סיגנאלנ פונ דעמ פארשווונדענעמ עראפלאנ. שא-שטיל.

עס גייט אוועק א שא נאכ א שא. דער זאפאס ברענשטאפ אפנ פלאגמאנ איז שוינ לאנג אויסגעגאנגענ. קיינ שומ ידיעס פונ אימ קומענ ניט אנ.

וואס זאל מענ טאנ? מאלאקאוו, אלעקסייעוו, מאזורוק אראפלאנענ שטייענ גרייט צומ ארויספלי, אבער ביז וואנענ מיט וואדאפיאנאוונ וועט ניט איינגעשטעלט ווערנ א פארבינדונג, האט קיינ זינ ניט צו שיקנ א צווייטנ עראפלאנ זוכנ אימ. געפינענ אימ איז אומעגלעכ.

מוז מענ ווארטנ.

אומבאמערקט האט זיכ צוגעגאנווועט א שניי-שטורעמ, נידעריקע

וואָלקנס האָבן ארומגעלייגט דעם גאנצן האָריזאָנט. עס האָט אָנגעהויבן שיטן א שניי. דער וועטער איז קאַליע געוואָרן, און אונדזער ארויספלי איז שוין אצינד אומעגלעך.

מידע פון דער שלאָפלאָזער נאכט, ווערן מיר אנשלאָפן אפן אעראָ-דראָם גופע. עס ווילט זיך ניט טראכטן וועגן א שלעכטן רעזולטאט, אָבער ניט ווילנדיק קריכן אין קאָפּ אלערליי נארישע געדאנקען. אייג-נטלעך האָבן מיר נאָר, וואָס אפן פלאנמאנ געפינט זיך אָטאָ יוליע-וויטש, און עס דאכט זיך דעריבער, אז קיין שום קאזוסן מיטן אעראָ-פלאן קאָנען ניט פארלויפן.

איבערלאָזנדיק א וואכטע בא די אעראָפּלאנען, קערן מיר זיך פאר-נאכט אום אפ דער ווינטער-סטאנציע.

אָבער קיין געשפרעך קלעפּט זיך ניט, און אין א געדריקטער שטי-מונג צעגייען מיר זיך איבער די צימערן.

איך בין געזעסן אפן בעט און האָב מעלאנכאָליש באטראכט א ויאָליק, וואָס איך האָב אויסגעטאָן, ווען אין צימער איז ארײַן, גייענ-דיק אפ דער וואכטע, דער ראדיסט קאַליע סטראָמילאָוו.

— איך גיב צוויי שאָ קרענקעלן, — האָט מיר סטראָמילאָוו גע-זאָגט, — אויב אין צוויי שאָ ארום וועט זיך ערגעסט ניט אָפּרופן, הייב איך אָן צו פּסיכעווען.

ער האָט זיך אופגעהויבן און איז געשווינד ארויס.

איך האָב ניט באמערקט, ווי אזוי איך בין אײַנגעשלאָפן.

אופגעכאפּט האָב איך זיך פון א ווילדן געשריי. געשריען האָט סטראָמילאָוו. אין אייגע ווען בין איך ארײַנגעפלויגן אין ראדיאָ-צי-מער, נאָך מיר אין דעם זעלבן מאָלעט — דאָגמאראָוו.

רויט פון אופרעגונג, האָט סטראָמילאָוו געשריען ניט מיט זײַן שטים:

— רוו רופט ארויס!.. קרענקעל רופט דעם אינדזל רודאָלף!..

דאָגמאראָוו איז אזוי ווי ער שטייט און גייט אוועקגעלאָפן נאָך שוועליאָוון.

עס איז געקומען שוועליאָוו, די גאנצע ווינטער-סטאנציע האָט זיך אופגעכאפּט, אין איין רעגע האָט זיך פון אלעמען אָפּגעטאָן דער שלאָף.

סטראָמילאָוו האָט געהאלטן אין איין שרײַען:

— זיכ געזעצט. א פײַער זאָל זײ אָנצינדנ...

קרענקעל האָט איבערגעגעבנ:

„אַלע זײַנענ געזונט. באַ סימע איוואַנאָווג איז אינ דער לופט פאַרברענט געוואָרנ דער אומפאָרמער, אונ באַ מיר האָבנ זיכ געזעצט די אקומוליאַטאָרנ".

אַכ, אָט צו וועמענ עס האָט געהערט סטראָמילאָווס „צאַרטער" עפּיטעט — די אקומוליאַטאָרנ האָבנ זיכ געזעצט! איצט איז פאַרשטענדלעכ פאַרוואָס דער פלאַגמאַנ האָט געשוויגנ צענ שאָ נאָכאַנאַנד.

דערנאָכ האָט סטראָמילאָוו אופגענומענ שמידטס מיטײלונג וועגנ דעמ, אַז די ערשטע סאָוועטישע מענטשנ האָבנ זיכ בעשאָלעמ ארויסגעזעצט אפנ פאָליוס.

22 מײַ.

וועגנ דעמ, אַז די סאָוועטישע פאָליאַרניקעס האָבנ זיכ ארויסגעזעצט אפנ צאָפנ-פאָליוס, האָט מענ אונדז הײַנט מיטגעטײלט דורכנ ראַדיאָ-טעלעפאָנ פונ... מאָסקווע.

„די לעצטע יעדיִעס דורכנ ראַדיִאָ" האָבנ די הײַנטיקע פרימאָרגנדיקע טראַנסליאַציעס געווידמעט דעמ פלי פונ „פססר נ—170". דאָס גאַנצע סאָוועטישע לאַנד פײַערט שוינ אונדזער ניצאָכנ. די גאַנצע וועלט ווײסט איצט, אַז די באָלשעוויקעס האָבנ אײַנגענומענ דעמ פאָליוס, אָבער באַ אונדז שווינדלט ניט דער קאָפ פונ דערפאָלגנ, מיר אַלע פאַרשטײענ אויסגעצײכנט, אַז די הויפט-ארבעט שטײט אונדז נאָכ פאָר.

אויב מע זאָל אריבערפירנ אפ דער שפראַכ פונ ציפערנ דאָס, וואָס מיר האָבנ אָפגעטאָנ, קאָנ מענ זאָגנ, אַז עס איז אונדז געבליבנ אָפצוטאָנ זיבנ אכטל פונ דער ארבעט. דער כעזשבנ איז א פאָשעטער: פיר אעראָפלאַנענ דאַרפנ מאַכנ א טור—אינדזל רודאָלפ — צאָפנ-פאָליוס— אינדזל רודאָלפ. דערווײַל אָבער האָט נאָר אײנער פונ די פיר אעראָפלאַנענ געמאַכט א האַלבנ טור.

מיר זײַנענ גרײט צומ ארויספלי. ווי נאָר אפנ פאָליוס וועט זיכ אײַנשטעלנ א גוטער וועטער, וועלנ מיר ארויספליענ.

צווישנ דעמ אינדזל רודאָלפ אונ דעמ צאָפנ-פאָליוס איז שוינ אײַנגעשטעלט א ראַדיאָ-פאַרבינדונג, אונ קרענקעל האָט איבערגעגעבנ א

מיטיילונג וועגנ דעמ, וויאזוי עס איז אריבער דער ערשטער מעסלעם אפ דער נײַער סאָוועטישער וויסנשאפטלעכער סטאנציע באַם צאָפנ־פּאָליוס.

הײַנט שפּעט אינ אָוונט האָט שעוועליאָוו צונויפגערופנ א באראטונג פונ דעמ פליער־באשטאנד איבער דער פראגע וועגנ דעמ פאָרשטייענדיקנ פלי.

די שווערסטע אויפגאבע ווערט איצט ארויפגעלייגט אפ די שטורמאנס. זיי דארפנ געפינענ צווישנ די אומגעהייערע אײַז־ראכוועסנ דעמ פלאגמאנ.

אויב מיר האָבנ זיכ פריער געפונענ אינ די הענט בא די מעטעאָראָלאָגנ, זײַנענ מיר איצט ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט צו די נאַוויגאטאָרנ.

23 מײַ.

בא דזערדזיעווסקינ אפ זײַנ סינאָפּטישער קארטע איז פארשוואונדנ א ווײַסער פלעק. עס איז אויפגעקומענ א נײַע סטאנציע „צאָפנ־פּאָליוס“, אונ דאָרט פירט מענ שוינ איצט מעטעאָראָלאָגישע באַאָבאכטונגענ, וואָס די רעזולטאטנ זייערע גיט קרענקעל רעגולער איבער אפנ אינדזל רודאָלפ פאר דזערדזיעווסקינ.

אפ אזא אויפנ איז שוינ דער לעצטער אומבאקאנטער אינ באָריס לוואָוויטשעס מעטעאָראָלאָגישער גלײַכונג געפונענ.

צומ באדויערנ, קאָנ אָבער דער פּאָליוס אינ דעמ פראט מיט קיינ זאכ אונדז ניט דערפרייענ. בײַמ אפנ אינדזל רודאָלפ איז אנ אויסגעצייכנטער וועטער, איז אפנ פּאָליוס וואָלקנדיק, נעפּלדיק אונ א שלעכטע זעעוודיקײַט.

הײַנט בינ איכ געפלויגנ מיט דזערדזיעווסקינ אפ א הויכער אויספּרובונג. דערגרייכט 3 400 מעטער. אונ אויכ דאָ זײַנענ ניטאָ קיינ פריילעכע נײַעס.

24 מײַ.

נעכטנ אינ אָוונט האָט די ראדיאָסטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ אויפגענומענ פונ מאָסקווע א באגריסונג פונ די אָנפירער פונ דער פארטיי אונ פונ דער רעגירונג צו די אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע אפנ צאָפנ־פּאָליוס.

אינ דער קאיוט=קאָמפאניע איז פאָרגעקומענ א פלוג=מיטינג. אהער האָבנ זיכ פארזאמלט אלע ווינטערער אונ די איבערגעבליבענע אָנטייל=נעמער פונ דער עקספעדיציע.

שעוועליאָוו, אנ אופגערודערטער, האָט איבערגעלייענט דעמ טעקסט פונ דער באגריסונג, וואָס איז אדרעסירט אפנ נאָמענ פונ אָטאָ יוליע=וויטש, וואָדאָפיאנאָוו אונ אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע.

„די פארטיי אונ די רעגירונג באגריסנ היימ די רומפולע אָנ=טיילנעמער פונ דער פאָליארער עקספעדיציע אפנ צאָפנ=פאָליוס אונ גראטולירנ זיי מיטנ אויספילנ די אָנגעמערקטע אופגאבע—דעראָ=בערנ דעמ צאָפנ=פאָליוס.

דער דאָזיקער ניצאָכנ פונ דער סאָוועטישער אוויאציע אונ וויסנשאפט ציט אונטער א סאכאקל אונטער דעמ גלענצנדיקנ פע=ריאָד פונ דער ארבעט אפ צו באהערשנ די ארקטיק אונ די צאָפנ=וועגנ, וועלכע זײַנענ אזוי נייטיק דעמ ראטנפארבאנד.

דער ערשטער עטאפ איז דורכגעגאנגענ געוואָרנ, עס זײַנענ בא=זיגט ביז גאָר גרויסע שוועריקייטנ. מיר זײַנענ זיכער, אז די העל=דישע ווינטערער, וועלכע בלײַבנ אפנ צאָפנ=פאָליוס, וועלנ מיט ערע אויספילנ די אופגאבע צו דערלערנענ דעמ צאָפנ=פאָליוס, וועלכע איז אפ זיי ארופגעלייגט געוואָרנ.

א באָלשעוויסטישער גרוס די מוטיקע דעראָבערער פונעמ צאָפנ=פאָליוס!"

אלגעמיינע פרייד. „הורא"=געשרייענ האָבנ אָנגעפילט די געבײַדע פונ דער קאיוט=קאָמפאניע. בײַקומענדיק זײַנ אופגערודערטקייט, האָט גע=נומענ א וואָרט דער פארטאָרג פונ דער עקספעדיציע דאָגמאראָוו. נאָכ אימ זײַנענ ארויסגעטראָטנ מאָלאָקאָוו, אלעקסייעוו, קאָזלאָוו, מאזורוק. זיי האָבנ גערעדט וועגנ דער קאָלאָסאלער פאראנטוואָרטלעכקייט פונ די אָנטיילנעמער פונ דער עקספעדיציע פארנ ראטנלאנד, פאר דער פאר=טיי אונ פאר דער רעגירונג. אפנ מיטינג איז איינשטימיק אָנגענומענ געוואָרנ דער טעקסט פונ דער ענטפער=ראדיאָגראמע. מיר האָבנ גע=שריבנ:

„מיט גרויס ענטוזיאזמ אונ פרייד האָבנ מיר, די אָנטיילנע=מער פונ דער ערשטער סאָוועטישער עקספעדיציע אפנ צאָפנ=פאָ=ליוס, באגעגנט די באגריסונג פונ די פאָלקס=פירער. די ווערטער פונ

די פירער האָבן אונדז באַגײַסטערט בײַצוקומען יעטווידע שוועריקײַטן צום רום פון אונדזער גרויסן היימלאַנד.

אונדזערע אויסגעצייכנטע לופט־שיפן, אויסגעבויטע אין די סאָוועטישע אוויאַציע־זאַוואָדן, שטייען אין פולער שלאַכטגרייטקײַט. מיר רײַסן זיך פאָרויס און אין געדאַנק געפינען מיר זיך שוין אויפן צפון־פאָליוס צוזאַמען מיט אונדזער אוואַנגאַרד־אָטריאַד.

די באַגריסונג פון די פאָלקס־פירער האָט אין אונדז אַרײַנגעהויכט נײַע קויכעס און האָט פאַרשטאַרקט אין אונדז דעם באַוווּסטזײַן פון דער גיגאַנטישער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פארן לאַנד. ווי אונדז זאָל זיך ניט גלוסטן זײַן וואָס גיכער אויפן פאָליוס, דאַרפן מיר זיך באַהערשן און האַנדלען אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק, קעדיי ניט צו דערלאָזן דעם מינדסטן פעלער, דעם מינדסטן פאַרזען.

מיר זאָגן צו דעם כאַווער סטאַלין, דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און דער רעגירונג אין דעם קירצסטן טערמין פאַרענדיקן די גאַנצע אָפּעראַציע, מאַכן דאָס אַלץ באָלשעוויסטיש ריין, — אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר די זין פון דעם מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד. מיר וועלן באַרעכטיקן דעם גרויסן צוטרוי פון דער פאַרטיי און פון דער רעגירונג.

פון די צוגעגנגען צום פאָליוס באַגריסן מיר היים דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער לעניניסטער פאַרטיי, די סאָוועטישע רעגירונג און דעם גרויסן פירער — דעם כאַווער סטאַלין, וואָס זײַן נאָמען טראָגט זיך זיגרײַך איבער די ברייטע ראַכוועסן פון דער אַרקטיק און איבערן צפון־פאָליוס".

דעם דאָזיקן ראַפּאָרט האָבן אונטערגעשריבן, לויטן אָפּטראָג פון די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע און פון די ווינטערער פון דער פּאָליאַר־סטאַנציע, שעוועליאָוו, דאָגמאַראָוו און די קאָמאַנדירן פון די שווערע אעראָפּלאַנען, וועלכע געפינען זיך אויפן רודאָלף.

נאָכן מיטינג זײַנען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער אונדזערע צימערן. אָבער נאָך לאַנג האָט געדויערט דער געשפּרעך אין אַלע ווינקעלעך פון דעם גרויסן הויז. שלאָפן האָט זיך ניט געוואָלט.

...אויפן אינדזל איז א זאַווערוכע. אויפן פאָליוס טויג דער וועטער אויך ניט.

25 מײַ.

מיך האָט אופגעוועקט מארק איוואנאָוויטש.

עס האָט געבלאָזן א שטארקער ווינט. נידעריקע וואָלקנס האָבן אײַנגעהילט דעם אינדזל רודאָלף, אָבער אפן פּאָליוס האָט זיך אײַנגעשטעלט א גוטער וועטער — די וואָלקנס זײַנען זיך פּאנאנדערגעגאנגען, עס האָט געשײַנט די זון, דער ווינט איז שטיל געוואָרן.

עס ווערט אָפּגעגעבן א באפעל—ווארעמען די מאָטאָרן.

איך האָב אריבערגעפירט די מענטשן אפן קופּאָל און 14 אזייגער מיט 15 מינוט בין איך ארויסגעפלויגן מיט דזערדזיעווסקין אפּ א הויכער וועטער-אויסשפּירונג.

אפּ דער הייך פון 900 מעטער זײַנען מיר ארײַן אין וואָלקנס, דורכגעריסן די וואָלקנדיקײַט האָבן מיר אפּ דער הייך פון 1350 מעטער. אין דער הייך איבערן אינדזל רודאָלף איז שוין אלץ געווען רייך און לויטער, נאָר ווײַט אין צפון, אומגעפער אפּ דער 85—86 פּאראלעל האָט זיך געזען א וואָלקן-בייט. אופגעהויבן זיך לויט דער ווערטיקאל אפּ 5 000 מעטער, האָב איך זיך גענומען אראָפּלאָזן. 15 אזייגער מיט 15 מינוט האָט דער עראָפּלאן אראָפּגעגלידערט קימאט הארט בא דער מיר פון דער פּאָליאר-סטאנציע.

אין זײַן לעצטער ראדיאָגראמע האָט אָטאָ יוליעוויטש מיטגעטיילט: „דער וועטער אפן פּאָליוס איז א ווונדערלעכער“.

די דאָזיקע מיטיילונג האָט שוין געקלונגען קימאט ווי א באפעל ארויסצופליען.

דורכלאָזן אזא וועטער אפן פּאָליוס איז געווען אומעגלעך. דזערדזיעווסקי צווייפלט נאָך אָבער אלץ. ער האָט מוירע, אז אונדז זאָל אין וועג נים פּאקן א ציקלאָן, און שעוועליאָוו האָט באשלאָסן אן איבעריק מאָל דורכקאָנטראָלירן דעם וועטער.

17 אזייגער מיט 20 מינוט איז לויט מארק איוואנאָוויטשעס באפעל אין דער ריכטונג צום פּאָליוס ארויסגעפלויגן אפּ אן אויסשפּירונג דער פליער קרוזע אפן „פּ—5“. ער איז גלײַך ארײַן אין וואָלקנס, און, גייענדיק איבער זיי, האָט ער דערגרייכט די 84 פּאראלעל. דאָ האָט זיך די וואָלקנדיקײַט געענדיקט, און ווײַטער איז שוין אלץ געווען לויטער. הייסט עס, מיר פליען!

...די שיפן שטייען אפן אעראָדראָם מיט ארבעטנדיקע מאָטאָרן.

דער „או—2" האלט אַן א קעסיידערדיקע פאַרבינדונג צווישן דער גע־בײַדע פון דער פּאָליאַר־סטאַנציע און דעם אַעראָדראָם. די שטרעקע פון פיר קילאָמעטער גייט דורך דער „או—2" אין 8—10 מינוט. איך האָב געמאַכט אַכט רייזן אַהין און צוריק און האָב איבערגעגעבן די מאַשין קאָזלאָוון.

די טראַקטאָרן פירן אַרויס די שיפן אַפן סטאַרט. 23 אזייגער מיט 15 מינוט איז אַוועק דער פלאַגמאַן „פּססר נ—171", פּילאָטירט פון מאָלאָקאָוון. 23 אזייגער מיט 40 מינוט האָבן מיר סטאַרטירט. באַם אַרופלי האָט באַם „פּססר נ—172" געגומען שיסן דער לינקער מיטלסטער מאָטאָר, אָבער באַרג־אַראָפּ האָבן מיר זיך אָפּגעריסן אָן קיינע שום קאָמפּליקאַציעס.

וויאַזוי עס איז אַרופגעפלויגן מאַזורוק, האָבן מיר שוין ניט געזען.

26 מײַ.

קימאַט סאַמע פונעם אינדזל רודאָלף אָן האָט זיך אָנגעהויבן א לויטערער און ריינער הימל.

מיר זײַנען געגאַנגען אין דער זאָנע פונעם ראַדיאָ־טורעם אַפ דער הייך פון 1 300 מעטער. לויט דער ריי האָב איך און דער קאָמאַנדיר אַלעקסייעוו געפירט אונדזער לופט־שיף. דער שטורמאַן זשוקאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט און האָט אונטערגעהאַלטן א פאַרבינדונג מיטן אינדזל רודאָלף. די מעכאַניקער סוגראָבאָוו, גינקין און שמאַנדין האָבן אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דער אַרבעט פון די מאָטאָרן. אין דער שטורמאַן־קאַבינע האָט זיך צוזאַמען מיט זשוקאָוון געפונען דער קאָרעספּאָנדענט פון „איזוועסטיאַ" ווילענסקי. ער איז געזעסן אַפן „שטראַל" און האָט זיך באַמיט אײַנצושטעלן א פאַרבינדונג מיטן פלאַגמאַן.

אין א שאָ אַרום נאָכן אַרויספלי האָבן מיר דערזען פאָרויס און איבער אונדז דעם פלאַגמאַן. ער האָט געמאַכט גרויסע קרײַזן, — דאָ פלעגט ער אַוועק פאָרויס און דאָ אומקערן זיך צוריק. ווײַזט אויס, אַז מאָלאָקאָוו האָט געוואַרט אַפ אונדז און אַפ מאַזורוקן. דערזען אונדז, האָט דער פלאַגמאַן געמאַכט א קרײַז, האָט זיך געלייגט אַפן קורס, האָט דערלאַנגט פולן גאַז און איז באַלד פאַרשוואונדן פון אויג.



איבערן פּאָליוס.

מיר זײַנען געגאַנגען אָנ באַזונדערע פּאָסירונגען. עס איז געווענ א לויטערער זוניקער וועטער. די זעעוודיקײַט איז געווענ אָנ אויסגעצייכנטע. אונטער אונדז האָבנ זיך געשפּרייט אומענדלעכע אײַז־פּעלדער, צעשניטענע דורכ שמאָלע לאַנגע שפּאַלטנ. עס איז אוועק א שאָ נאָכ א שאָ. דאָס בילד האָט זיך ניט געביטנ. עס האָט אַלץ געלויכטנ די זונ, און אונטנ האָט זיך געשפּרייט א פאַרגליווערטער אָקעאַנ אײַז.

6 אזייגער מיט 35 מינוט זײַנען מיר דורכגעגאַנגענ איבערנ פּאָליוס. ווענ ניט דער שטורמאַנ זשוקאָוו, וועלכער האָט מיטגעטיילט דעמ קאָמאַנדיר וועגנ דער דאָזיקער געשעעניש דורכנ אינערלעכנ טעלעפאָנ, וואָלטנ מיר גאָרנישט באַמערקט.

איך האָב ארויסגעשלעפּט מײַנ „לייקע“ און האָב געפּאָטערט גוטע צוואַנציק קאַדרענ פּאָטאָ־סטענגע, קעדיי אויפצוכאַפּנ די דאָזיקע היסטאָרישע מינוט.

אַגעוו, האָבנ מיר געמוזט דעמ פערלעכנ טייל פונ דער פּראָגראַמ פאַרקירצנ ביזנ מינימומ און פאַרנעמענ זיך מיט אונדזערע דירעקטע פליכטנ. די ראַדיאָסטאַנציע פונעמ אינדזל רודאָלפ האָט אונדז איבערגעגעבנ שעווליאָווס באַפעל: קעדיי ניט צו פּאַטערנ קיינ איבעריקנ בענשטאָפ, זוכנדיק דעמ לאַגער, אראָפּנידערנ, פעסטשטעלנ די קאָאָרדינאַטנ, אײַנשטעלנ א ראַדיאָ־פאַרבינדונג, קעדיי דערנאָכ שוינ זיכער אריבערפליִענ אפ דער דרייפ־סטאַנציע. איצט האָבנ מיר געדאַרפט אויפזוכנ א פּאַסיקנ אײַזפעלד און זעצנ זיך אפ אימ בעשאָלעמ.

אלעקסייעוו האָט אָנ גרויס מי אויסגעקליבנ א קריִע, דער שטורמאַנ האָט אראָפּגעוואָרפנ א רויכ־ראַקעטע, קעדיי צו באַשטימענ די קראַפט און די ריכטונג פונעמ ווינט, און מיר האָבנ אויסגעצייכנט אראָפּגענידערט. דער אעראָדראָמ איז געווענ א גלענצנדיקער — א גראָבער אײַז, אײַנגעהילט אינ א שניי־דעקע א האַלבנ מעטער טיפ.

מיר האָבנ זיך געפונענ אפנ פּאָליוס אָדער יעדנפאַלס ערגעץ נאָענט פונ אימ!

זשוקאָוו האָט גענומענ אײַנרעגולירנ די ראַדיאָ, וואָס האָט בא אימ עפּעס קאַפּריזעט. אָבער אינ אונדזער שטורמאַנס דערפאַרענע הענט האָבנ זיך די קאַפּריזנ פונ דער ראַדיאָסטאַנציע באַרויִקט, און אינ צוויי שאָ ארומ נאָכ אונדזער אראָפּנידערנ אפנ אײַז האָט שוינ זשוקאָוו גערעדט מיטנ אינדזל רודאָלפ.

פונ דאָרטנ האָט מענ אונדז אָנגעזאָגט, אַז מאָלאָקאָוו האָט געפונענ דעמ לאַגער און האָט זיכ שוינ פאַרייניקט צו וואָדאָפּיאַנאָוו. ווו איז מאַזורוק איז ניט באַוווּסט, ווײַל עס האָט זיכ איבערגעריסנ די פאַרבינ־דונג מיט אימ.

...ווענ איכ האָב, ליגנדיק הײַנט אינ פליגל פונ אעראָפּלאַנ אינ מײַנ שלאָף־זאַק, גענומענ אופשטעלנ אינ זיקאָרנ אַלע געשעענישנ פונ דעמ דאָזיקנ היסטאָרישנ טאָג, האָט מיכ מער פונ אַלצ געוווּנדערט די וואָכ־קײַט פונ אונדזערע איבערלעבונגענ.

אינ משך פונ זעכציק טעג האָבנ מיר זיכ געריסנ צומ געגאַרטנ פּונקט, ווו עס קרייצנ זיכ איבער אַלע מערידיאַנענ פונעמ ערד־קײַלעכ. הײַנט האָבנ מיר אימ דערגרייכט, אָבער דער געדאַנק וועגנ דעמ ברענגט קיינעמ פונ אונדז ניט אינ קיינ פּאַטעטישער שטימונג.

אויב מע קאָנ ריידנ וועגנ עפּעס מײַנע ספּעציעלע פּערזענלעכע איבערלעבונגענ, איז, עפּשער, די סאַמע שטאַרקסטע איבערלעבונג די אומרויִקײַט פאַרנ גוירל פונ מאַזורוקס עקיפּאַזש און פונ אַליאָשענ (דאָגמאַראָוונ), וועלכער איז אַרויסגעפלויגנ פונ רודאָלפ צוזאַמענ מיט אימ.

עס האָט זיכ געמאַכט אַזוי, אַז נאָכ סאַמע אָנהייב פונ דער עקספּעדיציע האָבנ מיר זיכ צוזאַמענ מיט אימ באַזעצט אינ איינ צימער, נאָענט זיכ באַפרײַנדעט און דערנאָכ האָבנ מיר זיכ שוינ מער ניט געשיידט.

ווענ איכ פלעג אַפנ אינדזל רודאָלפ אַרויספליִענ אַפנ „אַו—2" בײַמ די פילצאָליקע וועטער־אויסשפּירונגענ, פלעגט דאָגמאַראָוו ניט גיינ עסנ מיטיק, וואַרטנדיק אַפ מיר. שאָענווײַז פלעגט ער אָפּשטיינ אַפנ גאַס, נאָכשפּירנדיק נאָכ מײַנ אעראָפּלאַנ. איכ, פונ מײַנ זײַט, האָב אימ אויכ געענטפערט פּונקט מיט אַזאַ וואַרעמענ געפיל.

איכ האָב אימ ליב געקראָגנ, ווי אַנ איבערגעגעבענעמ טרײַענ פרײַנט, ווי אַנ אָנפירער א קאָמוניסט.

און אָט אַצינד, קאָנ זײַנ, זײַנענ די כאַווײרימ און אַליאָשע אינ א צאָרע, און מיר קאָנענ זיי מיט גאָרניִשט ניט העלפנ.

...אַרומ האַלבנ טאָג האָט דער וועטער אינעמ ראַיאָנ פונ אונדזער אַראָפּנידערונג גענומענ קאַליע ווערנ. עס האָט אָנגעהויבנ פאַלנ א געדיכטער שניי. עס האָט גענומענ בלאָזנ א שטאַרקער ווינט. מיר האָבנ

אָנגעצויגנ די ציכנ אַפֿ די מאָטאָרנ אונ האָבנ זיכ געלייגט שלאָפֿנ אינעמ אַעראָפּלאַנ. אינ שלאָפֿ-זאַק איז געווענ וואַרעמ אונ היימלעכ.

נאָכ דער שטענדיקער האַוועניש אונ שטענדיקער אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג, וואָס האָט געהערשט אַפֿנ אינדזל רודאָלף, האָב איכ מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגנ אויפֿגענומענ די רויִקייט אונ שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַפֿ דער קריע. דעמ שטילשווייגנ אַפֿנ פּאָליוס שטערט נאָר דער ווינט, וואָס וויעט הינטער דער וואַנט פֿונ אונדזער מעטאַלענעמ קאַסטנ, אונ דאָס גלייכמעסיקע הודזשענ פֿונעמ פּרימוס, וואָס דערוואַרעמט די צייטווייליקע וווינונג פֿונ דעמ עקיפּאַזש פֿונ „פּססר נ—172“.

איכ בינ געשלאָפֿנ אָנ כאַלוימעס, אונ, ווענ אַנאַטאָלי דימיטריעוויטש האָט מיכ זיבנ אַזייגער אינ אָוונט אויפֿגעוועקט, האָב איכ פֿונ שלאָף, אינ מעשעכ פֿונ עטלעכע מינוט, ניט געקאָנט אָפּגעבנ זיכ אַ דינוועכעזשבנ, ווו איכ געפֿינ זיכ.

פֿונ דעמ מאָמענט אָנ, זינט מיר האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזנ אַפֿנ אייז, איז שוינ אַריבער מער פֿונ צוועלף שאָ. דאָס לעצטע מאָל האָבנ מיר ווי געהעריק אָפּגעגעסנ נאָכ נעכטנ אינ אָוונט. דער הונגער האָט זיכ געלאָזט שטאַרק פֿילנ. באַנאַנד מיט ווילענסקינ האָבנ מיר זיכ גענומענ מאַכנ מיטיק. מיר האָבנ געעפֿנט קאָנסערווג, אָפּגעקאָכט אַפֿנ פּרימוס אַנ אַרבעס-זופּ אונ צוגעפּרעגלט סאָסיסקעס, דערנאָכ האָבנ מיר אויפֿגעזאָדנ טיי. ווענ דער מיטיק איז געוואָרנ פֿאַרטיק, האָבנ מיר אויפֿגעוועקט די איבעריקע מיטגלידער פֿונעמ עקיפּאַזש אונ גאַנצ פֿיינ אָפּגעגעסנ. צומ שלום פֿונ אונדזער ערשטנ מיטיק אַפֿנ פּאָליוס האָבנ מיר געטרונקענ טיי מיט קאָניאַק אונ ציטרינ.

נאָכ מיטיק האָבנ מיר זיכ פֿאַרנומענ מיט די פּערזענלעכע איניאָנימ. זשוקאָוו האָט געעפֿנט אַ פּאָסט- אונ טעלעגראַפֿ-אַגענטור אונ האָט געמאָלדנ, אַז ער נעמט אָנ פּריוואַטע טעלעגראַמעס אַפֿנ קאָנטינענט.

צו האַלבער נאַכט האָט זיכ דער וועטער פֿאַרבעסערט. דער ווינט איז געוואָרנ שטילער, אונ דורכ די שפּאַלטנ פֿונ די וואָלקנס האָט זיכ באַוויזנ די זונ. באַנאַנד מיט אַלעקסייעווונ האָבנ מיר באַטראַכט דעמ אַעראָדראָמ. דער פּלאַצ האָט אונדז אויסגעוויזנ צו זיינ גוט פֿאַרנ אַרופֿלי.

דערווייל איז אַלצ אינ אָרדענונג. מאָרגנ האָפֿנ מיר זיכ אָנצושליסנ צו אונדזערע כאַווייריִמ אינ לאַגער.

די סטאנציע „צאָפנ־פאָליוס"

מיר פליִענ אריבער אינ לאגער. ווו איז מאזורוק? דער בוינג־פיבער. מיר הערנ מאָסקווע. די טעלעגראפנ־אגענטור „צאָפנ־פאָליוס".

27 מײַ.

מיר האָבנ הײַנט באשלאָסנ עסנ אָנבײַסנ אינ לאגער צוזאמענ מיט אלעמענ. נאָר, ווײַזט אויס, „אז א מענטש טראכט, אונ די ארקטיק לאכט". אינדערפרי איז ווידער געווענ כמורנע, אונ ארויספליִענ איז געוועזנ אוממעגלעכ. אינ רעזולטאט האָט נעבעכ געליטנ א באנקע פונ פאפאנינס שפּײַז־רעזערוו.

אפ די אייגענע מאגנס האָבנ מיר דורכגעקאָנטראָלירט דעם שפּײַז־רעזשים פונ די פיר ווינטערער. נו, באומרויקנ זיכ פאר זיי איז ניטאָ וואָס! דער אינסטיטוט פונ געזעלשאפטלעכער דערנערונג האָט דורכגעמאכט א גלענצנדיקע ארבעט. וואָס נאָר עס איז ניט געווענ אינ אָט דער באנקע! נאָכדעם, ווי מיר האָבנ געמאכט זייער ניט קיינ קאָמפּליצירטנ אריפמעטישנ כעזשבנ, האָבנ מיר פעסטגעשטעלט, אז איינע אזא באנקע איז מער ווי גענוג אפ צו דערנערנ אלעקסייעווס גאנצנ עקיפאזש מינימומ זעקס טעג. גאנצ גרויסע קולינארע פייִקייטנ האָט ארויסגעוויזנ עזרע ווילענסקי. מיט געהיימער אָפּשטימונג האָבנ מיר אימ אויסגעוויילט פאר אונדזער שטענדיקנ קאָכ.

צו האלבנ טאָג האָט זיכ די זעעוודיקייט עטוואָס פארבעסערט. אלעקסייעוו האָט אָפּגעגעבנ א באפעל ווארעמענ די מאָטאָרנ.

ס'האָבנ גענומענ הודזשענ די פּרימוסנ. זשוקאָוו האָט איבערגעגעבנ אינ לאגער, אז מיר פליִענ אינגיכנ ארויס. באנאנד מיט אנאטאָלי רימי-

ט־יעוויטשנ. האָבנ מיר נאָכאמאָל, אפ יעדנ פאל, באקוקט דאָס אײַז־פעלד. אײניקע בערגלעכ האָבנ אונדז אויסגעוויזנ פארדעכטיק. צוויי פונ זיי האָב איכ מיט שמאנדינס אונ גינקינס הילפ אראָפגעהאקט, אויסנוצנדיק די פרימיטיווע אינסטרומענטנ, וועלכע מיר האָבנ געהאט אינ אונדזער רעשוס. דעמ דריטנ האָבנ מיר אויסגעפארבט אפ רויט, אז מע זאָל אימ בעסער זענ באמ ארופלי.

מיר האָבנ שטארק מוירע געהאט, אז עס וועט זײַנ שווער צו רירנ די מאשינ פונ אָרט. מיר האָבנ צוגעגרייט דאָמקראטנ אפ אופצוהייבנ די מאשינ, אויסגעהאקט אפריער גריבלעכ אינ אײַז פאר די דאָמקראטנ. אָנ׳ער עס האָבנ זיכ צערעוועט די מאָטאָרנ, אונ די מאשינ האָט זיכ טראָץ אונדזערע אלע דערווארטונגענ לײַכט א ריר געטאָנ פונ אָרט.

מיר האָבנ אָנגעהויבנ רודערנ קעגנ ווינט. אלעקסייעוו האָט דערלאנגט פולנ גאז, דער אעראָפלאנ איז אוועק צומ ארופלי אונ בא א שנעלקײַט פונ זיבעציק קילאָמעטער... האָט ער זיכ ארײַנגעשניטנ אינ א ריזיק צוויימעטראָווג אײַז־בערגל.

עס האָט אויסגעפעלט פלאצ אפ פאנאנדערלויפנ זיכ. דאָס, וואָס מיר האָבנ ניט צעשמעטערט די מאשינ, איז פאָשעט א נעס. דער אעראָפלאנ האָט א פיק געטאָנ מיט דער נאָז אונ האָט זיכ אָפגעשטעלט מיט אנ אומאָנגענעמענ סקריפ.

מיר זײַנענ ארויסגעשפרונגענ פונ דער קאבינע אונ באטראכט אונדזער שיפ. אלצ איז געווענ גאנצ, אונ בלויז אינ דעמ עק־טייל פונעמ פיוזעליאזש האָבנ מיר געפונענ צוויי קנייטשנ.

אינ אנ אנדער לאגע וואָלט מענ ווידער געקאָנט פילאָזאָפירנ אפ דער טעמע וועגנ גוירל, מאזל, גליקלעכנ שטערנ אונ נאָכ אזעלכע זאכנ. אָבער איצט איז ניט געווענ קיינ צײַט פאר אזעלכע בקירעס, מיר האָבנ זיכ ווידער געזעצט אפ אונדזערע ערטער, אונ אלעקסייעוו האָט געגעבנ גאז. אויכ דאָס מאָל האָט זיכ אונדז ניט אײַנגעגעבנ אָפצורײַסנ זיכ.

דרײַ מאָל האָט אלעקסייעוו געפרווט ארופליִענ, אונ דרײַ מאָל האָבנ די פארשאָלטענע בערגלעכ אונדז פארצאמט דעמ וועג!

מיר האָבנ אויסגעשלאָסנ די מאָטאָרנ. וואָס טוט מענ? קעדיי אָפצוווייניקנ דעמ „אעראָדראָמ“ פונ די אײַז־בערגלעכ, וועלנ מיר דארפנ פארטערנ ניט איינ טאָג אָנגעשטרענגטע ארבעט פונעמ גאנצנ עקיפאזש.

מאָלאָקאָוו איז געקומענ צו פליִענ אפנ פאָליוס.

אונ אפ אונדז ווארט מענ אינ לאַגער מיט אומגעדולד: מיר פארהאלטנ די גאנצע עקספעדיציע.

פונ א ציכ, וואָס מיר האָבנ צעשניטנ אפ שטיקלעכ, אונ פונ פאַ=פאַנינס א ברעט (אָרעמער פאפאנינ!) האָבנ מיר געמאכט פענדלעכ. אנאטאָלי דימיטריִעוויטש אונ ווילענסקי האָבנ מיט די דאָזיקע פענדלעכ געצייכנט דעם אעראָדראָם. איכ האָב אראָפּגעהאקט דאָס סאמע גע=פערלעכע בערגל, אונ מיר האָבנ ווידער געפרוווט ארופליִענ.

אלעקסייעוו איז געזעסנ באם שטורוואל, איכ בינ געשטאנענ אפנ זיצ=פלאצ פונ רעכטס אונ האָב אכטונג געגעבנ אינ אייג אונ דער זעלבער צייט נאָכ דער ליזשע, קעדיי צו באשטימענ דעם אָפרייס=מאָ=מענט, נאָכ די פענדלעכ אונ נאָכ די בערגלעכ פאָרויס. באם לעצטנ—אכטנ—פענדל, בוכשטעבלעכ עטלעכע מעטער פונ א בערגל, האָט זיכ די מאשינ מיט גרויס מי אָפּגעריסנ פונ דעם אייז, אונ מיר זיינענ ניט אריבערגעפלויגנ, נאָר אריבערגעפויזעט איבער א ברייטנ שפאלט אינ אייז, וואָס איז אומדערווארט דערשינענ פאר אונדז.

יאָ, אָט דאָס איז געווענ אנ ארופלי!..

אינ לאגער ארייִנ האָט אונדז געבראכט דער ראדיאָ=קאָמפאס. אינ=דערלופטנ זיינענ מיר געווענ סאכאקל 27 מינוט. דער לאגער=פלאצ האָט זיכ פאר אונדז אנטפלעקט פונ דער וויִט. צוערשט האָבנ מיר דער=

זענ די אעראָפּלאנענ, באלויכטענע פונ דער זונ, דערנאָכ — די מאסטנ פונ קרענקעלס ראדיאָסטאנציע, די בײַדלעכ און, שוינ פליענדיק אינערנ לאגער,—די מענטשנ, וועלכע האָבנ דאָרט ארומגעהאוועט. באקומענדיק דורכ ראדיאָ שעוועליאָווס אָנווײַזונגענ, ווו און וויאזוי אראָפּצונידערנ, האָבנ מיר זיכ אָנגעהויבנ אראָפּלאָזנ.

באגעגנט האָט מענ אונדז אינ לאגער זייער ווארעמ. דער געפיל איז בא אונדז אזא, פונקט ווי מיר וואָלטנ זיכ ניט געזענ א גאנצ יאָר. מיר האָבנ זיכ שטארק צעקושט מיט אָטאָ יוליעוויטשנ און מיט אלע יאטנ.

צערטלעכ שײַנט די זונ, און אפנ הארצנ איז רויִק און לויטער, ווײַל מיר זײַנענ ווידער אלע צוזאמענ. עס דריקט בלויז דער געדאנק וועגנ דעמ, אז פונ מאזורוקנ זײַנענ נאָכ ניטאָ קיינ יעדיִעס.

ניט פארלירנדיק קיינ איבעריקע צײַט, האָבנ מיר זיכ גענומענ צומ אויסלאָדנ די שיפּ. ווענ עס האָט זיכ געענדיקט דער אווראל, האָבנ מיר באשלאָסנ אָנטאָנ זיכ ווײלטיק און אָפּעסנ א פײַנעמ מיטיק. ווילענסקי, וועלכער האָט זיכ שטארק גרויס געהאלטנ מיט זײַנ ערנ=טיטל פּאָליארער קאָכ, האָט אײַנגעלאדנ צו אונדז אפּ מיטיק אפילע אָטאָ יוליעוויטשנ.

נאָר, אז אָכ און ווײ געשריגנ, אינ דעמ טאָג האָבנ מיר געהאט אויסצושטיינ ביזיוינעס. דאָס ערשטע געריכט איז ניט געלונגענ. דעמ באָרשטש האָט מענ געמוזט ארויסווארפנ און קאָכנ א צווייטנ. די הינערשע קאָטלעטנ פונ פּראָשעק האָבנ זיכ אלע צעשאָטנ, און מיט גרויס מי איז אונדז געלונגענ זיי ווי=ניט=איז צונויפּקלעפּנ. מיר האָבנ באשלאָסנ מעכאבעד זײַנ דעמ גאסט כאָטש מיט דעסערט. מיכ האָט מענ באופטראָגט אָפּקאָכנ א קיסעל, נאָר אָנשטאָט קיסעל האָט זיכ בא מיר באקומענ א זויערער מאָרס. מײַנ ארבעט האָט געלויבט נאָר אָטאָ יוליעוויטש, און דאָס אויכ, אפּאָנעמ, אויס העפלעכקײַט.

נאָכ מיטיק האָבנ מיר זיכ דורכגעשפּאצירט איבערנ לאגער. ס'ארא יאטנ! זיי האָבנ שוינ באוויזנ אויסצובויענ דאָ א גאנצע שטאָט. דער אעראָדראָמ איז אויסגעבויט לויט אלע קלאָלימ פונ דער אוויִאציע=קונסט. פינקטלעכ לויט דער ליניִקע שטייענ די אעראָפּלאנענ, לעבנ זיי די בײַדלעכ. א ווינט=מאָטאָר לאָדט אָנ די אקומוליאטאָרנ. עס הייבט זיכ דער מאסטבוימ פונ דער ראציע. קרענקעל האָט אויס=



מע לאָדט אויס דעם אעראָפּלאַן „פּססר נ־־־172״.

געבויט פון אײַז א ראַדיאָסטאַנציע מיט א מאַשין־אָפּטייל. קרענקעלס אײַז־שטוב איז צוגעדעקט מיט א טאָרמאָז־פּאַראַשוט פון דעם פּלאַנ־מאַן. ווען דער פּלאַנמאַן האָט געהאַלטן באַם אראָפּנידערן, האָט דער פּאַראַשוט זיך געעפנט נאָרמאַל, ער האָט זיך אָבער אָפּגעריסן. פּאַ־פאַנגען האָט זיך, ווי שטענדיק, ניט פאַרלוירן און האָט אים אויס־גענוצט אַלס דאַך פאַר דער ראַציע.

28 מײַ.

אין לאַגער פון דער סטאַנציע „צאָפּן־פּאָליוס" הערט ניט אויף די אַרבעט א קײַלעכדיקן מעס־לעס. מיר פאַרגעסן ניט וועגן דעם, אַז ווי נאָך אַהער וועט אַריבערפליען מאַזורוק און מיר וועלן אויסלאָדן זײַן מאַשין, וועלן מיר מוזן, ניט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, פאַרלאָזן דעם לאַגער.

יעדער איבעריקער טאָג, וואָס מיר פאַרברענגען דאָ, שפּיגלט זיך, כאָטש ניט זייער היפּש, נאָר דאָך אָפּ אויף די שפּײַז־רעזערוון פון דער פּאַפּאַנישער גרופּע. מיר מוזן אויך דיסקאָנטירן, אַז דער אָנקומענדי־קער זומער פאַרקלענערט מיט יעדן טאָג אונדזערע שאַנסן גיך און בע־

שאָלעמ אומצוקערנ זיכ אפנ קאָנטינענט. ניט נאָר אינ כאָלמאָגאָרי אונ אינ גאריאנ=מאר, נאָר אפילע אינ אמדערמע וועט שוינ אינ א וואָכ—צוויי ארומ זײַנ אומעגלעכ אראָפּצונידערנ אפ ליזשעס.

וויסנדיק וועגנ דעמ, אז אונדז וועט ניט אויסקומענ לאנג פארהאלטנ זיכ אינ פּאפּאנינס לאגער, באמיִענ מיר זיכ אויסצונוצנ יעדע שאָ פונ אונדזער זײַנ דאָ, קעדיי צו העלפנ די ווינטערער וואָס בעסער אויסצושטאטנ די פּאָליאר=סטאנציע אונ וואָס געמיטלעכער אײַנצואָרדענענ זייער פּערזענלעכנ לעבנ.

אפנ „פּססר נ—172“ האָבנ מיר געבראכט פאר דער פּאפּאנישער גרופּע דערנערונג, ברענשטאָפּ אינ גומענע באלאָנען אונ דאָס וויכטיקסטע וווינונגס=בײַדל פונ דער פּאָליאר=סטאנציע.

דאָס איז א גאנצע שטוב פונ איידער=פּוכ אפ א קארקאס פונ אליומיניומ=טרײַבלעכ. אינווייניק איז עס באצויגנ מיט גומי=צײַג אונ פונ דרויסנ באדעקט מיט שווארצנ ברעזענט, וואָס קאָנדענסירט די זונ=שטראלנ. עס באקומט זיכ א קוילעטש מיט א געפילעכצ פונ איידער=פּוכ.

אפ דער אויסערלעכער וואנט פונ פּאפּאנינס הויז איז מיט גרויסע ווײַסע בוכשטאבנ אָנגעשריבנ:

„פּססר. דרייפ=עקספּעדיציע פונ „גלאווסעוומאָרפּוט“.

הײַנט האָבנ די פּאפּאנינצעס אופגעמאָנטירט זייער פּרעכטיק הויז אונ האָבנ עס אויסגעשטאט פונ אינווייניק. דער דיל איז צוזאמענגעשטעלט פונ גומענע אָנגעבלאָזענע גראָדעקנ מאטראצנ, אפ זיי האָט מענ ארופגעלייגט ברעטער, באדעקט מיט פעלנ. דערנאָכ האָבנ זיי צעשטעלט דעמ טיש, די שטולנ אונ פיר בעטנ. אפ די בעטנ האָבנ זיי ארופגעלייגט 'שלאָפּ=זעק. דערנאָכ האָבנ זיי אופגעהאנגענ א גומענע אָנגעבלאָזענע טיר, וואָס פארהאקט זיכ הערמעטיש מיט גומענע אמאָרטיזאטאָרנ. פונ פּינקטלעכ אָנגעזעגטע שניי=קוביקעס ווערט אויסגעבויט א קיכ אונ א פירהויז. אנ אויסגעצייכנט הויז!

...מיט מאזורוקנ איז אונדז נאָכ ביז הײַנט ניט געלונגענ אײַנצושטעלנ א דירעקטע פארבינדונג. מיר פארקערנ מיט אימ דורכנ אינדזל דיקסאָנ.

א מערקווירדיקע דערשײַנונג: מאזורוק געפינט זיכ גאָר נאָענט לעבנ אונדז, אפ א שטרעקע פונ עטלעכע צענדליק קילאָמעטער, אָבער מיר



די וווינונג־בויונג אפנ צאָפנ־פּאָליוס.

הערנ אימ ניט, אונ ווײַטע סטאנציעס שמועסנ זיכ מיט אימ אויסגעצייכנט דורכ.

29 מײַ.

א וווּנדערלעכער זוניקער טאָג. וואַרעמ—די טעמפּעראטור איז מינוס 4. מיט מאזורוקנ האָבנ מיר נאָכ אלצ ניט אײַנגעשטעלט קיינ פאַרבינדונג, כאָטש סטראָמילאָוו רופט יעדע שאָ אינ מעשעכ פונ פופצנ מינוט ארויס דעמ „פּססר נ—169“.

די אָנפירונג האָט באשלאָסנ שיקנ צו הילפ מאזורוקנ מאָלאָקאָווס ערפּלאנ. די אופגאבע איז אופזוכנ דעמ „פּססר נ—169“, אראָפּגעמענ פונ אימ א טייל פּראכט, קעדיי לײַכטער צו מאכנ די מאשינ, העלפנ אָפּרײַניקנ דעמ אעראָדראָמ אונ צוזאמענ מיט אימ קומענ צו פליִענ אינ לאגער.

16 אזייגער מיט 15 מינוט האָט זיכ דער „פּססר נ—171“, פּילאָטירט פונ מאָלאָקאָוונ, אופגעהויבנ אינדערלופטנ. אפנ באָרט איז דער שטעלפארטרעטער פונ דעמ עקספּעדיציע־שעפ שעוועליאָוו. איכ פלי אלס באאָבאכטער.

זיך אויפֿגעהויבן אין דער הייך פֿון טויזנט מעטער, פֿאַרשט מאַלאַ־קאָוו אויפֿמערקזאַם אויס דעם ראַיאָן פֿון מאַזוראָקס וואַרשײַנלעכער אַראָפּנידערונג. אָבער, ווײַזט אויס, צוליב די נידעריקע וואָלקנס און דעם נעפּל איז ניט געלונגען צו געפֿינען דעם אַעראָפּלאַן. אָפּגעוועגן אין דער לופֿט באַ אַ שעה, קערט זיך מאַלאַקאָוו צוריק אום אין לאַגער. אומ־ווּסט געפּאַטערט טויזנט ליטער בענזין.

סאַמע פֿאַר אונדזער אַראָפּנידערונג איז סטראָמילאָוון ענדלעך גע־לונגען פֿאַנגען דעם „פּססר נ—169“.

אַקוראַטאָוו טײלט מיט:

„די אַרבעט פֿון דער ראַציע אין מאַלאַקאָווס אַעראָפּלאַן הער איך... די גרונט־ראַדיאָ איז קאַליע געוואָרן. איך וועל אַרבעטן 20 אַזייגער אין דער כוואַליע 625“.

20 אַזייגער הערן אַלע ראַדיסטן אין לאַגער מאַזוראָקן. עס גיט זיך אַצינד אײַן אײַנצושטעלן מיט אים אַ צווייזײַטיקע פֿאַרבינדונג. אין דער קרײַע איז אַלץ אין אָרדענונג. דער אַעראָפּלאַן איז גאַנץ, די מענטשן — מונטער און געזונט. דער עקיפּאַזש איז באַשעפֿטיקט מיטן צופֿרייגיקן דעם פּלאַץ פֿון די בערגלעך. זײַנע קאָאָרדינאַטן האָט אַקו־ראַטאָוו ניט מיטגעטיילט; אין דער זון האָט ער זיי ניט געקאָנט באַ־שטימען.

אַלע האָבן זיך באַרויקט. איצט דאַרף מען אויסוואַרטן אין וועטער, ווען דערלויבן מאַזוראָקן אַריבערפֿליִען אין לאַגער און אָנ־שליסן זיך אין אונדז.

...אומגעקערט זיך פֿון פֿלי, האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט אויס־זוכן אַ אײַז־ציגל פֿאַר די באַהילפֿיקע געבײַדעס פֿון דער סטאַנציע.

די ווינטערער זײַנען שוין אַריבערגעפֿאָרן פֿון די בײַדלעך אין זייער הויז. שניי און אײַז זײַנען דער גרונטיקער בוי־מאַטעריאַל אין פּאָ־ליוס. פֿון שניי איז אויסגעבויט דער ראַדיאָ־צימער, די מאַשין־אָפּטיי־לונג און מע פֿאַרענדיקט בויען די קיך.

עס איז אויפֿגעמאָנטירט געוואָרן די עלעקטראָסטאַנציע מיטן ווינט־כּמאַטאָר. די דאָזיקע סטאַנציע טראָגט אַ שטאָלצן נאָמען: „פּאָליוסגעס“ (מעלוכישע עלעקטראָסטאַנציע). די פּאָליאַרע ווינטן לאָדן פֿלײַסיק אָן זיי אַקומוליאַטאָרן.

באַטאָג בין איך אײַנגעלאָדן אין מיטיק צו פּאַפּאַנינען. דער

דער קאָמאנדיר פונעמ פלי־אָטריאד מ. וו. וואָדאָפּיאנאָוו.

פרײַנטלעכער איוואנ דימיטריעוויטש האָט אָנגעקאָרמעט ביז איבערנ האלדז. אלצ, וואָס פּאפּאנינ גרייט צו מיט זײַנע הענט, איז אויסערגעוויינלעכ געשמאק. ער קענ אונ האָט ליב מעכאבער צו זײַנ. דאָס סאמע אינטערעסאנטע איז אָבער—פּאפּאנינס האכאָנעס צו מיטיק. עס איז קעדײַ אָנצוקוקנ, מיט וואָס פאר א פארדײַגעט אונ ערנסט פּאָנעמ ער שמײַעט ארומ זײַנע פרימוסנ אונ פארזוכט אלע ווײַלע מיטנ לעפל דאָ איינס, דאָ א צווייט געריכט.

30 מײַ.

ווי פריִער שטייט א וואונדערבארער פרילינג־וועטער. לויטנ סאָוועטישנ קאלענדאר איז אנ אָפּרו־טאָג. אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז בא אונדז אויכ הײַנט די שטימונג א יאָנטעוודיקע. מיר זײַנענ אופגעשטאנענ צוועלפ אזייגער, זיכ געוואשנ, געפוצט אונ געגאָלט...

הײַנטיקער טאָג איז רײַכ מיט געשעענישנ.

ערשטנס, האָט זיכ אונדזערע ראדיסטנ אײַנגעגעבנ איינצושטעלנ א טעלעפאָנישע פארבינדונג מיט מאזורוקנ. עס איז א סאכ אָנגענעמער

און באַקוועמער אָנגעטאָן פונקטן און מירע, וואָס מע מוז זיי פאַ־גאַנדערשיפירן, צו הערן די לעבעדיקע שטימען פון כאַווייִרים.

צווייטנס, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ טעלעפאָנישער געשפּרעך מיט אונדזער מעכטיקן ראַדיאָ־קנופּ אויפן אינדזל דיקסאָן.

דריטנס, איז ערנעסט קרענקעל געלונגען פּאַקן מאָסקווע. די סטאַנ־ציע „קאָמינטערן" האָט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס פונעם ראַטנ־פאַרבאַנד און פון אויסלאַנד.

און אין אָוונט האָבן מיר געהאַט נאָך איינעם, דעם סאַמע וווּנ־דערבאַרן סורפּריז. אויפן אייז־פעלד האָט זיך דערהערט די שטים פון דעם פאָלקס־אַרטיסט קאַטשאַלאָוו, וועלכער האָט באַגריסט אונדזער עקספּעדיציע. דערנאָך האָבן געזונגען נעזשדאַנאָוואַ, קאָזלאָווסקי און רייזען, עס האָט געשפּילט דער פידלער אויסטראַך. דאָס איז געווען אַ קאָנצערט, וואָס מאָסקווע האָט אָרגאַניזירט ספּעציעל פאַר אונדזער עקספּעדיציע.

פריילעכע, אין אַ געהויבענער שטימונג, האָבן מיר זיך לאַנג ניט געלייגט שלאָפן. בראָנטמאַן האָט געשפּילט מיט אָטאָ יוליעוויטש אין שאָך. איך בין אָפּגעזעסן ביז צוויי אַזייגער פאַרטאָג אין דער קאַ־בינע פון „פּססר נ—170", קוויקנדיק זיך מיט דער גלענצנדיקער אַר־בעט פון דעם ראַדיסט סטראָמילאָוו.

פאַרן לייגן זיך שלאָפן האָט זיך בא אונדז צעפלאַקערט אַ הייסער דיספּוט וועגן דער פראַגע, ווי... אַראָפּצונעמען די דרייפ־סטאַנציע. ווי־לענסקי האָט באַהויפּט, אַז מע קאָן אויסנוצן דערצו דעם עראָפּלאַן „צקב—26", וועלכער וועט קאָנען, בא אַ דורכשניטלעכער גיכקייט פון 270 קילאָמעטער אַ שאָ, דערפליִען ביזן פּאָליוס אָן אַן אַראָפּנידערונג.

איך און אַלעקסייעוו האָבן דערווידערט, אָנגוויזנדיק, אַז די דורכ־שניטלעכע גיכקייט פון דעם טיפּ מאַשינען וועט זיין ניט מער פון 220—230 קילאָמעטער, און דער עראָפּלאַן וועט זיין געצוווּנגען אַראָפּצונידערן אין וועג, קעדיי צו נעמען בענזין. אגעוו, זיינען די דאָזיקע שטרייטן אַ ביסל פּריצייטיק און טראָגן גיכער אַן אַקאַדעמישן כאַראַקטער. דערווייל שטייט נאָך אונדז פאַר אַליין אַריבערצופּעקלען זיך אויפן קאָנטינענט.



פאַפּאַנין און פּיאָדאָראָוו.
שניי און אײַז זײַנען דער גרונטיקער בוי־מאַטעריאַל אויפֿן פּאָליוס.



דער קינאָאָפּעראַטאָר טראָיאַנאָווסקי בײַ דער אַרבעט.

31 מײַ

דער װעטער הייבט אָן קאַליע צו װערן. עס איז װאַרעם, װי פריִער, אָבער דורכויסיקע װאָלקנס האָבן באַדעקט דעם האָריזאָנט, און די זעעװדיקײַט איז געפאַלן ביז איינס—צװיי קילאָמעטער.

איצט איז דאָס זייער ניט צו דער צײַט. מאַזורוק האָט שוין צוגעגרייט דעם אַעראָדראָם, און די מענטשן איז נאָר אין װעטער.

מיר װאַרטן אפן „פּססר נ—169" מיט אומגעדולד. נעכטן האָט מען אונדז פון אַמדערמע מיטגעטיילט, אַז נאָכן 10—15 יונ װעלן זיי ניט ריזיקירן אופצונעמען אונדזערע שװערע אַעראָפּלאַנען אפ ליזשעס.

דער שװערסטער טייל פון דער אופגאַבע, װאָס שטייט פאַר אונדז, איז דערקלײַבן זיך ביזן אינדזל רודאָלף. די זאַך באַשטייט אין דעם, װאָס מיר האָבן ניט גענוג בענזין, און אײַנגיין אפ דעם, אַז מיר זאָלן נעמען כאָטש איין ליטער פון פּאַפּאַנינס רעזערװ, קאָנען מיר, פאַרשטייט זיך, ניט. און זײַנע באַשיידענע רעסורסן װעלן אונדז ביכלאַל גאָרניט געבן.

אויסגערעכנט װיפל ברענשטאָף עס איז געבליבן אפ די שיפן, זײַנען מיר געקומען צום אויספיר, אַז אין בעסטן פאַל װעט געלינגען דורך שיפן פון די פיר צו דערפליִען ביזן אינדזל רודאָלף. פאַר דער פערטער שיף װעט קיין בענזין ניט קלעקן. און װאַרשײַנלעכער פאַר אַלץ איז, אַז די דאָזיקע פערטע שיף װעט זײַן אונדזער „פּססר נ—172". מיר פאַרמאָגן סאַכאַקל 3200 ליטער בענזין.

אלס איינע פון די מעגלעכקײַטן האָט די אָנפירונג באַהאַנדלט די פראַגע װעגן דעם, אַז מע זאָל אונדזער שיף איבערלאָזן אפן פּאַליוס און דעם עקיפּאַזש פאַנאַנדערטיילן איבער די איבעריקע אַעראָפּלאַנען. אָבער דער עצעם פאָרשלאָג װעגן דעם רופט אַרויס אַ שאַרפן אופרעגונג באַם עקיפּאַזש פון „פּססר נ—172".

— װי, איבערלאָזן אונדזער אַעראָפּלאַן און אַליין אומקערן זיך קיין מאָסקװע אַלס פּאַסאַזשירן?

און דער גאַנצער עקיפּאַזש בעט אַלעקסייעװן מיטיילן אָטאָ יוליעװיטשן, אַז מיר װעלן פליִען, ביז עס װעט קלעקן ברענשטאָף, און דערנאָך װעלן מיר זיך זעצן אפן אײַז. לויט אונדזערע האַשאָרעס װעט אונדז בענזין קלעקן ביזן 85 גראַדוס. ברענשטאָף װעט מען אונדז דערנאָך ברענגען אפ אַעראָפּלאַנען צום אָרט פון דער אַראָפּנידערונג.



דאָס פּריוואטע לעבנ פונעמ באָרטמעכאניק טוגראָבאָוו.

אונדזער מעכאניק שמאַנדינ זאָגט:

— איכ וועל ניט איבערלאָזנ דעמ עראָפלאנ.

אימ קאָנ מענ גלייבנ, ער איז פייִק צו בלײַבנ אפ דער קריִע ביז איבראיאָר, היטנדיק די שיפ.

אינ אָוונט איז דעמ ראַדיסט איוואנאָוונ געלונגענ אײַנצושטעלנ א צווייזײַטיקע ראַדיאָ־טעלעפאָנישע פארבינדונג מיט מאָסקווע.

גערעדט האָבנ אָטאָ יוליעוויטש אונ שעווליאָוו, וואָדאָפיאנאָוו אונ באבושקינ. דער געשפּרעכ „מאָסקווע—צאָפנ־פאָליוס“ איז דורכגעגאַנגענ זייער געלונגענ. מאָסקווע האָט אונדז פארוואָרפנ מיט פראגנ וועגנ דעמ, ווי:אזוי מיר פילנ זיכ אפנ פאָליוס.

באבושקינ האָט זיכ באקלאָגט:

— אלצ איז אויסגעצייכנט, אָט, א ביליארד פעלט.

1 יונ.

די צײַט האָט זיכ צעפלאָנטערט. א קײַלעכיקנ מעסלעס שפּאצירט די זונ איבערנ הימל אפ איינ הייכ. הײַנט זײַנענ מיר אופגעשטאנענ אכצנ אזייגער. ווער ווייסט, צי עס איז טאָג צי נאכט! עס ראַטעווענ בלויז דער פיר־אונ־צוואנציק־שאָ:קער ציפערבלאט אונ די באדינגלעכע גרינוויטשער צײַט. אניט וואָלטנ מיר גאָר אינגאנצנ פארלוירנ די אָריִענטירונג.

דער געוויטער פאָרהאלט נאָכ אלצ מאזורוקס ארויספלי. עס גייט א געדיכטער שניי. ס׳איז כמורנע.

די עראָפלאנענ שטייענ אינ פולער גרייטקײַט. די ווינונג־בויונג פונעמ יישעוו „צאָפנ־פאָליוס“ איז שוינ קימאט פארענדיקט, אונ פאר אונדז אנטשטייט א פראָבלעמ מיט וואָס אָנצופילנ דעמ לאנגנ אומענדלעכנ טאָג.

מיר לײַדנ זייער שטארק פונ ביכער־מאנגל. אלצ, וואָס מיר האָבנ געהאט, האָבנ מיר שוינ לאנג איבערגעלייענט, אונ מיר נישטערנ איבער די עראָפלאנענ—עפּשער וועלנ מיר געפינענ כאָטש עפּעס א סימענ פונ ליטעראטור. אָבער, צומ באדויערנ, געפינענ מיר קיינ זאכ ניט.

ווידער האָבנ זיכ אפ דער סצענע באוויזנ דאָמינאָ אונ די ליזשעס. איכ האָב באזוכט די גאנצע אומגעגנט פונ דער סטאנציע, דער אײַז איז אומעטומ אנ אויסגעצייכנטער. א בעסער אָרט אראָפ־



דאָס בײַדל פון דער דרייפנדיקער סטאַנציע „צאָפן-פּאָליוס".

צונידערן, ווי עס האָבן אויסגעקליבן וואָדאָפּיאַנאָוו און באַבושקין, וואָלט געווען שווער צו געפינען.

...היינט איז אָנגעקומען אַ ראַדיאָגראַמע פון לענינגראַד פון דעם פּראָפעסאָר וויזע, דעם פאַרטרעטער פון דירעקטאָר פון דעם אַלפאַר־באַנדישן אַרקטישן אינסטיטוט.

אין נאָמען פון אינסטיטוט בעט וויזע אויסשניידן און ברענגען מיט זיך פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אַן אייז־פּלאַסט 70×70 סאַנטימעטער די גרייס, אין דער גאַנצער גרעב פון דעם אייז פון זיין אויבערפלאַך ביזן וואַסער.

מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז דאָס „שטיקעלע" וועט וועגן אָנדער־האַלבן טאָן!

ברענגען אָנדערהאַלבן טאָן אייז וואָלטן מיר, עפּשער, געקאָנט, אָבער וויאַזוי פירט מען אויס, אַז דער אייז זאָל ניט צעגיין? צוליב דעם דאַרף מען אים האַלטן בײַ אַ מינוס־טעמפּעראַטור פון פּאָליוס ביז לענינגראַד.

און היינט איז דאָך דער ערשטער יונג, דער ערשטער טאָג פון אַס־טראָנאָמישן זומער!

2 יונג.

עס איז נאָך אַלץ במורנע און וואַרעם, ווי פריִער. דער טערמאָמע־טער שטייט אויף נול. עס שיט אַ נאַסער שניי.

היינט האָט אונדז דזערדזיעווסקי, וועלכער איז פאַרבליבן אויפן אינדזל רודאָלף, ווו ער פירט אַ זייער וויכטיקע פאַר אונדז סינאָפּ־טישע אַרבעט, צוגעזאָגט אין זיין אָרדנטלעכן מעטעאָראָלאָגישן ביולע־טען אַ גוטן וועטער. דערווייל אָבער זעט מען ניט קיין שום פאַרבע־סערונג.

אין דער צווייטער העלפט טאָג האָט אָנגעהויבן אונטערצופרירן. די טעמפּעראַטור איז געפאַלן ביז מינוס 2. דער נאַסער שניי, וואָס האָט פאַרשאָטן די פליגלען פון די עראָפּלאַנען, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דינע אייז־הייטל. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט אָפּרייניקן די מאַ־שינעס פון דעם אייז־צודעק.

אונדזער אייז־פעלד שטייט ניט אומבאַוועגלעך. עס רוקט זיך אין דער ריכטונג אויף דאָרעם־מיזרעך צו די ברעגעס פון גרענלאַנד. שוין

מיכאיל סערגייעוויטש באבושקינ.

עטלעכע טעג, ווי דער אסטראָנאָמ פיאָדאָראָוו קאָנ ניט צוליב דעמ, וואָס דער וועטער איז א כמורנער אונ עס איז ניטאָ קיינ זונ, פינקטלעכ באשטימענ אונדזער אָרט.

די העלדנ פונ טאָג זײַנענ, ווי פריער, אונדזערע אויגנ אונ אויערנ— די ראדיסטנ קרענקעל, סטראָמילאָוו, איוואנאָוו.

די „טעלעגראפנ-אגענטור“ „צאָפנ-פאָליוס“ איז פארשאָטנ מיט ארבעט. פונ דעמ קאָנטינענט גייט אהער אָנ אנ אויפהער א שטראָמ באגריסונג-טעלעגראמעס. אפ צוריק גייט כוצ די טעלעגראמעס פונ פערזענלעכנ כאראקטער אונ די אָפעראטיווע דעפעשנ—א רײַכע אינפאָרמאציע פאר די צײַטונגענ.

דאָס ראטנלאנד אונ די גאנצע וועלט שטרעבנ צו באקומענ גענויע יעדיִעס וועגנ אונדזער זײַנ אפנ פאָליוס. כוצ די פראָפעסיאָנעלע זשורנאליסטנ בראָנטמאנ אונ ווילענסקי, שרײַבט אינ „קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא“ אויכ פיאָדאָראָוו. איכ פארגעס אויכ ניט מײַנע פליכטנ אלס קאָרעספאָנדענט.

3 יונ.

מאזורוקס לאגע הייבט אונדז ווידער אָנ צו באומרויִקנ.

„פססר נ—169" איז איבערגעלאָדנ, דער אעראָדראָמ איז צוליב דעמ ווארעמענ וועטער די לעצטע טעג צעקראָכנ געוואָרנ. דער ווינט בלאָזט פונ א זײַט. אָט די אלע אומשטענדנ פארקאָמפּליצירנ מאזורוקס ארויספלי.

ווידער ווערט דעבאטירט די פראגע וועגנ דעמ, אז מאָלאָקאָוו זאָל ארויספליִענ אונ צונעמענ א טייל פראכט בא מאזורוקנ. אָבער מיר האָבנ ניט קיינ בענזינ, אונ מאָלאָקאָווס פאָריקער פלי צו זוכנ דעמ „פססר נ—169" האָט געקאָסט דער עקספּעדיציע קימאט א טאָנ בענזינ.

אונ צו דעמ אלעמ האָט זיכ די לעצטע טעג ווידער פארערגערט די פארבינדונג מיט מאזורוקנ. בא זיי האָט געפּלאצט א רימענ פונעמ אוואריע-מאָטאָר, אונ אקוראטאָוו, נעבעכ, ווי ער קליגט זיכ ניט, קאָנ ער ניט אײַנרעגולירנ זײַנ ראציע. דעמ געפּלאצטנ רימענ האָט מענ פארביטנ מיט א טראָס, נאָר דער מאָטאָר ארבעט דאָכ שלעכט, די אקומוליאטאָרנ זעצנ זיכ.

אינ איינער פונ די לעצטע ראדיאָגראמעס, וואָס ער האָט איבערגעגעבנ מיט גרויס מי, האָט אקוראטאָוו מיטגעטיילט:

„מיר ווארטנ אפ אײַער אעראָפּלאנ. אומבאדינגט קומט צו פליִענ נאָכ אונדז".

דער דרוק פונ באראָמעטער וואקסט. געוויינלעכ איז עס א סימענ אפ א גוטנ וועטער. אָבער בא אונדז איז נאָכ כמורנע. א נידעריקע וואָלקנדיקײַט.

פיאָדאָראָוו סטארעט זיכ אלצ פאקנ די זונ. סאָפּקאָלסאָפּ איז אימ דאָכ געלונגענ פאקנ א פיצל פונ דעמ זונ-דיסק, נעמענ די סאָמנערישע ליניע אונ באשטימענ די קאָאָרדינאטנ. מיר געפינענ זיכ 88° 56′ צאָפנ-ברייט אונ 0° 30′ מיזרעכ-לענג. מיט אנדערע ווערטער, דער דרייפ אינ דער ריכטונג צו גרענלאנד ווערט פאָרגעזעצט. אָבער, ווי פיאָדאָראָוו אליינ זאָגט, איז די דאָזיקע אָריענטירונג ניט גאָר קיינ ריכטיקע.

הײַנט האָט מיר אָפּגעגליקט. איכ האָב געקראָגנ גאָנטשאראָווס „אָב-ריוו", כ'בינ ארײַנגעקראָכנ אינ בײַדל אונ האָב גענומענ לייענענ. ווי ווײַט עס זײַנענ פונ אונדז אצינד די איבערלעבונגענ פונ די העלדנ פונ דעמ דאָזיקנ ראָמאנ.

פּיאָדאָראָוו האָט זיך שוין לאנג גענומען צו דער ארבעט.

4 יונ.

מיט א באזונדער אומגעדולד ווארט אפ מאזורוקס קומענ דער הידראָלאָג שירשאָוו. אפנ באָרט פונ „פססר נ—169“ געפינט זיכ די הידראָלאָגישע אפאראטור אונ, דער איקער, דער קראנ פאר טיפ-וואסערדיקע באָאבאכטונגענ ביז 5 000 מעטער.

פיאָדאָראָוו האָט זיכ שוינ לאנג גענומענ צו דער ארבעט. ער האָט איינגעשטעלט א ריי אויטאָמאטישע שרייב-אפאראטנ, ער פירט דורכ מעטעאָראָלאָגישע, אסטראָנאָמישע אונ גראוויטאציאָנעלע באָאבאכטונגענ, אונ פעטיע שירשאָוו האָט ניט די פראָדוציר-געציינ, אונ ער זיצט אָנ א שטאָכ ארבעט.

ענדלעכ האָט זיינ געדולד געפלאצט. שירשאָוו האָט באשלאָסנ אופקאָנסטרויִרנ א קראנ מיט די אייגענע קרעפטנ, אויסנוצנדיק דערצו די נארטעס.

נעכטנ איז דער קראנ געווענ פארטיק, אונ היינט האָט שירשאָוו, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די קריִעס האָבנ זיכ ערטערווייז צעשפאָלטנ אונ געבילדעט פאָלאָנקעס, געמאכט די ערשטע הידראָלאָגישע סטאנציע. מיט דער הילפ פונ באטאָמעטערס האָט ער באקומענ וואסער פראָבעס פונ 1 000 מעטער די טיפ. אפנ ניוואָ פונ 300 מעטער נידעריקער פונ דעמ וואסער-אויבערפלאכ האָט שירשאָוו אנטדעקט א ווארעמע שטראָמונג, וואָס איז, ווייזט אויס, פארבונדנ מיט די אטלאנטישע וואסערנ. שירשאָווס אנטדעקונג האָט געמאכט א סענסאציע אינ לאגער.

ניט געקוקט אפ דער נעכטיקער פאָרויסזאָגונג פונ דעמ באראָמעטער, האָט זיכ דער וועטער אינדערפרי קימאט ווי ניט געענדערט. שווערע וואָלקנס האָבנ באדעקט דעמ גאנצנ האָריזאָנט. ווידער האָט אָנגעהויבנ פאלנ דער הרוק.

נאָכ צוועלפ אזייגער האָט זיכ דער וועטער אָנגעהויבנ שארפ ענדערנ. אינ דער ריכטונג פונ דעמ ראיאָנ, ווו עס האָט אראָפגענידערט דער „פססר נ—169“, האָט זיכ אויסגעלייטערט. מיט מאזורוקנ איז געלונגענ איינצושטעלנ א גוטע ראדיאָ-פארבינדונג. צווישנ אימ, שמידטנ, שעוועליאָוונ אונ וואָדאָפיאנאָוונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ לעבהאפטע אונטערהאנדלונגענ.

גרייטנדיק זיכ ארויסצופליִענ צו מאזורוקנ, האָבנ מיר, איכ אונ



שירשאָוו מאָנטירט א בײַדארקע.

פאפאנין און מאָלאָקאָוו באם בויען דעם הידראָלאָגישן קראן פון שירשאָווס קאָנסטרוקציע.

מאַלאָקאָוו, ארומגעפאָרנ אפ ליזשעס דעמ אעראָדראָמ. די מעכאַניקער האָבנ אָנגעוואָרעמט די מאָטאָרנ פונ דעמ „פססר נ—171“.

אָבער, אינ רעזולטאַט פונ די אונטערהאַנדלונגענ צווישנ מאַזורוקנ אונ דער קאָמאַנדירונג איז אָנגענומענ געוואָרנ א באַשלוס, אז מאַזורוק פליט ארויס זעלבשטענדיק, אונ מאַלאָקאָוס ארויספלי איז אָפּגעשאַפט געוואָרנ.

פאַרנאַכט=צו האָט זיכ אינ לאַגער אי בא מאַזורוקנ איינגעשטעלט א גוטער וועטער. פונ די שלאָפ=זעק לייגט מענ אויס אפנ אעראָדראָמ אראָפּנידערונג=צייכנס. קעדיי צו פאַרגרינגערנ מאַזורוקנ די אראָפּנידערונג, איז דער פלאַצ באַצייכנט מיט פענדלעכ. מע האָט צעשטעלט באַאָבאַכטער מיט בינאָקלענ, צוגעגרייט רויכ=ראַקעטעס.

מיר וואַרטנ אפ מאַזורוקנ...

די פּאָליארע אָפּעראציע איז פארענדיקט

מאזורוק איז געקומענ אינ לאגער. דער געזעגענונגס־מיטינג. די סאָוועטישע פלאגנ איבערנ פּאָליוס. דאָס אײַז־פעלד נומ. 3. גאָ־לאָווינ ברענגט בענזינ. ווידער אפנ אינדזל רודאָלפ.

5 יונ.

א גאנצע נאכט האָט זיכ קיינער ניט געלייגט שלאָפנ—מע האָט זיכ געגרייט באגעגענענ די פערטע שיפ פונ דער עקספּעדיציע. 6 אזייגער מיט 25 מינוט אינדערפרי איז מאזורוק ארויסגעפלויגנ.

דער גאנצער לאגער האָט אָנגעשטרענגט זיכ אײַנגעקוקט אינעמ האָריזאָנט. דער קינאָ־אָפּעראטאָר מארק טראָיאנאָווסקי האָט דער ערשטער באמערקט א קוימ באמערקבאר פּאסיקל אפנ האָריזאָנט. מיר האָבנ אָנגעצונדנ א רויכ־ראקעטע אונ מיט דער ראדיאָ געבראכט מאזורוקנ אינ לאגער.

7 אזייגער מיט 12 מינוט האָט דער עראָפּלאנ אראָפּגענידערט. זעקס געזונטע אָפּגעברענטע יאטנ זײַנענ ארויס פונ דער מאשינ. דער זיבעטער פּאסאזשיר איז ארויסגעלאָפנ, דרייענדיק מיטנ עק. דאָס איז אנ אויסגעצייכנטער הונט, וואָס וועגנ זײַנ כאראקטער גיט א פאָרשטעלונג זײַנ נאָמענ „וועסיאָלי“ („פריילעכער“). „וועסיאָלי“ איז א מאטאָנע פונ ליבינענ, דעמ שעפ פונ דער פּאָליאר־סטאנציע אפנ אינדזל רודאָלפ, די ווינטערער פונעמ צאָפנ־פּאָליוס. דאָס וועט זײַנ דער פינפטער אָנטיילנעמער פונ דער היסטאָרישער ווינטערונג.

ווי נאָר עס איז אריבער די ערשטע פרייד, האָבנ מיר זיכ א נעמ געטאָנ אויסלאָדנ די שיפ. מאזורוק האָט געבראכט די לעצטע פּארטיע פונ דעמ גוטס פאר דער דרייפ־עקספּעדיציע: נאפט, דערנערונג, וויסנ=

שאפּטלעכע אויסשטאטונג. איצט איז שוינ דער גאנצער פּראכט פונ פּאפּאנינס ווינטער-סטאנציע אפ אנ אָרט.

אונדזער אופגאבע איז אויסגעפילט. שוינ צײַט לאָזנ זיכ אינ וועג.

בא אָטאָ יוליעוויטשנ ווערט צונויפגערופנ א קורצע באראטונג פונ די פליִער, שטורמאנס אונ מעכאניקער. די קאָמאנדירנ פונ די אעראָפּלאנע רעכענענ אויס, וויפל עס איז געבליבנ בענזינ. די לאגע, לאָזט זיכ אויס, איז ערגער, ווי מיר האָבנ גערעכנט. ווײַזט אויס, אז גיט איינ שיפ, נאָר צוויי שיפנ וועלנ מוזנ אראָפּנידערנ אפנ אײַז, ניט דערפליִענדיק ביזנ אינדזל רודאָלפ.

דער וועטער ווערט אלצ בעסער. אונדז אנטקעגנ איז פונעם אינדזל רודאָלפ ארויסגעפלויגנ קרוזע אפנ „פּ—5“. ער האָט אראָפּגענידערט אפנ אײַז בא דער 85 פּאראלעל אונ וועט אונדז אינפאָרמירנ וועגנ וועטער. דזערדזיעווסקי אפנ אינדזל רודאָלפ האָט אונדז שוינ געגעבנ א דערלויבעניש ארויסצופליִענ.

שעוועליאָוו האָט אָפּגעגעבנ א באפעל וואַרעמענ די מאָטאָרנ, אונ אויב דער וועטער וועט אונדז ניט אונטערטראָגנ א נײַעמ סורפּריז, וועט זיי עסקאדרע אינדערפרי ארויספליִענ אפנ אינדזל רודאָלפ.

מיר פארברענגענ די לעצטע שאָענ אפ דער ווינטער-סטאנציע „צאָפּנ פּאָליוס“. סאכאקל צענ טעג האָבנ מיר זיכ געפונענ אינעמ לאגער אפנ דרייפנדיקנ אײַז. אינ דער נאָענטער צוקונפט וואַרט אפ אונדז א פריי-זיקע באגעגעניש מיט די פרײַנט אונ קרוווים, מיט מאָסקווע. אינ דער נאָענטער צוקונפט וועלנ מיר זיינ אפנ קאָנטינענט. אונ פונדעסטוועגנ ווערט עפּעס קאלעמוטנע אפנ הארצנ, ווענ מע טוט א טראכט, אז אינ עטלעכע שאָ ארומ וועלנ מיר פארלאָזנ אָט דאָס שטיקל פּאָליארע אײַז, צו וועלכנ מיר האָבנ זיכ צוגעוווינט, אונ אז מיר וועלנ זיכ, עפּשער, אהער שוינ מער קיינמאָל ניט אומקערנ.

צומ לעצטנ מאָל טו איכ אָנ די ליזשעס אונ שפּאנ איבער פּאפּאנינס רעזידענצ.

די אעראָפּלאנע זײַנענ שוינ אויסגעלאָדנ. שירשאָוו איז אנציקט פונ דעמ קראנ, וואָס מע האָט אימ געבראכט. ער האָט אימ שוינ באוויזנ אופצומאָנטירנ אונ קלײַבט זיכ טייקעפּ אויסצופּרווונ דעמ קראנ אינ דער ארבעט. זאלבענאנד מיט וואָדאָפּיאנאָוונ העלפנ מיר אימ אויס-גראָבנ א רינווע אינ אײַז פארנ טראָס פונעמ קראָנ.

מאזורוק איז געקומען צו פליִען אין לאגער.

מאזורוק און זיַין שטורמאן אקוראטאָוו.

צולעצט גיי איך אריין צו פאפאנינען זיצן א ביסל אין זיין „הויז פון די ראטן" — אזוי האבן מיר אנגערופן זיינע אפארטאמענטן.

אין ביידל באגעגן איך אלע פיר יאטן.

— נא דיר, יאקאוו, אן אנדענק, — זאגט שירשאוו. — זע, פארגעס ניט.

ער שטרעקט מיר אויס א שטאלענעם קינזשאל אין א לעדערן שיידל — א טרייער באגלייטער פון א פאליארניק.

אף א פלאך רויט טעלערל פון פלאסטמאסע שניידן אויס פאפאנין, קרענקעל, שירשאוו און פיאדאראוו זייערע נעמען און די דאטע.

מיטן טעלערל און מיטן קינזשאל קער איך זיך אום צו זיך אין ביידל און איך הייב אן איינפאקן מיין ביסל זאכן. דערנאך קריך איך אריין אין שלאף-זאק און פרוו כאפן א דרעמל פארן ארויספליען. אבער דאס געלינגט מיר ניט. דער געדאנק וועגן די פיר כאווירים, וואס בלייבן דא, פארטרייבט דעם שלאף.

6 יוני.

וואס עס זאל מיט מיר ניט פאסירן אין דער צוקונפט, אבער אט די לעצטע שא פון זעגענען זיך מיטן פאליוס וועל איך ניט פארגעסן מיין גאנץ לעבן.

צוויי אזייגער באנאכט האט אטא יוליעוויטש צונויפגעקליבן אונדז אלעמען אף א פיירלעכן מיטינג, געווידמעט דער אפיציעלער עפענונג פון דער פאליאר-סטאנציע „צאפן-פאליוס".

בלענדנדיק האט געשיינט די ניט-פארגייענדיקע זון. עס האט געבלאזן א שטארקער ווינט. אטא יוליעוויטש האט זיך אופגעהויבן אף די נארטעס. מיר זיינען שווייגנדיק געשטאנען ארום אים.

שמידט באהערשט זיך שטענדיק זייער גוט, אבער דאס מאל קאן ער אויך ניט באהאלטן זיין אופרעגונג.

אין דער טאג-טעגלעכער וואכיקער ארבעט, אין קאמף קעגן די שטענדיק אופקומענדיקע שוועריקייטן האבן מיר עפשער ניט אלעמאל זיך אפגעגעבן א דינוועכעזשבן וועגן דער גאנצער באדייטונג פון אונדזער ארבעט.

אבער אצינד, אויסהערנדיק דעם שעף פון דער עקספעדיציע, וועלכער האט אונטערגעצויגן א סאכאקל פון דעם אלעמען, וואס מיר האבן



„וועסיאָלי".



שירשאָוו האָט באַקומען דעם קראַן.

אָפּגעטאָנ, האָט פרייד אונ שטאָלצ ארומגעכאפּט אלע אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע.

אָטאָ יוליעוויטש האָט גערעדט:

— מיר אלע האָבנ טיפ איבערגעלעבט די האָזיקע כאדאָשימ, ווענ מיר האָבנ אויסגעפילט די גרויסע אונ שווערע אופגאבע, וואָס דאָס לאנד האָט אונדז פארטרויט. מיר זײַנענ גליקלעכ, וואָס מיר האָבנ אויסגעפילט דעמ כאווער סטאלינס אופגעבונג, וואָס מיר האָבנ דעראָבערט נײַעמ רומ פאר אונדזער היימלאנד, וואָס דאָס וואָרט „פּססר“ האָט נאָכ העלער געקלונגען שײַנענ אינ גאָר דער וועלט.

מיר וואָלטנ ניט געזיגט, ווענ אונדזער קאָמוניסטישע פּארטיי וואָלט ניט דערצויגנ אינ אונדז איבערגעגעבנקײַט, שטאנדהאפטיקײַט אונ זיכערקײַט, מיר וואָלטנ ניט געזיגט, ווענ עס וואָלט ניט געווענ די גלענצנדיקע טעכניק פונ אונדזערע זאוואָדנ, מיר וואָלטנ ניט געזיגט, ווענ מיר וואָלטנ ניט געהאט אזא צונויפגעשמאָלצענעמ קאָלעקטיוו, ווו עס איז פארווירקלעכט געוואָרנ די ווירקלעכע אייניקײַט צווישנ דער פיזישער אונ אינטעלעקטועלער ארבעט. אונדזערע פליִער אונ שטורמאנס, אונדזערע דערפינדערישע מעכאניקער — דער גאנצער באשטאנד פונ דער עקספּעדיציע — זײַנענ מענטשנ פונ הויכע אינטעלעקטועלע טאלאנטנ אונ מערקווירדיקער פיזישער פארהארטעוועטקײַט.

הײַנט געזעגענענ מיר זיכ מיטנ פּאָליוס. מיר געזעגענענ זיכ ווארעמ, ווײַל עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער פּאָליוס איז צו אונדז ניט געווענ שרעקלעכ, נאָר גאסטפרײַנטלעכ אונ נאָענט, פּונקט ווי ער וואָלט זײַנ לאנג געוואוסט, אז ער זאָל ווערנ א סאָוועטישער, פּונקט ווי ער וואָלט געפונענ זײַנע עמעסע באלעבאטימ.

מיר פליִענ אוועק. פיר פונ אונדזערע בעסטע כאוויירימ, אונדזערע באליבטע פרײַנט, בלײַבנ אפנ פּאָליוס. מיר זײַנענ זיכער, אז זיי וועלנ הויכ האלטנ די פאָנ, וועלכע מיר גיבנ זיי אצינד איבער. מיר זײַנענ זיכער, אז זייער ארבעט וועט אינ דער געשיכטע פונ דער וועלט-וויסנשאפט קיינמאָל ניט פארלוירנ גיינ, אונ אינ דער געשיכטע פונ אונדזער לאנד וועט זי זײַנ א נײַ בלאַט פונ באָלשעוויסטישע ניצכוינעס.

איכ באגריס די בלײַבנדיקע מיט דער גרויסער אופגאבע, וואָס דאָס היימלאנד לייגט אפ זיי ארופ!

אָטאָ יוליעוויטשנ ענטפערט פּאפּאנינ:



אָטאָ יוליעוויטש שמידט לייענט דעם ראפּאָרט דעם צק פון דער פּארטיי און דער רעגירונג.

— איכ נאָמענ פונ די פיר זינ פונ דעמ סאָציאַליסטישנ היימלאַנד, וואָס פארבלייבנ דאָ, בעט איכ אָטאָ יוליעוויטש איבערגעבנ דעמ כאַווער סטאַלינ, אַז מיר וועלנ מיט ערע אויספילנ די אופגאַבע אונ וועלנ באַרעכטיקנ דעמ קאָלאָסאַלנ צוטרוי, וואָס מע האָט אונדז ארויסגעוויזנ.

מיר וועלנ קיינמאָל ניט פאַרשוועכנ דעמ פרעסטיזש פונ אונדזער היימלאַנד, וועלנ ניט פארשעמענ די ווירדע פונ בירגער פונעמ ראַטנפאַרבאַנד.

זייט רויִק פאַר אונדז, טייערע פריינט. שוועריקייטנ שרעקנ אונדז ניט. איר פליט אוועק, אָבער מיר בלייבנ ניט עלנט, — מיר פילנ די אונטערשטיצונג פונ אונדזער גאַנצ לאַנד, פונ דעמ גאַנצנ סאָוועטישנ פאָלק.

צומ ווידערזענ, פריינט! א דאַנק אייכ פאַר אַלצ!

...פּאַפּאַנינ איז אַנשווייגנ געוואָרנ. אָטאָ יוליעוויטש האָט אָפּגעגעבנ א באַפעל:

— אופהייבנ די פלאַגנ!

דער מעלוכע=פלאַג פונ פססר האָט זיכ א הייב געטאָנ איבער דעמ אַליומינעווונ מאַסטבוים. גלייכצייטיק האָט זיכ אַפּ א צווייטנ מאַסטבוים צעפלאַטערט די פאָנ מיטנ פאָרטרעט פונ דעמ פירער פונ די פעלקער — כאַווער סטאַלינ. מיר האָבנ אופגעהויבנ די ביקסנ אונ די רעוואָלווערנ. עס האָט אָפּגעהילכט א דרייפאַכיקער סאַליוט אונ „הורא“=געשרייענ לעקאָוועד אונדזער גרויסנ היימלאַנד אונ דעמ כאַווער סטאַלינ.

שטייענדיק מיט אַנטבלויזטע קעפ, זינגענ מיר דעמ „אינטערנאַציאָנאַל“. די קלאַנגענ פונ דעמ פראָלעטאַרישנ הימנ צעשטערנ דאָס שטילשווייגנ פונעמ אייז.

אָטאָ יוליעוויטש לייענט ד'עמ טעקסט פונ א ראַפּאָרט דעמ צק פונ דער פארטיי—דעמ כאַווער סטאַלינ אונ דעמ ראַטנפאָלקאָמ פונ פססר—דעמ כאַווער מאָלאָטאָוו.

„צק אַלקפּ(ב) — דעמ כאַווער סטאַלינ ראַטנפאָלקאָמ פונ פססר — דעמ כאַווער מאָלאָטאָוו

דעמ זעקסטנ יונ איז פאַרענדיקט געוואָרנ די איינאָרדענונג פונ דער וויסנשאַפטלעכער סטאַנציע אַפּ דער דרייפנדיקער פאָליאַרקריע. די סטאַנציע איז פייערלעכ געעפנט געוואָרנ מיט אופהייבנ

דעמ פלאג, מיטנ געזאנג פונ „אינטערנאציאָנאל“, מיט א סאליוט אונ „הורא“־אויסרופנ לעקאָווער פסטר אונ דעמ כאווער סטאלינ.

די וויסנשאפטלעכע ארבעטנ זײַנענ פאנאנדערגעוויקלט אינ דער פולער מאָס לויט דער פראָגראמ. די ווינטערער בלײַבנ, אויסגעצייכנט עקיפירטע, אפ די אײַנגעשטעלטע טערמינענ. פול מיט קויכעס, שטאָלצ מיטנ צוטרוי, וואָס מע האָט זיי ארויסגעוויזנ, פארזיכערנ זיי, אז זיי וועלנ אויספילנ די אופגעבונג, וואָס די פארטיי אונ די רעגירונג האָט אפ זיי ארופגעלייגט.

די עראָפלאנענ פליִענ ארויס אפ צוריק. מיר וויסנ די שוועריקײַטנ פונ דעמ דאָזיקנ וועג. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז שוינ אָפגעטאָנ געוואָרנ: פיר סאָוועטישע עראָפלאנענ זײַנענ דורכגעפליגנ פונ מאָסקווע ביזנ אינדזל רודאָלפ אונ פונ דאָרטנ דורכנ אײַזאָקעאנ צומ פאָליוס. אלע פיר עראָפלאנענ זײַנענ דורכגעגאנגענ פינקטלעכ איבערנ פאָליוס, דערנאָכ אראָפגענידערט אפ קריִעס, פארזאמלט זיכ צוזאמענ, געגרינדעט אונ אויסגעשטאט א וויסנשאפטלעכע סטאנציע באמ פאָליוס. עס איז צוגעשטעלט געוואָרנ צענ טויזנט קילאָגראמ פראכט. עס איז ניט געווענ קיינ אייג אוואריע, קיינ אייג צעשעדיקונג אינ וועג. אלע מענטשנ זײַנענ געזונט. די עראָפלאנענ, די מאָטאָרנ, די גאנצע אויסשטאטונג איז פונ סאָוועטישער פראָדוקציע.

צומ ערשטנ מאָל איז אפנ צאָפנ־פאָליוס דורכגעפירט געוואָרנ אנ אָפעראציע פונ אזא מאסשטאב, וואָס גיט די מעגלעכקײַט אלזײַטיק צו דערלערנענ דעמ צענטער פונ דער ארקטיק, וועגנ וואָס עס האָבנ פונ לאנג געטרוימט די בעסטע געלערנטע פונ אלע לענדער. דאָס איז געווענ בעקויעכ צו טאָנ בלויז דאָס לאנד פונעמ סאָציאליזמ.

מיר ראפאָרטירנ דער אלפארבאנדישער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס האָט אונדז דערצויגנ, אונ דער רעגירונג פונ אונדזער טײַערנ היימלאנד וועגנ דעמ, אז די אופגעבונג איז אויסגעפילט. מיר זײַנענ אָנ א שיר גליקלעכ, וואָס מיר זײַנענ זינ פונעמ לאנד פונ סאָציאליזמ, וואָס גייט פונ ניצאָכנ צו ניצאָכנ אונטער דער געניאלער אָנפירונג פונ דעמ כאווער סטאלינ. מיר זײַנענ גליקלעכ, וואָס

מיר זײַנען באַופטראַגט געוואָרן צו דערגרייכן נאָך א גיצאָבנ און וואָס דעם דאָזיקן אופטראַג האָבן מיר אויסגעפילט.
אין נאָמען פון דעם גאַנצן עקספּעדיציע־קאָלעקטיוו.

שמידט פּאַפּאַנין
וואָדאָפּיאַנאָוו שעוועליאָוו
מאָלאָקאָוו דאָגמאַראָוו".

דער מיטינג איז געענדיקט. די מאָטאָרן זײַנען אָנגעוואַרעמט. אַלץ איז גרייט צום אַרויספלי. מיר זעגענען זיך מיט פּאַפּאַנינען, קרענ־קעלן, שירשאָוון און פיאָדאָראָוון.

— אַדיע, ברידערלעך! צום גיכן און גליקלעכן ווידערזען!

אין די הענט בא מיר איז א בריוו, וואָס איוואַן דימיטריעוויטש האָט געבעטן איבערגעבן זײַן פרוי אויפן קאָנטינענט. איך שפּיליע אָפּ די פוטערנע קורטקע און באַהאַלט דעם בריוו טיף אויפן האַרצן.

מיר גייען אַוועק צו די עראָפּלאַנען. פיר מענטשן בלײַבן אַליין. זיי שטייען מיט אַנטבלויזטע קעפּ איינער לעבן דעם אַנדערן.

3 אַזייגער מיט 30 מינוט האָט זיך דער פלאַגמאַן א ריר געטאָן פון זײַן אָרט. אין משך פון זיבן מינוט זײַנען אַלע שיפן געווען אינדערלופטן. מיר זײַנען אַרופגעפלויגן די לעצטע. לײַכט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, האָט דער „פּסס״ נ—172" געמאַכט דעם לעצטן קרײַז איבער דעם ווינטער־לאַגער.

פיר מענטשן, פיר כאַוויירים אונדזערע שטייען אויפן פריערדיקן אָרט, אופגעהויבן די בליקן צו די אַוועקגייענדיקע עראָפּלאַנען, פאָכנדיק מיט די היטלען...

מיר האָבן דורכגעשלאָגן די וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרצויגן דעם הימל אין דעם מאָמענט פון אָפּפלי, און זײַנען אַוועק אַרוף. דער פלאַג־מאַן האָט זיך געלייגט אויפן קורס, צו אים האָבן זיך אונטערגעצויגן די איבעריקע שיפן, און די עסקאַדרע איז אַוועק אין א ריי.

מיר זײַנען געגאַנגען איבער א פּאַס וואָלקנס אויף דער הייך פון 1900 מעטער. צווישנווײַז פלעגן מיר דורך די שפּאַלטן אין די וואָלקנס זען אײַז־פעלדער. דער טערמאָמעטער אין דער פּילאָטן־קאַבינע האָט באַוויזן א נול־טעמפּעראַטור. עס איז געווען זוניק און וואַרעם.

די געזעגענונג מיט די פּאַפּאַנינצעס.

אפנ באָרט פונ אונדזער אעראָפּלאַנ געפינט זיכ שעוועליאָוו, דער פאַרטרעטער פונ דעמ עקספּעדיציע-שעפ. ער זיצט אינ דער שטורמאַנ-קאַבינע צוזאַמענ מיט זשוקאָוונ אונ האַלט א קעסיידערדיקע פאַרבינדונג דורכ ראַדיאָ מיטנ פלאַגמאַנ.

6 אזייגער מיט 58 מינוט גיט אונדז שעוועליאָוו איבער:

— מיר געפינענ זיכ אפ דער 85 פּאַראַלעל!

דאָס הייסט, אז מע דאַרפ דורכשלאָגנ די וואָלקנדיקייט אונ, ווי מע האָט פריער אָפּגעמאַכט, אראָפּנידערנ. מיר לאָזנ זיכ אראָפּ מיט ברייטע קרייזנ. די איבעריקע שיפנ פונ דער עסקאַדרע גייענ שנעל אוועק פאָרויס, פאַרזעצנדיק זייער וועג צומ אינדזל רודאָלפ.

אפ דער הייכ פונ 1400 מעטער זײַנענ מיר אַרײַנ אינ וואָלקנס. דער אעראָפּלאַנ האָט גלײַכ אָנגעהויבנ פאַרײַזיקט ווערנ. אפ דער הייכ פונ 800 מעטער זײַנענ מיר ארויס פונ די וואָלקנס, אָבער מיר האָבנ זיכ ניט געהאַט מיט וואָס צו פרייענ. עס איז געווענ כמורנע. צוליב דער שלעכטער זעעוודיקייט איז שווער געווענ אויסצוקלײַבנ אנ אָרט אפ אראָפּצונידערנ. אָבער אראָפּנידערנ האָט מענ, אזוי צי אנדערש, געמוזט. אלעקסייעוו האָט אויפמערקזאַמ באַטראַכט עטלעכע פלעצער אונ האָט

אויסגעוויילט אנ אײַז־פעלד, וואָס זײַנ אויבערפלאכ האָט אימ אויסגע־וויזנ אמערסטנ פאסיק אראָפצונידערנ. נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ פעסטגע־שטעלט די קראפט אונ די ריכטונג פונ ווינט מיט דער הילפ פונ א ראקעטע, וואָס מיר האָבנ אראָפגעוואָרפנ אפנ אײַז, האָט אלעקסייעוו גענומענ אראָפנידערנ. דאָס איז געווענ דאָס דריטע אײַז־פעלד, אפ וועלכנ דער „פססר נ—172“ האָט אראָפגענידערט פאר דער צײַט פונ דער עקספעדיציע.

די מאשינ איז לאנג געלאָפנ איבערנ פעלד. עס האָט זיכ ארויס־געוויזנ, אז דאָס אײַז־פעלד גומ. 3 איז אנ אויסגעצייכנטער אערא־דראָמ. סוגראָבאָוו האָט מיטגעטיילט, אז אינ די באקנ איז פארבליבנ סאכאקל 250 ליטער בענזינ.

גו, הייסט עס, צו דער צײַט אראָפגענידערט!

איכ בינ ארויס פונ דער קאבינע אונ האָב א קוק געטאָנ אפנ זייגער: עס איז געווענ 8 אזייגער מיט 10 מינוט. זשוקאָוו האָט גענומענ אײַנשטעלנ די אנטענע, אונ שוינ 9 אזייגער האָבנ מיר גע־רעדט מיטנ אינדזל רודאָלפ.

די עסקאדרע האָט בעשאָלעמ אראָפגענידערט אפנ אינדזל. אָטאָ יוליעוויטש האָט מיטגעטיילט, אז גאָלאָווינענ איז אָפגעגעבנ געוואָרנ א באפעל ארויספליענ צו אונדז אונ ברענגענ 1300 ליטער בענזינ. צוזאמענ מיט גאָלאָווינענ פליט דער ראדיסט סטראָמילאָוו אונ דער גלענצנדיקער שטורמאנ ריטסלאנד. הייסט עס, אז מע קאָנ רויק וארטנ. זיי וועלנ געפינענ!

מיר האָבנ צורעכט געמאכט דעמ סטארט, צוגעגרייט די מאשינ אונ צוגעביסנ. 12 אזייגער האָבנ מיר געהערט מאָסקווע.

„די לעצטע יעדיעס דורכנ ראדיאָ“ האָבנ איבערגעגעבנ וועגנ דעמ, אז די עסקאדרע איז אָנגעקומענ אפנ אינדזל רודאָלפ אונ אז דער עראָפלאנ „פססר נ—172“, פילאָטירט דורכנ בארימטנ נאָליאר־פליער אלעקסייעוו, האָט בעשאָלעמ אראָפגענידערט אפנ אײַז!

21 אזייגער מיט 36 מינוט. מײַנ רעזשורסטווע. דער איבעריקער עקיפאזש שלאָפט ווי א געהארגעטער.

דער וועטער בײַט זיכ יעדע שאָ.

אונדזערע קאָאָרדינאטנ זײַנענ 83°39′ צאָפּנ=ברייט און 61°30′ מיזרעכ=לענג. מיר געפינענ זיכ, אנ ערעכ, 160 קילאָמעטער פונעמ אינדזל רודאָלפ.

23 אזייגער שטייט פאָר א שמועס מיט דער קאָמאנדירונג.

7 יוני.

מארק איוואנאָוויטש שעוועליאָוו איז אָפּגעשלאָפּנ פּופּצנ שאָ נאָכאנאנד. דאָס שלאָפּט ער אָפּ פאר די שלאָפּלאָזע נעכט אפנ פּאָליוס. דערנאָכ איז ער אופגעשטאנענ, האָט אָפּגעקאָכט פארנ גאנצנ עקיפּאזש א זופּ. מיר האָבנ אָפּגעגעסנ מיט גרויס אפּעטיט. א קוכער, ווײַזט זיכ ארויס, איז שעוועליאָוו אנ אויסגעצייכנטער.

אינ מעשעכ פונ טאָג האָבנ מיר עטלעכע מאָל גערעדט מיטנ אינדזל רודאָלפ. צומ מיקראָפאָנ זײַנענ צוגעגאנגענ אָטאָ יוליעוויטש, וואָדאָפּיאנאָוו און דאָגמאראָוו.

19 אזייגער מיט 30 מינוט האָבנ מיר געהערט א קאָנצערט פונ מאָסקווע, אָרגאניזירט פאר די אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע. דערנאָכ האָט מענ טראנסלירט לענינגראד און קיעוו. שעוועליאָוו האָט נאָכנ קאָנצערט געשיקט פונ אונדזער נאָמענ א טעלעגראמע מיט א דאנק פארנ פארשאפטנ פארגעניגנ.

דער רומ פונ די מייסטערס פונ דער קונסט האָט אונדז ניט געלאָזט רוענ, און מיר האָבנ באשלאָסנ אײַנצואָרדענענ אנ אייגענעמ קאָנצערט. מיר האָבנ ארויסגערופנ דורכנ ראדיאָ=טעלעפאָנ דעמ אינדזל רודאָלפ, אײַנגעלאדנ צומ מיקראָפאָנ דאָגמאראָוונ און האָבנ אימ אויסגעזונגענ אלע אינייגעמ די „27 דיוויזיע“. מיר האָט נאָר באנג געטאָנ, וואָס אצינד איז מיט אונדז ניטאָ דער קינאָ=אָפּעראטאָר טראָיאנאָווסקי, קעדיי צו פארייביקנ דאָס דאָזיקע בילד. פארשמירטע, איינגעוויקלטע פונ קאָפּ ביז די פיס אינ פוטער, האָבנ מיר מיט פארקילטע הייזעריקע שטימעס געזונגענ די שלאכט=ליד. דער שלעכטער מוזיקאלישער געהער בײַ אייניקע פונ אונדז איז קאָמפּענסירט געוואָרנ מיטנ גוואלדיקנ טעמפּעראמענט פונ אלע אָנטיילנעמער פונ דעמ דאָזיקנ אימפּראָוויזירטנ כאָר.

— אויסגעצייכנט, בעוורע! — האָבנ מיר דערהערט אינ מיקראָפאָנ. — איכ בינ אבסאָליוט באפרידיקט. דער קאָנצערט האָט זיכ

אײַך אײַנגעגעבן. ניט אומזיסט זײַט איר דורכגעגאנגען מײַן קינסטלערישע שול!

מיר האָבן דערקענט דאָגמאראָווס שטימע...

דער וועטער פארבעסערט זיך. גאָלאָווין ווארעמט די מאָטאָרן. אינגיכן וועלן מיר שוין זײַן אפן אינדזל רודאָלפ און דערנאָך שוין— אפן קאָנטינענט. אָטאָ יוליעוויטש האָט אונדז הײַנט מיטגעטײלט, אז אמדערמע איז אונדז גרייט אופצונעמען.

פאַרן מעסלעס האָט אונדזער שווימענדיקער עראָדראָם דורכגעמאכט א דרייף פון צען מײַל אפ נאָרד. א לײַכטער פארקערמיטל, אָן קיינע שום באמזונגען פון אונדזער זײַט. אָבער, צום באַדויערן, ניט אין דער ריכטונג, וואוהין מיר דארפן!

8 יונ.

פון אינדערפרי האָט זיך דער וועטער געביטן שיר ניט צען מאָל. נאָר צום סאָף איז עס אוועק אפ א לאד און עס האָט גענומען וועל שײַנען די זון.

דער ווינט, וואָס האָט צעטריבן די וואָלקנס, האָט אונדז אָבער הײַנט פארשאפט א היפש ביסל ארבעט. אלעקסייעוו האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם סטאביליזאטאָר, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן בײַסן שניישטורעם אפ מאטאָטשקין שאר, און האָט געהייסן בעסער צופעסטיקן דעם עראָפּלאן. מיר האָבן געמאכט אן אײַזאנקער און האָבן צוגעפעסטיקט צו אים דעם רעכטן פליגל. דערנאָך האָבן מיר צוגעפעסטיקט דעם עק פונעם עראָפּלאן מיט ליזשעס.

פארנאכט איז דער ווינט שטילער געוואָרן און עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א גוטער וועטער. פונעם אינדזל רודאָלפ האָט מען איבערגעגעבן, אז פאוועל גאָלאָווין גרייט זיך צום ארויספלי און אז קרוזע קערט זיך אום פון דער קרײַע אהיים.

און ווירקלעך, 19 אזייגער מיט 15 מינוט איז איבער אונדז פארבײַגעפלויגן דער „פ—5“ אפן וועג צום אינדזל רודאָלפ, און אין אָנדערהאלבן שאָ ארום האָט צו אונדז אפן אײַז אראָפּגענידערט גאָלאָווין. אין וועג האָט פאוועל געאָרגיעוויטש געזען קרוזען. די עראָפּלאנען זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען אין קעגנזײַטיקע ריכטונגען און האָבן, לויט אלע קלאָלים פון דער אוויאציע-העפלעכקײַט, באגריסט איינער דעם

אנדערנ מיט די פליגלענ. אנ עמעסע לופט=טראַסע אפּ דער 85 פּאַראַלעל!

גאַלאַווינ האָט געבראַכט פאַר אונדז ברענשטאָפּ. דער קוכער פונעמ אינדזל רודאָלפּ דער כאַוועד קורבאַטאָוו האָט ניט פאַרגעסנ אָנצולאָדנ אינ גאַלאָווינס עראָפּלאַנ פריש ברויט, פּעטשאַ אונ פאַרשיידענע אַנדערע מײַכאָלימ.

מיר האָבנ זיכ אַ נעמ געטאָנ צומ ברענשטאָפּ. דעמ בענזינ האָט מענ צוערשט פונ די באַקנ פונ גאַלאָווינס שיפּ איבערגעגאָסנ אינ בידאָנענ, אונ פונ דאָרטנ אינ די באַקנ פונ אונדזער עראָפּלאַנ.

23 אזייגער מיט 40 מינוט. סוגראָבאָוו, גינקינ אונ שמאַנדינ וואַרעמענ די מאָטאָרנ. נאָרוואָס האָט זיכ אופגעהויבנ אונ איז אַוועקגעפלויגנ גאַלאָווינ. עס וועט ניט אַריבער קיינ שאָ, אונ מיר וועלנ אויכ אַרויספליענ.

9 יונ.

אַלצ איז געשענ, ווי אינ כאָלעמ. אָט שטייענ אָטאָ יוליעוויטש, וואָדאָפּיאַנאָוו, מאָלאָקאָוו, דאָגמאַראָוו, ספּירינ, דזערדזעיעווסקי, ליבינ. מיר זײַנענ ווידער אַלע צוזאַמענ, פּונקט ווי מיר וואָלטנ גאָר ניט אַוועקגעפלויגנ פונעמ אינדזל רודאָלפּ.

— די פּאָליאַרע אָפּעראַציע איז פאַרענדיקט, — זאָגט אָטאָ יוליעוויטש שמידט.

יאָ, די פּאָליאַרע אָפּעראַציע איז פאַרענדיקט!

... מיר זײַנענ אַוועקגעפלויגנ פונ דער קרײַע רויק, פּונקט ווי אונגעער אונדז וואָלט ניט געווענ קיינ אײַז, וואָס שפּאַלט זיכ אונ דרייפט (אַגעוו, האָט אונדז פאַר צוויי מעסלעס אַוועקגעטראָגנ אַפּ 18 מײַל צו צאָפנ!), נאָר אַ פעסטער באָדנ פונ אַנ עמעסנ אַעראָדראָמ.

0 אזייגער מיט 38 מינוט האָבנ מיר זיכ לײַכט אָפּגעריסנ אונ זיכ געלייגט אַפּנ קורס. דער ראַדיאָ=טורעמ אונ דער קאָמפּאַס האָבנ געאַרבעט אויסגעצייכנט. מיר זײַנענ זיכער געגאַנגענ צומ אינדזל רודאָלפּ.

1 אזייגער מיט 45 מינוט האָט דער שטורמאַנ זשוקאָוו אינ נאָמענ פונ אונדזער עקיפּאַזש איבערגעגעבנ אַ ראַדיאָגראַמע. זי איז געווענ אַדרעסירט צו שמידטנ, צו די רעדאַקציעס פונ „פּראַוודאַ“ אונ „איז=

וועסטיא" אונ צו דער הויפּט=פּאַרוואַלטונג פונ דעם צאָפנדיקנ יאַמ=וועג.

„די לעצטע לופט=שיפ פונ דער צאָפנדיקער לופט=עקספּעדיציע פאַרלאָזט דעם צענטראַלנ ראַיאָנ פונ דעם צאָפנדיקנ אײַז=אָקעאַנ. עס זעענ זיכ די ברעגנ פונעמ אַרכיפּעלאַג. באַלד איז דער אינדזל רודאָלפ. מיר קערנ זיכ אומ, קעדײַ די אָנגעזאַמלטע קענטעניש אונ דערפאַרונג, אַלע קויכעס אונ די גאַנצע ענערגיע אָפּגעבנ פאַרנ וווּל פונ אונדזער באַליבטנ היימלאַנד. מיר ווייסנ פעסט אונ זיכער, אַז אונדזער פּאַרטיי, אונדזער רעגירונג, דער קליגסטער פונ אַלע מענטשנ, דער באַליבטער פירער כאַווער סטאַלינ וועלנ שיקנ איבער דעם דאָזיקנ וועג צענדליקער, הונדערטער שיפנ. מיר וועלנ זײַנ גליקלעכ אויב מע וועט אונדז ווידער אַרויסוויַזנ צוטרוי אונ נאָכאַמאָל פאַרטרויענ א שווערע אַרבעט.

שעוועליאָוו סוגראָבאָוו
אַלעקסייעוו גינקינ
זשוקאָוו שמאַנדינ"
מאָשקאָווסקי

דער קופּאָל פונעמ אינדזל רודאָלפ איז געווענ פאַרצויגנ מיט א נעפּל, אונ מיר האָבנ באַשלאָסנ אַראָפּנידערנ לעבנ דעם ווינטער=לאַגער. אָבער פּלוצעמ איז דער נעפּל צערונענ, אונ מיר האָבנ דערזענ אונטנ דעם אַעראָדראָמ, די אַעראָפּלאַנענ אונ די שטײַערס, וואָס מע האָט אָנגעצונדנ פאַר אונדזערטוועגנ.

אינ עטלעכע מינוט אַרומ האָבנ אונדז אַרומגענומענ די כאַווײרימ.

— נו, אונ איצט, אָטאָ יוליעוויטש, וועט מענ קאָנענ אַראָפּשפּרינגענ מיט א פּאַראַשוט?

— איצט וועט מענ עפּשער קאָנענ, — האָט מיר געענטפערט אָטאָ יוליעוויטש.

אַראָפּשפּרינגענ אפנ אינדזל רודאָלפ — דאָס איז מײַנ „טרוימ פונ א פּאַראַשוטיסט".

מיט גרויס קאָוועד האָט מענ אונדז אָפּגעפירט אַהיימ. די ווינטערער האָבנ אונדז באַגעגנט מיט טומל אונ באַגײַסטערונג.

סימע איוואַנאָוו איז אױש געשפּרונגענ פונ פרייד.

— אלע צוזאמענ, פארשטייסט, אלע צוזאמענ!..

מער האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגנ.

געגעסנ אָוונטברויט האָבנ מיר בא אנ עמעסנ גרויסנ טיש אינ דער קאיוט-קאָמפאניע. עס האָט זיך נאָך אלצ ניט געגלייבט, אז אונטער די פיס איז פעסטער באָדנ.

— אָטאָ יוליעוויטש, אונדזער אינדזל דרייפט ניט?

— נו, מיקויעב דעמ קאָנ מענ זיינ גאנצ רויק.

— הייסט עס, אז איצט דארפ מענ ניט באשטימענ די קאָרדינאטנ?

אָטאָ יוליעוויטש לאכט:

— מע דארפ ניט...

מיר קערנ זיכ אומ אפנ קאָנטינענט

„סאדקאָ“ איז ארויס אינ יאמ. די עסקאדרע פליט ארויס אפנ קאָנטינענט. איבער דער באקאנטער טראסע. דער אעראָדראָמ אינ אמדערמע. מיר זײַנענ אפנ קאָנטינענט.

13 יונ.

„סאדקאָ“ איז אונטער דער אָנפירונג פונ טשוכנאָווסקי אונ בורקע ארויס פונ ארכאנגעלסק אינ יאמ. ער פירט פאר אונדז בענזינ אונ רעדער.

נאָכ דעמ, ווי אלעקסייעוו אעראָפּלאנ האָט זיכ אומגעקערט אפנ אינדזל רוראָלפ, איז די פּאָליארע אָפּעראציע, ווי אָטאָ יוליעוויטש האָט געזאָגט, געווענ פארענדיקט. אלע לופט־שיפנ האָבנ זיכ ווידער פארזאמלט צוזאמענ. מיר האָבנ זיכ געפונענ אפ דער פעסטער ערד. אָבער פונדעסטוועגנ האָבנ מיר ניט געקאָנט האלטנ, אז אונדזער אופגאבע איז אויסגעפילט ביזנ סאָפ.

מע האָט געקאָנט וואַרטנ אפנ אָנקומ פונ דעמ אײַזשפּאלטער אפ פראנצ־יאָזעפס לאנד, אָנלאָדנ אפ אימ אונדזערע מאשינעס אונ אָנ איבעריקער ריזיקע אונ טירכע אומקערנ זיכ אינ ארכאנגעלסק. אָבער דער קאָלעקטיוו פונ דער עקספּעדיציע מיט אָטאָ יוליעוויטשנ אינ דער שפּיצ האָט געהאלטנ, אז אזא פינאל איז ניט אָנעמבאר.

אינ א כמורנעמ מאָסקווער באגינענ האָבנ מיר סטארטירט פונ מאָסקווע, אונ מיר האָבנ געהאלטנ, אז עס איז די זאכ פונ אונדזער כאָוועד צו פינישירנ אינ מאָסקווע, ברענגענ אינ פולער אָרדענונג אונדזערע גלענצנדיקע מאשינעס, וועלכע זײַנענ אצינד געוואָרנ הימאָרישע.

בלויז האנ, ווענ עס וועט געשלאָסנ ווערנ אינדערלופטנ דער קרײַז מאָסקווע—צאָפנ=פאָליוס—מאָסקווע, וועלנ די אָנטײלנעמער פונ דער עקספעדיציע מיט א רײנעמ געוויסנ קאָנענ זאָגנ:

„יאָ, מיר האָבנ ביזנ סאָפ אויסגעפילט די אויפגעבונג פונ דער פאַר= טײ אונ פונ דער רעגירונג".

אָט פאַרוואָס מיר האָבנ שוינ אפ מאָרגנ נאָכ אונדזער אומקערנ זיכ אפנ אינדזל רודאָלפ מיט דער גאנצער ענערגיע ווידער גענומענ גרייטנ אונדזערע שיפנ אינ וועג ארײַנ.

מיר האָבנ איבערגעלאָזנ די רעדער פונ אונדזערע מאשינעס אינ נאַריאַנ=מאַר, אומבײַטנדיק זײ דאָרט אפ ליזשעס. אָבער איזעקגעפלויגנ זײַנענ מיר פונ נאַריאַנ=מאַר נאָכ אינ אפרעל, פונ דאנ אָנ זײַנענ אוועק צוויי כאָדאָשימ, אונ איצט האָט גאָר קיינ רייד ניט געקאָנט זײַנ וועגנ דעמ, אז מע זאָל קאָנענ אראָפנידערנ אינ נאַריאַנ=מאַר אפ ליזשעס.

איז געבליבנ אמדערמע. עמעס, דער וועג קיינ אמדערמע האָט באַ= טײַט ענדערנ אונ פאַרלענגערנ דעמ מאַרשרוט, נאָר קיינ אנדער אויס= וועג האָבנ מיר ניט געהאַט.

אָבער אויכ מיט אמדערמע האָט מענ זיכ געדאַרפט צווײַלנ. מיט יעדנ טאָג איז דער שניי=צודעק פונ דעמ אמדערמער אעראָדראָמ גע= וואָרנ אלצ מער אונ מער צעקראָכנ, אונ, ווענ מיר זאָלנ זיכ פאַר= זאַמענ אפנ אינדזל רודאָלפ איבעריקע עטלעכע טעג, קאָנענ מיר באַ= קומענ פונ אמדערמע אזא מינ ראַדיאָגראַמע:

„דער אעראָדראָמ איז פאַרמאַכט. מיר קאָנענ אײַכ ניט אופנעמענ".

איצט איז פאַרשטענדלעכ דער ברענ, מיט וועלכנ מיר האָבנ גענומענ גרייטנ די מאַשינעס צומ ארויספלי.

דעמ 10 יונ אינדערפרי זײַנענ מיר אלע געווענ אפנ אעראָדראָמ.

מע האָט אָנגעהויבנ אָנפּאָמפּענ די מאַשינעס מיט ברענשטאָפ. עס איז פאָרגעשטאַנענ א היפשער וועג איבערנ יאַמ, אונ מיר האָבנ אָנ= געפאָמפּעט אינ די באַקנ פונעמ אעראָפלאַנ אזויפיל ברענשטאָפ, וויפל עס איז אינ זײ ארײַנ, נעמענדיק אינ אכט, אז די באַקנ זײַנענ געווענ ניט קיינ גומענע, ווי פאַפּאַנינס באַלאָנענ, נאָר מעטאַלענע. דערנאָכ האָבנ די מעכאַניקער באַקוקט די מאָטאָרנ. נאָכ דעמ האָט מענ זיכ גע= מוזט נעמענ פאַרנ טואַלעט פונ די מאַשינעס.

זײַנערצײַט, פאַרנ ארויספלי אפנ צאָפנ=פאָליוס, האָבנ מיר, קעדײ

צו פארגרינגערנ די מאשינעס, אויסגעטאָנ זיי מוטער־נאקעט. מיר האָבנ אראָפגענומענ פונ די עראָפלאנענ אלצ, וואָס די זיכערקייט־טעכניק האָט נאָר דערלויבט — די אינערלעכע טירנ, די רעזערוונע זיצ־פלעצער, די אפאראטנ, אָנ וועלכע מע האָט זיכ געקאָנט באגיינ, אאוו. מאָלאָקאָוו האָט אפילע די קישנ פונ זײַנ פילאָטישנ שטול אראָפגענומענ. איצט האָט מענ געמוזט צוגעבנ די מאשינעס א לײַטישנ אויסזענ, אָנטאָנ צוריק די גאנצע אויסשטאטונג, וואָס מיר האָבנ אראָפגענומענ.

אונטערטרײַבנ איז קיינעמ ניט אויסגעקומענ. כוצ דער הויכער באוווסטזיניקייט פונ דעמ גאנצנ קאָלעקטיוו, זײַנענ דאָ ארויס אפ דער סצענע אויכ גאנצ פארשטענדלעכע מאָטיווּנ פונ פערזענלעכנ כאראקטער: עס האָט זיכ געוואָלט אומקערנ וואָס גיכער אהיימ צו די קרויווימ, נאָענטע פרײַנט אונ כאוויירימ. עס האָט זיכ געוואָלט אומקערנ קיינ מאָסקווע.

אלזאָ, מיר האָבנ זיכ ניט געלאָזט בעטנ. די מאשינעס זײַנענ געווענ גרייט שוינ דעמ עלפטנ יונ. אינ אמדערמע איז אויכ אלצ געווענ אינ אָרדענונג. דעמ צענטנ באטאָג איז אָנגעקומענ א ראדיאָגראמע וועגנ דעמ, אז מע קאָנ פליִענ.

אָבער אינ אונדזערע כעזשבוינעס האָט זיכ ארײַנגעמישט דער וועטער. עס האָט זיכ געדאכט, אז די ארקטיק וויל אונדז ניט ארויסלאָזנ פונ אירע לאפעס. אונדזער געדולד האָט געפלאצט.

דעמ צענטנ איז געווענ ווארעמ, פײַכט אונ ווינטיק, דעמ עלפטנ איז געווענ ווארעמ, פײַכט אונ ווינטיק. נעכטנ איז געווענ ווארעמ אונ פײַכט. הײַנט א גאנצנ טאָג איז א פײַכטער, נאסער, שלעכטער וועטער...

אייערנעכטנ זעקס אזייגער פארטאָג האָט מענ אינ ראדיאָ איבערגעגעבנ די רעגירונגס־מיטיילונג וועגנ דעמ נידערטרעכטיקנ פארעטער פונעמ היימלאנד, דעמ שפיאָנ טוכאטשעווסקי אונ זײַנע מיטשולדיקע. די פארעטער האָבנ געפירט אנ עקלהאפטע אונטערערדישע שפיאָניש־דיווערסאנטישע ארבעט. זיי האָבנ געוואָלט פארקויפנ אונדזער לאנד די פאשיסטנ אונ אופשטעלנ די קאפיטאליסטישע אָרדענונג.

דער שוידערלעכער פאראט פונ טוכאטשעווסקינ אונ פונ זײַנ נידערטרעכטיקער באנדע האָט ארויסגערופנ בא אונדז צאָרנ אונ אופרעגונג. נעכטנ אינ אָוונט איז אינ דער קאיוט־קאָמפאניע פאָרגעקומענ א מיטינג. עס האָבנ גערעדט אָטאָ יוליעוויטש, מאָלאָקאָוו, ספירינ. צו

אמדערמע.

דער צײַט האָבן מיר זיך שוין דערוווּסט וועגן דעם אורטייל. מיר האָבן אַלע אײַנמוטיק באַגריסט דעם באַשלוס פֿונעם העכסטן געריכט וועגן צעשיסן די פֿאַראַכטע פֿאַרעטער.

מיר שטרעבן וואָס גיכער אומצוקערן זיך אויף קאָנטינענט, קיין מאָסקווע.

14 יוני.

אויף הײַנט האָט דזערדזשיעווסקי צוגעזאָגט אַ גוטן וועטער. דערײַבער האָבן מיר נעכטן אין אָוונט זיך פֿרי געלייגט שלאָפֿן, זיך אויפֿגעכאַפּט פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג און מער שוין ניט געקאָנט שלאָפֿן.

ניט געשלאָפֿן איז אויך דזערדזשיעווסקי. ער איז אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט איבער דער סינאָפּטישער קאַרטע, פֿאַרזיכערנדיק, אַז אינדערפֿרי וועט זיך אויסלײַטערן.

אינדערפֿרי איז דער וועטער אויפֿן אינדזל רודאָלף טאַקע בעסער געוואָרן. דער דרוק איז שנעל געשטיגן. די מעכאַניקער זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן אַעראָדראָם. נאָך זיי האָבן זיך געלאָזט אויך די פּילאָטן מיט זייער גאַנצן פֿערזענלעכן ביסל גוטס.

אויף דער ווינטער־סטאַנציע זײַנען פֿאַרבליבן נאָר מיר, איך און דזערדזשיעווסקי, קעדיי אַ זאָגדיר צו טאָן די אַטמאָספֿער אין דער הייך.

איבערן אינדזל רודאָלף איז געווען אַ לויטערער הימל, אָבער פֿון יאַם האָט זיך געשפּרייט עפּעס אַ שוואַרצער נעפּל.

דזערדזשיעווסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער הינטערשטער קאַבינע, און איך האָב אַוועקגעפֿירט דעם „או—2“ צום אַרופֿלי. דער געדיכטער קלעפּיקער שנײַ האָט געשטערט אָפּרײַסן זיך. איך האָב זיך פֿאַנאַנדערגעיאָגט אַ צווייט מאָל, אַרופֿגעפֿלויגן און גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטיקנדיקן, געדיכטן נעפּל. כ׳האָב זיך דורכגעשלאָגן דורכן נעפּל, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז װײַטער איז אַן אויסגעצייכנטער און קלאָרער וועטער. גלײַך האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז בײַ די ברעגן פֿונעם אינדזל איז היפּש צוגעקומען דאָס וואַסער. עס האָט זיך דערנעענטערט דער פּאָליאַרער זומער.

אָפּגעווען אין דער לופֿט אַ האַלבע שעה, האָב איך אַראָפּגעניידערט. דערנאָך האָב איך גענומען אויפֿן באָרט סטאַראָזשקאָ און בין

אזועקגעפלויגנ מיט אימ צו באשטימענ די הייכ פונ דער וואָלקנדיקייט איבערנ קופאָל. ענדלעכ, צומ דריטנ מאָל, איינשטעלנדיק א מעטעאָראָגראפ אפנ אעראָפּלאנ, האָבנ מיר מיט דזערדזיעווסקינ זיכ אופגעהויבנ אפ 3000 מעטער.

מע זעט אויסגעצייכנט דעמ גאנצנ ארכיפעלאג. דער קופאָל איז אָפנ. עס שייַנט די זונ. די טעמפעראטור איז עלפ גראד פראָסט. איצט איז אקוראט די צייַט צו פליִענ.

מיר האָבנ אראָפּגעגנידערט. דזערדזיעווסקי טיילט מיט וועגנ די רעזולטאטנ פונ אונדזער אויספירונג, אָבער ארויספליִענ אייצעט ער ניט.

— איבער אונדזער מארשרוט דארפ דורכגיינ א ציקלאָנ. באגעגנענ זיכ מיט אימ אינ דער לופט רעקאָמענדיר איכ ניט. מע דארפ אויסווארטנ, קעדייַ ניט אָנצויאָגנ אימ אינ וועג.

דער אוילעמ, וואָס איז געשטימט ארויסצופליִענ, הייבט זיכ אָנ צו ערגערנ. אָבער די קאָמאנדירונג באשטימטווארטנ.

אָוונט-צו ווערט קאליע דער וועטער. דער נעפל פארדעקט די ווינטער-סטאנציע אונ דעמ קופאָל.

עס לאָזנ זיכ הערנ שטימענ:

— נו, פארשלאָפנ דעמ וועטער. איצט וועלנ מיר ווארטנ ביז הארבסט, ביזוואנענ עס וועט קומענ אנ אייַזשפאלטער

— א געזעגענע אראָפּגנידערונג אינ ראיאָנ פונ נאָוואיא זעמליא בא אזא וועטער, ווי איצטער, — איז דאָס סאמע אומבאקוועמע מיטל צו באגיינ זעלבסטמאָרד. — ענטפערט קאלטבלוטיק באָריס לוואָוויטש.

אומצופרידענע, לייגנ מיר זיכ שלאָפנ.

15 יונ.

קימאט א גאנצע נאכט זייַנענ מיר ניט געשלאָפנ. דזערדזיעווסקי איז ווידער געזעסנ איבער די קארטעס ניט אויסגלייַכנדיק דעמ רוקנ. יעדע רעגע פלעגט זיכ עמעצער פונ אונדז אופהייבנ א קוק צו טאָנ אפנ באראָמעטער אונ אפנ הימל. דער דרוק איז געווענ אנ אָנשטענדיקער, נאָר דער נעפל, וואָס האָט געדיכט ארומגעלייגט דעמ קופאָל אונ די ווינטער-סטאנציע, האָט בעשומויפנ ניט געוואָלט פאנאנדערגיינ זיכ.

פיר אזייגער אינדערפרי זײַנענ מיר אינגאנצנ אופגעשטאנענ, האָבנ זיכ אָנגעטאָנ אונ צוגעביסנ. פינפ אזייגער האָבנ מיר זיכ אװעקגעלאָזט צום אעראָדראָם.

די מאָטאָרנ זײַנענ אויסגעפרוּװט, די מאשינעס—גרייט. באָריס לװאָװיטש האָט ענדלעכ אָנערקענט, אז עס איז מעגלעכ צו פליענ, דער װעטער אפ דער טראסע רודאָלפ—אמדערמע האָט זיכ פארבעסערט. נאָר װאָס טויג עס אונדז, אז דער אָרטיקער נעפל מאכט דעם ארופלי קימאט פאר ניט מעגלעכ.

דער סטארט איז אָנגעצייכנט, װי עס פירט זיכ, קעגנ װינט, אראָפ-בארג. דער בארג לאָזט זיכ שטיל אראָפ צום יאם אונ פארענדיקט זיכ מיט אנ אָפהאנג.

בײַקומענ אזא סטארט, װענ דער פילאָט זעט גאָרניסט פאר זיכ צוליבנ נעפל, איז קימאט ניט מעגלעכ.

עס זײַנענ געקומענ צו פאָרנ אָטאָ יוליעװיטש אונ שעװעליאָװ. מאזורוק האָט אפנ װעזדעכאָד באטראכט דעם סטארט, אומגעקערט זיכ אינ מיטגעטיילט, אז אראָפ-בארג איז די זעעװדיקײַט עטװאָס בעסער אינ ארופליענ װעט זיכ, עפשער, אײַנגעבנ. װאָדאָפיאנאָװ האָט זיכ אויכ ארויסגעזאָגט פארנ ארופלי.

מע איז זיכ פאנאנדערגעגאנגענ צו די מאשינעס. דער פלאגמאנ איז אװעק צום סטארט. דרײַ מאָל איז זיכ װאָדאָפיאנאָװ פאנאנדערגעלאָפנ, אָבער דער נאסער אונ קלעפיקער שניי האָט געװירקט, װי א טאָרמאָז, אונ דער אעראָפלאנ האָט ניט געקאָנט אנטװיקלענ די נייטיקע גיכקײַט.

ענדלעכ איז װאָדאָפיאנאָװ געלונגענ פאנאנדערצױאָגנ די מאשינ. ער האָט זיכ א ריס געטאָנ פאָרויס אונ איז פארשװוּנדנ אינ נעפל.

עס איז געװענ 8 אזייגער מיט 15 מינוט אינדערפרי. דעם מאָמענט פונ אָפרײַסנ זיכ האָבנ מיר ניט געזענ, אָבער מיר האָבנ באשלאָסנ: װײַזט אויס, ארופגעפלויגנ.

צום סטארט איז אװעק מאָלאָקאָװ, נאָכ אימ — גאָלאָװינ. װענ בײדע מאשינעס זײנענ פארשװוּנדנ פונ אויג, זײַנענ מיר אויכ אװעק.

מיט מאטערניש אָפרײַסנדיק זיכ פונ אָרט, אָנגעשטרענגט אײַנקוקנדיק זיכ אינ דעם מילכ-װײַסנ נעפל, יאָגט אלעקסייעװ פאנאנדער די מאשינ, מיט יעדער סעקונדע גייט דער װײַזער פונ דעם גיכקײַט=

צײַגער אלצ האסטיקער אוועק אפ רעכטס. נאָכ א רעגע — אונ קיינ שומ קראפט וועט שוינ ניט זײַנ אימשטאנד אונדז אָפצושטעלנ. נאָר פלוצעמ, אינ רעכטנ גאנג, פארקערעוועט אלעקסייעוו די מאשינ אָנ א זײַט.

אפנ שניי אונטערנ אָפהאנג שטייענ מיט אויסגעשלאָסענע מאָטאָרנ גאָלאָווינס אונ מאָלאָקאָווס אעראָפלאנענ. בא מאָלאָקאָווג האָבנ זיכ באמ ארופלי איבערגעווארעמט די מאָטאָרנ.

ווו זשע איז וואָדאָפיאנאָוו ?

ווי ענטפערנדיק אפ דער דאָזיקער פראגע, טראָגט זיכ דער פלאגמאנ דורכ נידעריק איבער אונדז אינ נעפל — מיר זעענ אימ ניט, מיר הערנ אימ בלויז. דער קלאנג פונ די מאָטאָרנ ווערט שטילער, אונ דערנאָכ הערט מענ אימ אינגאנצנ ניט. אוועקגעפלויגנ!

די טראקטאָרנ שלעפנ די אעראָפלאנענ ארופ-בארג. זינקענדיק אינ שניי, אָנשטרענגענדיק אלע זייערע קויכעס, הייבנ אופ די טשעליאבינצעס דעמ „פססר נ—171“ אונ דעמ „פססר נ—166“.

ניט שוינ זשע איז וואָדאָפיאנאָוו אליינ אוועקגעפלויגנ צו אמדערמע ? אינ אָנדערהאלבנ שאָ ארומ דערהערט זיכ איבערנ אעראָדראָמ א הורזשערײַ פונ מאָטאָרנ אונ דער פלאגמאנ נידערט גלענצנדיק אראָפ אינ געדיכטנ נעפל. דערזענ, אז די איבעריקע אעראָפלאנענ זײַנענ ניט ארופגעפלויגנ, האָט דער קאָמאנדיר באשלאָסנ אומצוקערנ זיכ צוריק.

דער וועטער ווערט אלצ ערגער אונ ערגער, אָבער ארויספליענ הײַנט מוזנ מיר.

פונ אמדערמע איז אָנגעקומענ א ראדיאָגראמע:

„דער אעראָדראָמ צעגייט וואָס פונ שאָ... מיר פירנ צו שניי פונ דער אומגעגנט... מיר שטרענגענ אָנ אלע קויכעס אײַנצוהיטנ דעמ אעראָדראָמ נאָכ אפ דרײַצנ—פערצנ שאָ“.

דאָס איז די לעצטע האָפענונג. אויב מיר וועלנ ניט אוועקפליענ הײַנט, וועט מענ מוזנ וואַרטנ ביז הארבסט.

א גאנצנ טאָג זײַנענ די מעכאניקער ניט אָפגעטראָטנ פונ די אעראָפלאנענ. זיי האָבנ געווארעמט די מאָטאָרנ, אוועקגעלאָזנ זיי, דערנאָכ אויסגעשלאָסנ די מאָטאָרנ אונ באדעקט זיי מיט ציכנ, דערנאָכ ווידער געווארעמט, אוועקגעלאָזנ אונ אזוי ווײַטער.

מע האָט געוואַרט אַפּ אַ גוטן וועטער.

אַזוי איז אָנגעקומען דער אָוונט. אַ פּאַרמאַטערטער און אַ הונגערי־קער בין איך אַרײַנגעקראָכן אין פליגל פון אונדזער אַעראָפּלאַן און ניין אַנשלאָפן געוואָרן. אופגעוועקט האָט מיך אַ ווילדער געשריי:

— אוועקלאָזן די מאָטאָרן!

לויטן טאָג פון באַפעל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַטײַט „אַרויספליען". נאָך ניט אויסגעשוכעט זיך פון שלאָף, בין איך אין איין רעגע געווען באַם שטורוואַל.

די מאָטאָרן האָבן שוין געאַרבעט. איך האָב זיך אַרויסגערוקט פון דער קאַבינע און האָב דערזען, אַז אַרום האָט זיך אויסגעלײַטערט און די האַריזאָנטאַלע זעעוודיקײַט האָט זיך פאַרבעסערט.

אַ באַקאַנטער גערויש פון מאָטאָרן האָט מיך געצוווּנגען אופהייבן דעם קאָפּ. דאָס האָט זיך דער „או—2" אומגעקערט פון אַן אויס־שפּירונג.

מאַזורוק איז אַרויסגעשפּרונגען אַפן שניי.

— אַרום איז לויטער, מע קאָן פליען!

דאָס מאָל האָט זיך די אָרדענונג פון אַרופלי געענדערט, דער ערשטער גייט אַוועק אין דער לופט מאָלאָקאָוו, דערנאָך קומט אָן אונדזער ריי.

שאַרף אויסקערעווענדיק זיך באַ דער ווינטער־סטאַנציע אין דער ריכטונג צום גלעטשער, האָט אַלעקסייעוו אַוועקגעפירט די מאַשין באַרג־אַראָפּ, דער ווײַזער פון דעם גיכקײַט־צײַגער שפּרינגט איבער ציפערבלאַט. מיט יעדער סעקונדע טראָגן מיר זיך אַלץ שנעלער אַי־בערן וועג צום אָפּהאַנג.

80... 90... 100... 120...

אַפּ דער דאָזיקער גיכקײַט דאַרף זיך די מאַשין אָפּרײַסן פון דער ערד. אָבער עפּעס אַ קאָלאָסאַלע קראַפט דריקט צו דעם אַעראָפּלאַן צום שניי. ער טראָגט זיך מיט אַ געוווי צום אָפּהאַנג און רײַסט זיך ניט אָפּ.

130... 140... 150...

„אויב די מאַשין וועט זיך אין די נאָענטסטע סעקונדן ניט אָפּ־רײַסן, וועט דאָס זײַן פאַרן עקיפּאַזש דער לעצטער אַרופלי" — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק אין מויעך.

פארשטייט זיכ, די מאשינ איז ארופגעפלויגנ (אויב זי וואָלט ניט ארופגעפלויגנ, וואָלט איכ שוינ מיסטאמע ניט געקאָנט אָנשרייבנ די דאָזיקע שורעס). אָבער ווענ דער אעראָפלאנ וואָלט זיכ ניט אָפגעריסנ אינ אָט דעמ לעצטנ אויגנבליק, וואָלט אונדז שוינ קיינ זאכ ניט געקאָנט העלפנ...

מיר האָבנ זיכ א גליטש געטאָנ איבערנ אָפהאנג אונ זיינענ געבליבנ הענגענ אינ דער לופט.

16 יונ.

ניט איינ מאָל פאר דער צייט פונ דער עקספעדיציע האָט מיר אויפריכטיק באנג געטאָנ, וואָס איכ בינ ניט קיינ פראָפעסיאָנעלער ליטעראט. איכ שטעל מיר פאָר, ווי עס וואָלט באשריבנ אונדזער סטארט פונעמ אינדזל רודאָלפ א דערפארענער זשורנאליסט.

צומ באדויערנ, האָבנ מיר בייסנ ארופלי ניט געהאט קיינ צייט צו פארנעמענ זיכ מיט זיכ אונ מיט אונדזערע איבערלעבונגענ. מע האָט זיכ געדארפט פארנעמענ מיט דער ארבעט: נאָכשפירנ נאָכ דער אפאראטור, נאָכ דעמ גיכקייט=צייגער, נאָכ דעמ, וואָס עס האָט זיכ געטאָנ פאָרויס פארנ אעראָפלאנ, אונ טרעפנ, וואָס עס טוט זיכ אינ נעפל. מע האָט געדארפט ארופפליענ, אונ מיר זיינענ ארופגעפלויגנ!

נאָר יענע באוויירימ, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אינ דער קאבינע פונ אעראָפלאנ אונ זיינענ אינ דעמ מאָמענט ניט געווענ פארנומענ מיטנ פילאָטאזש, דערציילנ זייער אינטערעסאנט וועגנ זייערע איבערלעבונגענ.

ווילענסקי זאָגט:

— איכ בינ קיינמאָל ניט געווענ אינ אנ אוויאציע=אוואריע. איכ האָב קיינמאָל אפילע פונדערווייטנ ניט געזענ קיינ לופט=קאטאסטראָפע אונ איכ האָב דעריבער ניט געפילט די געפאר. דער אעראָפלאנ האָט זיכ א ריר געטאָנ אונ גענומענ לויפנ. איכ זע דעמ קליינעמ „או—2“, וועלכנ מע האָט אוועקגעשטעלט אפ אָנצווייזנ דעמ אָפרייס=אָרט. אָט זיינענ מיר אפ דער ליניע פונ דעמ אעראָפלאנ. איכ טראכט, אז מע וועט באלד אויסשליסנ דעמ גאז, קעדיי צו גיינ ווידער צומ סטארט. מע שליסט ניט אויס, מע גאזע=

וועט נאָכ שטאַרקער. איכ פאַרשטיי גאָרנישט. מע האָט עפשער נאָר דעמ „או—2" איבערגעשטעלט?

לעבנ מיר איז געשטאַנענ דער מעכאַניק סוגראָבאָוו, אַנ עלטערער מענטש, אַנ אַלטער אַוויאַציע-וואָלפ. איכ זע, אַז ער קוקט אינ איינ פינטל און זיינ פּאָנעמ בייט זיכ—עס ווערט בלייכ. איכ זע, אַז ער קוקט אויפנ גיכקייט-ציינגער, און איכ פאַרשטיי נאָכ ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. איכ פיל, אַז איבערנ פלייצע לויפט דורכ א שווידער.

דער עראָפּלאַנ לויפט מיט א שנעלקייט פונ 140 קילאָמעטער א שעה. אָבער אויב די מאַשינ קאָנ זיכ ניט אָפּרייסנ בא אַזא שנעלקייט, אויב דער באַגרענעצער איז פאַרבליבנ העט ווו און מיר לויפנ אונטער אַזא ווינקל באַרג-אַראָפּ, איז אונדז, אַפּאָנעמ, קיינ שומ קראַפט ניט אימשטאַנד אָפּצושטעלנ, און, וויזט אויס, די לאַגע איז א פאַסקודנע. נאָר איכ כאָזער איבער, איכ בינ קיינמאָל ניט געווענ אינ אַוויאַציע-אַוואַריעס און האָב עס אַלצ ניט געקאָנט באַגרייפנ.

דערביי האָט זיכ געפונענ דער אינזשעניער טימאָפייעוו. ער איז שעפ פונ א צעכ אויפנ זאַוואָד, וווּ מע האָט געבויט די עראָפּלאַנען. טימאָפייעוו האָט א קוק געטאָנ, וואָס דאָ קומט פאָר, און איז אַוועק אינ פליגל. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגנ דאָס דאָזיקע בילד. ער האָט בעסער פונ מיר פאַרשטאַנענ די לאַגע.

דערנאָכ האָט מענ מיר דערקלערט, אַז עס איז געווענ אַזא רעוואָלטירנדיקע, אַז זי האָט אונדז צוגעדריקט צו דער ערד. צוויי מענטשנ, אַלעקסייעוו און מאָשקאָווסקי, האָבנ דעמ גאַנצנ קויעכ פונ זייערע פיס און הענט אַרייננגעלייגט אינ רודער, און זיי האָבנ געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג, איכ רעכנ, אַז זיי האָבנ קיינמאָל אינ לעבנ אַזא אָנשטרענגונג ניט געמאַכט.

אינ דער לעצטער סעקונדע האָב איכ דערזענ, אַז די ליזשע רייבט זיכ ניט אָנ שניי. איכ האָב דערזענ דעמ קאָפּ, א ריזיקנ שטייגערנעמ שלופ, צו וועלכנ מיר האָבנ זיכ געטראָגנ מיט א ווילדער קראַפט...

אָט וואָס עס האָט איבערגעלעבט איינער פונ אונדזערע פּאַסאַזשירנ, זיצנדיק אינ דער קאַבינע. דאָס אַלצ האָבנ מיר, פילאָטנ, ניט געזענ. מיר האָבנ געדאַרפט אַרופליענ און מיר זיינענ אַרופגעפלויגנ.

נאָכ דעמ, ווי מיר זיינענ אַרופגעפלויגנ, זיינענ מיר גלייכ אַריינ אינ וואָלקנס. קעדיי צו באַגעגענענ זיכ מיט די איבעריקע עראָפּלאַנענ,

האָט מענ געדארפט דורכשלאָגנ די וואָלקנדיקײַט. אפ דער הייכ פונ 500 מעטער זײַנענ מיר ארויס פונ די וואָלקנס. דעמ אעראָפלאנ האָט פארפלייצט מיט זונ=שײַנ. מאָלאָקאָוו האָט שוינ אפ אונדז געווארט.

טראָצ אונדזערע דערוואַרטונגענ האָט זיכ דאָ אויכ ארומגעדרייט גאָלאָווינס „פססר נ—166“, וועלכנ מע האָט אפ דער ערד ניט געקאָנט רירנ אפילע מיט דער הילפ פונ טראקטאָרנ. וואָדאָפיאנאָוו איז נאָכ ניט געווענ. ער האָט געדארפט סטארטירנ דער לעצטער.

דיסקאָנטירנדיק דעמ אינדערפרײַקנ אומגעלונגענעמ סטארט, האָט מיכאַיל וואסיליעוויטש באשלאָסנ:

— איכ וועל אזוי אָדער אנדערש זיכ אָפרײַסנ. זאָלנ פריִער ארופליִענ די איבעריקע שיפנ. איכ וועל זענ, ווי זיי וועלנ זיכ אופהייבנ, אונ דערנאָכ וועל איכ גייג אפ ארופ.

מיר האָבנ זיכ געדרייט איבער די וואָלקנס אפ איינ אָרט, ווארטנדיק, ביז עס וועט זיכ באווײַזנ דער פלאגמאנ.

20 אזייגער מיט 10 מינוט איז וואָדאָפיאנאָווס אעראָפלאנ ארויסגעשווומענ פונ די וואָלקנס. 20 אזייגער מיט 30 מינוט האָבנ מיר זיכ געלייגט אפנ קורס.

פונעמ אינדזל רודאָלפ, דעמ סאמע צאָפנדיקנ פונקט פונ פראנצ=יאָזעפס לאנד ביז אמדערמע, וווּ מיר האָבנ געדארפט אראָפנידערנ, האָט אונדז אָפגעטיילט א שטרעקע פונ 1 450 קילאָמעטער. מיר האָבנ געדארפט דורכשנײַדנ דאָס גאנצע פראנצ=יאָזעפס לאנד פונ צאָפנ אפ דאָרעמ, דעמ בארענצ=יאמ, דעמ אינדזל נאָוואיא זעמליא, דעמ קארישנ יאמ אונ, איבערלאָזנדיק פונ רעכטס דעמ אינדזל ווײַגאטש, ארויסגייג צו אמדערמע.

צומ ערשטנ מאָל פאר דער גאנצער צײַט פונ דער עקספעדיציע האָבנ מיר געדארפט בײַקומענ אָנ אנ אראָפנידערונג אזא גרויסע שטרעקע.

אינ א שאָ מיט עפעס ארומ איז אונדזער עסקאדרע דורכגעגאנגענ דעמ ארכיפעלאג אונ איז ארויס צומ בארענצ=יאמ.

מיר זײַנענ געגאנגענ אפ דער הייכ פונ 1 300 מעטער. דער בארענצ=יאמ איז געווענ באהאלטנ פונ אונדזערע אויגנ מיט א דורכוויסיקער וואָלקנדיקײַט. דזערדזיעווסקי האָט אונדז ניט אונטערגעפירט: איג דער הייכ, איבער די וואָלקנס, איז געווענ אנ אויסגעצייכנטער וועטער.

בײַטנדיק זיכ מיט אלעקסײעװנ — איכ א שאָ, ער א שאָ —האָבנ מיר געפירט דעמ אעראָפּלאַנ. אינ קאבינע איז געװענ װארעמ. דער טערמאָמעטער האָט געװיזנ פינפ גראד העכער פונ נול. קעדיי צו פארהיטנ די אויגנ פונ די שטראָמענ זונ=שײַנ, האָב איכ אָנגעטאָנ ברילנ מיט א ליכטפילטער.

עס איז אריבער מײַנ שאָ. אלעקסײעװ האָט ארופגעלײגט די הענט אפנ שטורװאל, אונ איכ האָב זיכ געכאפּט, אז איכ װיל זײער שלאָפנ. די מאָנאָטאָנישקײַט פונ דעמ בילד שלעפערט אײַנ. עס לאָזנ זיכ פילנ אויכ די צװײ שלאָפלאָזע נעכט. איכ באמערק ניט, װי עס פארמאכנ זיכ מײַנע אויגנ, איכ טו זיכ א זעצ מיטנ שטערנ אָנ שטורװאל אונ קומ צו זיכ. איכ שטרענג אָנ דעמ װילנ, פארטרײַב דעמ שלאָפ אונ זעצ זיכ באקװעמער אװעק אינ שטול.

איצט װילט זיכ מיר עסנ. צומ לעצטנ מאָל האָבנ מיר צוגעביסנ מיט א שאָ צװאנציק צוריק. פּונקט, װי ער װאָלט געטראָפנ, װעגנ װאָס איכ טראכט, דערלאנגט מיר דער צװײטער באָרטמעכאניק, װאגיע שמאנדינ, פונ הינטנ א שטיקל שאָקאָלאד.

דעמ שטורמאנ זשוקאָװ האָט זיכ שוינ אײַנגעגעבנ צו פארבינדנ זיכ דורכ ראדיאָ מיטנ אינדזל װײַגאטש. מיר פליִענ, אונ אונדז הערנ אלע פּאָליאר=סטאנציעס. עס הערט אונדז דיקסאָנ, מאטאָטשקינ שאר, יוגאָרסקי שאר, דער קאפּ זשעלאניע. פונ דעמ באװוסטזײַנ, אז נאָנ יעדנ קילאָמעטער פונ אונדזער װעג שפּירט נאָכ די גאנצע ארקטיק, װערט אפנ הארצנ פרײלעכער אונ עס באהערשט אונדז א רויִקע זיכערקײַט.

23 אזײגער מיט 25 מינוט האָבנ זיכ אפנ האָריזאָנט באװיזנ די בערג פונ נאָװאיא זעמליא. מיר גײענ נאָכ אלצ איבער די װאָלקנס. 23 אזײגער מיט 55 מינוט זײַנענ מיר צוגעגאנגענ צומ אינדזל נאָװאיא זעמליא, אונ דאָ, בא זײַנ ראנד, אפ דעמ טראװערז פונ די גאָרבאָװס אינדזלענ האָט זיכ די װאָלקנדיקײַט געענדיקט.

איכ האָב ארויסגענומענ דעמ פאָטאָ=אפּאראט, א דערשטוינטער פונ דער װונדערלעכער לאנדשאפט פונ נאָװאיא זעמליא, װאָס איז געװענ באלויכטנ פונ דער צאָפנדיקער זונ.

דאָס זײַנענ געװענ װונדערלעכע קאָמבינאציעס פונ פאָרמענ אונ שאטירונגענ, װאָס שטײַגנ אריבער די סאמע רײַכסטע פאנטאזיע פונ א קינסטלער. קײנער קאָנ ניט בלײַבנ גלײַכגילטיק צו אזא מערקװירדי=

אפ דאָרעמ!

אָטאָ יוליעוויטש, דער פארטאָרג פונ דער עקספּעדיציע דאָגמאראָוו
אונ דער קאָרעספּאָנדענט פונ „איזוועסטיא" ווילענסקי.

קער שפּיל פונ פארבנ אונ ליניעס! די פעלדונ, אָנגעוואַלגערטע איינער אפנ אנדערנ אינ אומבאגרײַפלעכע קאָמבינאציעס, האָבנ געפלאַקערט, באָדנדיק זיכ אינ די זונ=שטראלנ. אינ איינ אויגנבליק זײַנענ פארשווּנדנ די רעשטלעכ שלעפעריקײַט, אונ איכ האָב זיכ ניט אײַנגעהאלטנ אונ אָפּגעקנאקט די גאנצע פאָטאָ=סטענגע ביזנ סאָפ.

0 אזייגער מיט 35 מינוט. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַער טאָג— דער זעכצנטער יונ. פרי׳ער זײַנענ מיר א ביסל אָפּגעשטאנענ, נאָר איצט האָבנ מיר אָנגעיאָגט די שיפנ אונ אלע גייענ אינ א גלײַכער ריי. צײַטנווײַז „שפּאצירט" נאָר דער „פססר נ—171", דאָ פארגרעסערנדיק, דאָ פארקלענערנדיק זײַנ שנעלקײַט, צוליב אימ מוזנ מיר אויכ „שפּאצירנ".

מיר האָבנ שוינ איבערגעשניטנ נאָוואיא זעמליא אונ זײַנענ ארויס צומ קארישנ יאמ. אפ א סאכ צענדליקער קילאָמעטער פאָרויס שפּרייט זיכ די פינקלדיקע יאמ=פלאכ, וואָס האָט זיכ אײַנגאנצנ באפרײַט פונ

אײַז. דאָס אויג, וואָס איז געוווינט צו דער אייביקער ווײַסקײַט פונ אלע שאטירונגענ, נעמט אופ מיט פארגעניגנ די גרינע פרישקײַט פונ גרילינגדיקנ יאמ.

מיר לאָזנ זיכ אראָפּ צו דאָרעמ פארבײַ די ברעגנ פונ נאָוואיא זעמליא. אינגיכנ איז שוינ מאטאָטשקינ שאר. דער וועטער איז אויסנעצייכנט, ווי ספּעציעל באשטעלט פאר אונדז. בלויז באמ קאפּ מענשיקאָוו באווײַזט זיכ א כוואליעדיקע וואָלקנדיקײַט.

ביז איצט זײַנענ מיר געגאנגענ אפ דער הייכ פונ 2 000 מעטער. די וואָלקנס צווינגענ אונדז אראָפּלאָזנ זיכ ביז 800 מעטער.

גייענדיק לענגלויס דעמ ברעג, דערנעענטערנ מיר זיכ צו די קארישע מויערנ, וואָס טיילנ אָפּ נאָוואיא זעמליא פונ דעמ אינדזל ווײַגאטש. דער דורכגוס איז פרײַ פונ אײַז, אונ מיר וועלנ אימ דארפנ איבערשנײַדנ, גייענדיק איבערנ ריינעמ וואסער. גוט, וואָס מיר זײַנענ זיכער אינ אונדזערע מאָטאָרנ.

בא די קארישע אינדזלענ האָט מיר זשוקאָוו אָנגעוויזנ „סיביריאקאָוו". דער אײַזשפּאלטער, וועלכער האָט זיכ אָנגעשטויסנ אפ א פעלדז אונ איז פארלאָזנ פונ זײַנ עקיפּאזש, מאכט א טרויעריקנ אײַנדרוק. אגעוו, זײַנענ פאראנ יעדיעס, אז דער רויטפּאָניקער „עפּראָנ" קלײַבט זיכ ראטעווענ די האָזיקע היסטאָרישע שיפ, וואָס איז באהויכט מיט רומ. פּאָטי קרילאָוו גרייט שוינ אנ עקספּעדיציע אפ אראָפּצונעמענ „סיביריאקאָוונ". [1]

2 אזייגער מיט 45 מינוט. מיר געפינענ זיכ שוינ איבערנ דורכגוס. פונדערווײַטנס האָט זיכ באוויזנ ווײַגאטש.

3 אזייגער מיט 00 מינוט. מיר האָבנ איבערגעשניטנ די קארישע מויערנ אונ מיר דערנעענטערנ זיכ צומ אינדזל ווײַגאטש.

דער אינדזל ווײַגאטש. אונדז האָט גלײַכ צוגעדריקט צומ וואסער. אָנגעשטרענגט צוהערנדיק זיכ צו די סיגנאלנ פונעמ ראדיאָ-טורעמ, גייענ מיר איבערנ וואסער אפ דער הייכ פונ 200 מעטער צו יוגאָרסקי שאר. דאָס איז א שמאָלער דורכגוס, וואָס טיילט אָפּ דעמ אינדזל ווײַגאטש פונ דעמ קאָנטינענט.

---

1 ווי עס איז באוווסט, האָט דער „עפּראָנ" שפּעטער אופגעהויבנ דעמ אײַזשפּאלטער „סיביריאקאָוו".

די וואָלקנס לאָזנ זיכ אראָפּ אלצ נידעריקער אונ נידעריקער. אלצ אָנראכמאָנעסדיקער דריקט אונדז צו צומ וואסער. די שיפּ גייט שוינ אפּ א הייכ פונ 50 מעטער איבערנ יאמ. וואָדאָפּיאנאָווס, מאָלאָקאָווס אונ גאָלאָווינס עראָפּלאנענ זײַנענ פארשווונדנ פונ אויג. דער נעפּל הילט אונדז אײַנ פונ אלע זײַטנ. דער יאמ האָט פארלוירנ זײַנ פרײַדיקנ העל-גרינעמ קאָליר. פונ צווישנ די שווערע וואָלקנס קוקט קוימ-קוימ ארויס די זונ. מיר גייענ אינ נעפּל סאמע איבערנ וואסער. דער בלײַע-נער קאָליר פונ דעמ וואסער רופט בא מיר ניט ווילנדיק ארויס דעמ געדאנק, ווי ניט אָנגענעמ עס וואָלט געווענ אויסצובאָדנ זיכ אצינד אינ אָט דער וואנע.

3 אזייגער מיט 30 מינוט. מיר זײַנענ שוינ דורכגעגאנגענ יוגאָרמ-קי שאר אונ מיר גייענ לענגויס דעמ ברעג פונ קאָנטינענט. מיר פלי-ענ איבערנ וואסער, וואָס איז איצט געמישט מיט אײַז.

קיינ זעעוודיקײַט איז, ווי פריער, ניטאָ.

4 אזייגער מיט 05 מינוט. מיר האָבנ דערזענ טונדרע, א זאמדיקנ ברעג, א יישעוו. דאָס איז דאָכ אמדערמע!

די עראָפּלאנענ דרייענ זיכ איבער אמדערמע, ניטאָ קיינ ברייר-ע: מע מוז אראָפּנידערנ. עס איז אוועק אראָפּצונידערנ גאָלאָווינ—אראָפּ-גענידערט! נאָכ אימ — מאָלאָקאָוו אונ וואָדאָפּיאנאָוו... בעשאָלעמ!

נו, מיילע, גייענ מיר אויכ.

דערנאָכ האָט מענ אונדז דערציילט:

— קעדייי אײַנצוהיטנ דעמ שניי-וועג 60 מעטער די ברייט, האָבנ מיר געמוזט קינסטלעכ צושיטנ שניי. דעמ שניי פלעגט מענ צופירנ פונ דער אומגעגנט. ער פלעגט צעגיינ. פלעגט מענ ווידער צושיטנ. אונ אזוי, ביז וואנענ די עראָפּלאנענ האָבנ זיכ באוויזנ איבער אמ-דערמע.

ערגער פונ אלעמענ איז געווענ אונדז. מיר האָבנ אראָפּגענידערט די לעצטע. אפנ וועג, וואָס איז געווענ ניט ברייטער פארנ שוונג פונ אונדזערע פליגלענ, זײַנענ שוינ געשטאנענ וואָדאָפּיאנאָווס, מאָלאָקאָווס אונ גאָלאָווינס עראָפּלאנענ. זיי האָבנ פארנומענ מער פונ א העלפט וועג. אונ דערצו בלאָזט נאָכ א זײַטיקער ווינט.

אלעקסייעוו האָט געמאכט דעמ לעצטנ קרײַז אונ פירט די מא-שינ אראָפּצונידערנ.

וואָס טוט מען מיט אָט דעם אעראָפּלאַן, וואָס זיינען לינקער פליגל פארצאמט אונדז דעם וועג?

איך האָב אוועקגעלייגט די האַנט אפן אוואַריע־קאָנטאַקט. אלץ קאָן פּאַסירן!

באלד וועלן די ליזשעס פון אונדזער אעראָפּלאַן באַרירן די ערד. איך האָב א זעץ געטאָן איבערן אוואַריע־קאָנטאַקט. מיר טראָגן זיך שנעל פארביי די אעראָפּלאַנען, וואָס שטייען אפן דער ערד, שיר ניט פאַרטשעפּענדיק זיי מיטן עק פון אונדזערע פליגלען. מיט אן אומגעהייערער סניי פערישער פינקטלעכקייט האָט אלעקסייעוו אוועקגעזעצט דעם אעראָפּלאַן.

...דאָס איז געווען אמדערמע, דער קאָנטינענט.

אפנ וועג קיינ מאָסקווע

דאָס ערשטע פערד. מיר ריידנ מיט מאָסקווע. די באגעגעניש מיט „סאדקאָ". מיר זעגענענ זיכ מיט אמדערמע. די באגעגעניש אינ ארכאנגעלסק. „דער טאָגבוכ פונעמ ‚קאפיטאנ סקאָט".

16 יונ.

א סאכ דרייסטקייט דארפ מענ האָבנ אראָפצונידערנ אפ אזא אעראָדראָמ, אָבער, עפשער, נאָכ מער מוט דארפ מענ האָבנ צו אנטשליסנ זיכ אופנעמענ אונדזערע שיפנ אפ אזא פלאצ.

קיינ איינ שעפ פונ אנ אעראָפאָרט, קיינ איינ אוויאציע-טוער וואָלט ניט געוואגט דורכצופירנ אזא אָפעראציע, סײַדנ עס וואָלט אימ געדראָעט מיט געריכט.

נאָר מיר אלע זײַנענ דאנקבאר די אמדערמער כאווירימ. ווענ ניט זיי, וואָלטנ מיר ביז הארבסט געזעסנ אפנ אינדזל רודאָלפ...

...עס שיט א געדיכטער שניי. איצטער רעגנט דאָס שוינ מער קיינעמ ניט. מיר זײַנענ אפנ קאָנטינענט. דאָס האָבנ מיר דערפילט שוינ אפנ אעראָדראָמ. א געלעכטער צו זאָגנ, באגעגענענ אונדז זײַנענ געקומענ עטלעכע הונדערט מענטשנ. אזא גרויסער אוילעמ מענטשנ האָט אונדז איבעראשט.

אגעוו, האָט אונדז אמדערמע א גאנצנ טאָג אונטערגעטראָגנ סורפריזנ.

— זעט נאָר, א פערד! — שרייט פריידיק אויס עמעצער פונ אונדזער כעווריע.

אונ טאקע א פערד, אונ ניט איינער, נאָר עטלעכע.

אמדערמע איז באפוצט מיט פאָנעס. א קורצער מיטינג דאָ אפנ

אעראָדראָם גופע, און מע פירט אונדז אוועק אַף נאַכטלעגער. ווארע־מע, געמיטלעכע צימערן, א ריין בעט. דאָס אלץ איז אויסגעצייכנט!

נאָר פריער פון אלץ, פארשטייט זיך, דארף מען זען צו באקו־מען א קולטורעלן אויסזען. מיר באָדן זיך מיט פארגעניגן אין א גו־טער, הייסער באָד. נאָכדעם גייען מיר צום פאריקמאכער.

דאָ איז מיט אונדז פאָרגעקומען א ביז גאָר קאָמישער צופאל.

מע האָט אונדז אָפּגעשאָרן, אָפּגעגאָלט, באשפריצט מיט אָדע־קאָלאָן,—אלץ ווי עס געהער צו זיין. מיר האָבן באדאנקט, אָנגעטאָן זיך און געקליבן זיך אוועקגיין.

— אנטשולדיקט, — שטאמלט דער פאריקמאכער, — און געלט?

טאטע־פאָטער! טאקע אזוי, געלט!

זינט מיר האָבן פארלאָזן ארכאנגעלסק, האָט געלט אופגעהערט צו עקזיסטירן פאר אונדז. אלץ, וואָס מיר האָבן געדארפט פלעגן מיר אי אפן פאָליוס, אי אפן אינדזל רודאָלף און אפילע נאָך פריער, אף נאָוואיא זעמליא און אין נאריאן־מאר, באקומען אומזיסט, ניט טראכטנדיק וועגן געלט. און איצט האָבן מיר פארגעסן וועגן דעם, אז פאר ארבעט דארף מען באצאָלן.

יאָ, אמדערמע איז בעעמעס קאָנטינענט!

איך שאר אין פארלעגנהייט איבער די קעשענעס. זיי זיינען ליי־דיק. קיין איין קאָפּעקע ניטאָ.

גוט וואָס דער מייסטער האָט אונדז געטרויט „אף באָרג“.

דערנאָך זיינען מיר אוועק שלאָפן. נאָכן שווערן וועג שלאָף איך לאנג. איך כאפ זיך אוף און ווער ווידער אנשלאָפן ביז שפעט אין אָוונט, ווען מע האָט מיך אופגעוועקט.

— כאווער מאָשקאָווסקי, מיט מאָסקווע ווילט איר ריידן דורכן טעלעפאָן?

אין דער סטודיע פונעם ראדיאָ־קנופ זיינען שוין דאָ אָטאָ יוליע־וויטש, שעוועליאָוו, וואָדאָפּיאנאָוו, מאָלאָקאָוו, אלעקסייעוו, באבושקין. אין מאָסקווע באַם מיקראָפאָן שטייען אונדזערע נאָענטע און ליבע.

עס הייבט זיך אָן אן אופגערעגטער, פריידיקער און, דעם עמעס געזאָגט, אומגעלומפּערטער געשפרעך. מיר זיינען אָפּגעטיילט איינע פון די אנדערע מיט טויזנטער קילאָמעטער, און יעדן פון אונדז ווילט זיך

ספירינ, שעווע‌ליאָוו, באבושקינ, שמידט, וואָדאָפּיאנאָוו, אלעקסייעוו און מאָלאָקאָוו אינ אמדערמע.

אזוי פיל זאָגן, אז מע פארלירט זיך און מע ווייסט ניט, פון וואָס אָנ־צוהייבן.

— נו, יאשע, ווי פילסטו זיך דאָרטן? — דערקענ איך מײַן פרוים שטים. איך פיל, אז זי דענערווירט זיך אויך, אז זי פילט זיך אויך א ביסל צעטומלט פון דער ניט געוויינלעכער סיטואציע.

— אלץ איז אויסגעצייכנט! אינגיכן וועלן מיר זיך זען! — שרײַ איך אין מיקראָפאָן, ניט געקוקט אף דער וואָרענונג פונעם ראדיאָ־טעכניק, אז קעדיי די טראנסליאציע זאָל זײַן א קלאָרע, דארף מען ריידן וואָס שטילער.

איך טרעט אָפּ דאָס אָרט באם מיקראָפאָן א צווייטן באוער, וואָס ווארט מיט אומגעדולד אף זײַן ריי, און איך דערמאָן זיך גלײַך, אז דעם איקער האָב איך ניט געזאָגט.

דערנאָך אינטערוויוירן דורך ראדיאָ די קאָרעספּאָנדענטן פון „פראוודא" און „איזוועסטיא" אָטאָ יוליעוויטשן און שעוועליאָוון.

— וואָס פאר א פלענער האָט איר אף ווײַטער? ווי האָט מען אײַך באגעגנט אין אמדערמע? ווען דארף קומען „סאדקאָ"? ווען רעכנט איר אוים צו זײַן אין מאָסקווע? — פארוואָרפן זיי אָטאָ יול־יעוויטשן און שעוועליאָוון מיט פראגעס.

דער געשפּרעך ענדיקט זיך. אין א געהויבענער שטימונג גייען מיר אוועק אהיים. דער שמועס דורכן ראדיאָ־טעלעפאָן האָט אונדז ניט נאָר ניט בארויקט, נאָר ער האָט נאָך מער אָנגעצונדן אונדזער אומגע־דולד.

וואָס גיכער קיין מאָסקווע!

הײַנט האָבן מיר באקומען א מיטיילונג וועגן דעם, אז „סאדקאָ" פאָרסירט דעם שווערן אײַז בא יוגאָרסקי שאר.

פון דאָרטן ביז אמדערמע איז שוין גאָר ניט ווײַט. און ווען ניט דער אײַז, וואָס האָט פארפראָפּט דעם דורכגום, וואָלט שוין דער אײַז־שפּאלטער געווען דאָ.

17 יוני.

באגינען זײַנען זײַנע סוגראָבאָוו, גינקין און שמאנדין אוועק אפן אעראָ־דראָם. זיי באקוקן די מאָטאָרן. אונדזערע מעכאניקער פארלירן ניט אומזיסט קיין איין שאָ.

איך בין אריין אין דער אַרטיקער ביבליאָטעק איבערלייענען א פרישע צייטונג. נאָר, צום באדויערן, איז די סאמע פרישע מאָסקווער צייטונג דאטירט פון דרייצנטן אפּריל.

די אַלגעמיינע סענסאציע פון היינטיקן טאָג איז דער אָנקום פון „סאדקאָ". אופּריינסנדיק דעם אייז מיט אמאָנאל, איז ער דורכגעגאנ־גען יוגאָרסקי שאר, און נייענצן אזייגער האָט מען שוין אפן האָרי־זאָנט קלאָר געזען די קאָנטורן פון דער שיף, און דערנאָך האָבן מיר דערהערט די צעצוויגענע באגריסונגס־פייפן. אָבער האָרט צום ברעג איז דער שיף צוליב דעם ברעגיקן אייז ניט געלונגען צוצוגיין, און מיר זיינען ארויסגעפאָרן אנטקעגן דער שיף אפן א קאטער.

די באגעגעניש פון די מאטראָסן מיט די פליער איז געווען זייער א שטורמישע און א פריידיקע. אפן באָרט האָט זיך ארויסגעשאָטן דער גאנצער עקיפּאזש פון „סאדקאָ".

איבערן טראַפּ קלעטערן מיר ארויף אפן דער שיפדעק. מע קושט זיך, מע האלדזט זיך, מע שטעלט קעגנזייטיקע פראגעס. אפן „סאד־קאָ" זיינען אָנגעקומען בא א צען מאָסקווער קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן אונדז מיטגעטיילט די לעצטע מאָסקווער נייעס.

אין אָוונט איז אין דער קאיוט־קאָמפּאניע פון „סאדקאָ" פאָרגע־קומען א וואונדערבארער באנקעט. מע האָט אונדז אופגענומען אזוי, ווי עס קענען אופנעמען נאָר יאם־לייט.

„סאדקאָ" האָט אונדז געבראכט בריוו, צייטונגען, פּעקלעך, פרישע גרינסן און פרוכטן, קליידער, אז מיר זאָלן קומען קיין מאָסקווע אָנ־געטאָן לויטן סעזאָן.

און דער איקער — רעדער, אָן וועלכע מיר וואָלטן ניט געקאָנט פליען ווייטער.

19 יונ.

דער אעראָדראָם געפינט זיך אפן א שמאָלן זאמד־פּאַס, וואָס שניידט זיך טיף אריין אין יאם. עס איז צעגאנגען דער לעצטער שניי.

— וויאזוי האָט איר אראָפּגענידערט דאָ אפן ליזשעס? — פרעגן אונדז די באוויירים, וואָס זיינען געקומען אפן „סאדקאָ".

דעם עמעס געזאָגט, קאָנען מיר דאָס אליין אויך בעשומויפן ניט פארשטיין.

בא די אעראָפלאנענ ברענט די ארבעט. מע פארענדיקט איבערשטעלנ די מאשינעס אפ די רעדער אונ אָנפאָמפענ אינ די באקנ בענזינ.

די ליזשעס, וואָס מע האָט אראָפגענומענ פונ די אעראָפלאנענ, דערמאָנענ מיט זייער פאָרמ עפעס מעשונע-מאָדנע שיפלעכ מיט טעמפע נעזער. זיי ליגנ אפנ זאמד, אקוראט ווי זיי וואָלטנ זיכ געווארעמט אפ דער זונ. זיי האָבנ גוט אנ ארבעט געטאָנ אונ האָבנ ערלעכ פארדינט דעמ אָפרו.

ווי נאָר אפ דער טראסע וועט זיכ אײַנשטעלנ א נישקאָשעדיקער וועטער, פליִענ מיר ארויס קיינ ארכאנגעלסק.

לויטנ קאלענדאר איז שוינ זומער, אָבער בא די ברעגנ פונ אמדערמע שטייט נאָכ דער אײַז אונ דער ווינט ברענגט צו טראָגנ פונ יאמ דעמ בײַסיקנ קאלטנ אָטעמ פונ צאָפנ.

21 יונ.

נעכטנ איז „סאדקאָ“ אוועק צומ אינדזל רודאָלפ. ער האָט אוועקגעפירט בענזינ פאר מאזורוקנ, וואָס איז געבליבנ דעזשורענ אפנ אינדזל רודאָלפ. מיר זײַנענ לאנג געשטאנענ אפנ ברעג, קוקנדיק ווי די שיפ ברעכט זיכ דורכ א וועג אינ דעמ ברעגיקנ אײַז.

אונ הײַנט האָבנ מיר זיכ אויכ צעזעגנט מיט דער גאסטפרײַנטלעכער אמדערמע. אפ דער טראסע האָט זיכ אײַנגעשטעלט א גוטער וועטער, אונ עס איז אָפגעגעבנ געוואָרנ א באפעל:

— גרייטנ די מאָטאָרנ!

די געזעגענונג מיט אמדערמע איז געווענ זייער א ריירנדיקע. דער אָנקומ פונ אונדזער עסקאדרע איז א גרויסע געשעעניש אינעמ לעבנ פונ אמדערמע. אונדזערע ליבע באלעבאטימ וואָלטנ גאָר ניט דערווידערט, ווענ דער וועטער וואָלט אונדז דאָ פארהאלטנ נאָכ א וואָכ צײַט. באגלייט האָט אונדז אפנ אעראָדראָמ די גאנצע באפעלקערונג פונ דער ווינטער-סטאנציע, פונ קליינ ביז גרויס.

אונדזער וועג איז געלעגנ דורכ יוגאָרסקי שאר, פעטשאָרע, טשעשסקאיא גובא, מעזענ. ווי אנ אלטנ באקאנטנ האָבנ מיר באגריסט פונדערלופטנ נאריאנ-מאר, איבער וועלכנ מיר זײַנענ דורכגעפלויגנ,



„סאדקאָ” איז אָנגעקומענ קיינ אמדערמע.

גיט אראָפּנידערנדיק. פונ אמדערמע ביז ארכאנגעלסק זײַנענ מיר גע-גאנגענ זעקס א האלבע שעה באַ א שטארקנ אנטקעגנדיקנ ווינט.

מיר זײַנענ געפלויגנ איבער דער טונדרע, וואָס איז ערטערווײַז נאָכ געווענ באדעקט מיט שניי, איבערנ אײַז פונ יוגאָרסקי שאר, איבערנ אָפּענעמ יאמ, איבער דער טײַגע. דאָס איז נאָכ אלצ געווענ דער צאָפּנ. ערשט, ווענ מיר האָבנ זיכ דערנעענטערט צו ארכאנגעלסק, האָבנ מיר דערפילט, אז מיר פליענ אפ דאָרעמ.

ארכאנגעלסק איז געלעגנ אינגאנצנ אײַנגעהילט אינ גרינס פונ די וועלדער. מיר זײַנענ פארבײַגעפלויגנ די שטאָט אונ 6 אזייגער מיט 15 מינוט האָבנ מיר זיכ אראָפּגעלאָזט אפנ אינדזל קגיאזשעסקי.

דער טײַכ איז געווענ פול מיט דאמפּערס, קאטערס, שיפלעכ, יאכ-טעס. די ארבעטנדיקע פונ ארכאנגעלסק האָבנ אונדז צוגעגרייט א פײַער-לעכע באגעגניש.

ס׳איז געווענ הייס — העכער 20 גראד ווארעמקײַט. די, וואָס האָבנ אונדז באגעגנט, זײַנענ אלע געווענ אָנגעטאָנ אינ ווײַסנ, אונ מיר — אינ די שווערע פוטערנע פאנצערס! מיר טוענ פונ זיכ אויס דאָס איבע-ריקע.

א קורצער מיטינג, נאָכ וועלכנ מיר פארלאָזנ דעמ עראָדראָמ, אונ

אַפּ דאַמפּערס אונ קאַטערנ לאָזנ מיר זיכ אַוועק איבער דער צאַפּנדווינע אינ שטאָט ארײַנ.

די דאַמפּערס זײַנענ אויסגעפּוצט מיט פאָנעס. פײַערלעכ צעטראָגנ זיכ איבערנ וואַסער די קלאַנגענ פונ די אָרקעסטערס. עס איז פריידיק אַפנ האַרצנ בײַ יעדנ פונ אונדז.

אינ שטאָט אַפנ אָקטיאַבער=פּלאַץ איז פאָרגעקומענ אַ מיטינג. צענדליקער טויזנטער מענטשנ זײַנענ געקומענ באַגריסנ די אָנטיילנעמער פונ דער עקספּעדיציע, וואָס קערנ זיכ אום אַהיימ.

23 יונ.

אַ גאַנצנ טאָג גייענ מיר אַרומ פּוסט=אונ=פּאַס. די מעכאַניקער זײַנענ אַוועקגעפאָרנ אַפנ אַעראָדראָמ, אונ אַלע איבעריקע האָבנ די מעגלעכקײַט צו טאָנ, וואָס עס געפעלט זיי.

מע האָט אונדז ווידער אײַנגעאָרדנט אַפּ דער דאַטשע פונעמ גענט=אויספּירקאָמ. דאָס דאָזיקע אויסגעצייכנטע אָפּרו=הויז, וואָס געפינט זיכ אינ אַ װוּנדערלעכ מאָלעריש אָרט, אַ קילאָמעטער דרײַסיק פונ דער שטאָט, זעט זומער=צײַט אויס נאָכ בעסער ווי ווינטער, אונ עס וואָלט, עפּשער, גאָר ניט שלעכט געווענ צו פאַרברענגענ דאָ אַ וואָכנ צוויי=דרײַ, ווענ עס וואָלט אַפּ אונדז, פאַרשטייט זיכ, ניט געוואַרט מאָסקווע!

אינ איינעמ פונ די צימערנ האָב איכ דערזענ דעמ „טאָגבוכ פונעמ קאַפּיטאַנ סקאָט“, וואָס עמעצער האָט דאָ פאַרגעסנ. איכ האָב גענומענ דעמ בוכ אונ בינ אַוועק אינ וואַלד לייענענ.

פאַר דער צײַט פונ דער עקספּעדיציע האָב איכ איבערגעלייענט ניט ווייניק געשיכטעס וועגנ פּאָליאַרע רײַזעס. אָבער קיינ איינ בוכ האָט אַפּ מיר ניט געמאַכט אַזאַ שטאַרקנ אונ שווערנ אײַנדרוק, ווי דער טאָגבוכ פונ ראָבערט סקאָט.

וואָס פאַר אַנ אומגעהייערע ליידנ זײַנענ אויסגעפאַלנ אַפנ גורל פונ אָט דעמ מערקווירדיקנ פּאָליאַר=רײַזנדער!

אונ, צומ באַדויערנ, זײַנענ די דאָזיקע ליידנ געווענ ניט נאָר פיזישע. בײַ סקאָטנ זײַנענ אינ ענגלאַנד געבליבנ אַ פרוי אונ אַ זונ, אונ די אומרויִקײַט פאַר זייער גורל האָט פאַרסאַמט די לעצטע מינוטנ פונ סקאָטנ, וועלכער איז געשטאָרבנ אינ אומגעהייערע יעסורימ.

ער שרײַבט צו זײַנ פרײַנט קינסיי: „איכ טראַכט נאָר וועגנ מײַנ פרוי אונ מײַנ זונ. צי וועט איר טאָנ פאַר זיי, וואָס איר וועט קאָנענ, אויב דאָס לאַנד וועט ניט טאָנ? מיר ווילט זיכ, אז דאָס יינגל זאָל האָבנ מאַזל אינ לעבנ, אָבער איר ווייסט גוט מײַנ לאַגע. אויב איכ זאָל וויסנ, אז די פרוי אונ דאָס יינגל זײַנענ באַזאָרגט, וואָלט איכ ניט זייער באַדויערט, פאַרלאָזנדיק די דאָזיקע וועלט".

סקאָט שרײַבט צום סער באַרי: „איכ לאָז איבער מײַנ אָרעמע מיידעלע אונ אײַער טויפ־זונ, אווילסאָנ לאָזט איבער אנ אלמאָנע, אונ עדגאַר עוואַנס אויכ אנ אלמאָנע אינ זייער א ביטערער לאַגע. טוט אלצ, וואָס איז מעגלעכ, אז מע זאָל אָנערקענענ זייערע רעכט. שטאַרבנ־דיק, בעט איכ אײַכ, טײַערער פרײַנט מײַנער, איר זאָלט זײַנ גוט צו מײַנ פרוי אונ קינד, העלפט דעמ יינגל אינ לעבנ, אויב די מעלוכע וועט עס ניט וועלנ טאָנ".

אינ זײַנ „געזעגענונג־בריוו צו דער געזעלשאַפט" שרײַבט סקאָט: „איכ ווענד זיכ צו מײַנע לאַנדסלײַט מיט דער ביטע, זיי זאָלנ זאָרגנ וועגנ דעמ, אז אונדזערע נאָענטע זאָלנ זײַנ ווי געהעריק באַזאָרגט. וועגנ מיר וואָלטנ געבליבנ לעבנ, וואָס פאַר א געשיכטע וועגנ דער פעסט־קײַט, אויסגעהאַלטנקײַט אונ דרייסטקײַט פונ מײַנע כאַווײרים וואָלט איכ דערציילט!"

אונ די לעצטע פאַרנאָטירונג, מיט וועלכער עס פאַרענדיקט זיכ דער טאָגבוכ פונ ראָבערט סקאָט: „אינ גאָטס נאָמענ, פאַרלאָזט ניט אונדזערע נאָענטע!"

די סאָוועטישע עקספּעדיציע קערט זיכ אומ פונ איר שווערער אונ פאַראַנטוואָרטלעכער רײַזע מיט א ניצאָכנ. אָבער יעדערער פונ אונדז איז געווענ זיכער, אז אינ פאַל פונ א קאַטאַסטראָפע, וואָלטנ די פאַר־טיי אונ די ראַטנ־רעגירונג געטאָנ אלצ, וואָס עס איז נייטיק, קעדיי צו העלפנ אונדז, אז כאַווער סטאַלינ וואָלט קײנעמ פונ אונדז ניט געלאָזנ אינ א צאָרע. אפ קײנ אײנ רעגע האָט אונדז אינ מעשעכ פונ אונדזער לאַנגנ איבערפלי ניט באַאומרויקט דער געדאַנק וועגנ דעמ, וואָס וועט זײַנ מיט אונדזערע נאָענטע, אויב עמעצנ פונ אונדז וועט אויסקומענ אָפּגעבנ זײַנ לעבנ, אויספילנדיק די אויפגעבונג צומ רומ פונ אונדזער היימלאַנד.

13—89:

פונקט ווי דער קאפיטאנ ראָבערט סקאָט, האָב איכ אויכ א פרוי אונ א זונ, אָבער איכ האָב געוווסט, אז דאָס סאָציאליסטישע לאנד וועט שטענדיק זאָרגנ וועגנ מײַנע נאָענטע אָנ קײנ שום ווענדונגענ פונ מײַנ זײַט, אונ איכ בינ מיט א רויִק געמיט געגאנגענ פאָרויס איבערנ סטאלינישנ מארשרוט.

די סטאלינישע אופגעבונג איז אויסגעפילט

א נאכט פאר מאָסקווע. די עסקאדרע איבער דער הויפטשטאָט. אונדז באגעגנט סטאלינ. אָטאָ יוליעוויטש שמידטס ראפּאָרט. אינ קרעמל. דער צאָפנ־פּאָליוס וועט דינענ דער מענטשהײַט.

24 יונ.

די לעצטע נאכט פאר מאָסקווע. מאָרגנ פארלאָזנ מיר ארכאנגעלסק. איכ קאָנ ניט אנשלאָפנ ווערנ אונ, ווײַזט אויס, אז ניט מיכ אלײנ נעמט דער שלאָפ ניט. ווי מיר באמיענ זיכ ניט צו נעמענ זיכ אינ די הענט, רויבט אוועק בא אונדז די דערוואַרטונג אפ דער פריידיקער באגעגניש די גײַטיקע רויִקײַט.

איכ ליג מיט אָפענע אויגנ, אונ פאר מײַנע אויגנ גײט דורכ אונדזער גאנצער לאנגער וועג.

איכ דערמאָנ זיכ דעמ כמורנעמ מארטישנ פרימאָרגנ, מיט דרײַ כאדאָשימ צוריק, ווענ מיר האָבנ פארלאָזנ מאָסקווע. איכ דערמאָנ זיכ די פײַנלעכע טעג אונ וואָכנ, ווענ מיר האָבנ אפנ ראנד פונ דער ערד, אינ נאריאנ־מאר, געווארט אפ א גוטנ וועטער, דעמ פלי איבערנ אומפרײַנטלעכנ פארפרוירענעמ יאמ, דעמ ערשטנ שניי־שטורעמ, וועלכנ איכ האָב איבערגעלעבט אפ נאָוואיא זעמליא, די ווײַטע אוויא־באזע אפנ אינדזל רודאָלפ, די אומפארגעסלעכע טעג, וואָס מיר האָבנ פארבראכט אינ פאפאנינס לאגער, די געזעגענונג מיט די „ברידערלעכ“...

נײנ, אײַנשלאָפנ וועט זיכ מיר אלציינס ניט אײַנגעבנ. איכ שטײ אופ, צינד אָנ דעמ לאָמפ אונ נעמ זיכ צו מײַנ טאָגבוכ.

אינעמ העפט זײַנען פארבליבנ בלויז עטלעכע זײַטלעכ, אָבער אויכ די רײַזע אונדזערע ענדיקט זיכ שוינ באלד.

הײַנט האָבנ די מעכאניקער פארענדיקט צוגרייטנ די אעראָפּלאַנען צומ לעצטנ עטאפּ פונ וועג. זיי האָבנ געוואשנ, גערייניקט, געפארבט, קאָנטראָלירט די מאָטאָרנ, אָנגעגאָסנ ברענשטאָפ אינ די באקנ.

באגינענ פליענ מיר ארויס.

25 יונ.

אינדערפרי האָבנ מיר זיכ צעזעגנט מיט ארכאנגעלסק אונ מיר האָבנ גענומענ דעמ קורס אפ דאָרעמ. אינ עטלעכע שאָ ארומ איז מאָסקווע. פונ דעמ געדאנק גייט דורכ אנ אָנגענעמער ציטער איבערנ לײַב.

פליענ פונ ארכאנגעלסק ביז קאלינינ איז געווענ פּאָשעט א פארגעניגנ. א לויטערער זוניקער הימל. א שטיל. מיר פליענ איבער שלאנקע וועלדער, איבער גרינע לאָנקעס. ערטערווײַז טרעפנ זיכ טײַכנ אונ בלויע אָזערעס.

פונ קאלינינ ביז מאָסקווע איז עטוואָס מער ווי א שאָ פליענ. מיר האָט זיכ געדאכט, אז דער דאָזיקער וועג דויערט אָנ א שיר. איכ קוק אלע ווײַלע אפנ זייגער. דער ווײַזער באוועגט זיכ אלצ לאנגזאמער אונ לאנגזאמער, אונ ענדלעכ, שטעלט ער זיכ, דאכט זיכ, אינגאנצנ אָפּ... פארשטייט זיכ, אז דאָס דאכט זיכ מיר בלויז. דער זייגער איז אינ אָרדענונג.

ביז מאָסקווע איז געבליבנ צענ מינוט.

אלעקסייעוו, דער קאָמאנדיר פונ שיפ, וואָרנט מיכ:

— איר זאָלט נאָר זענ, יאקאָוו דאווידאָוויטש, אז ווענ מיר וועלנ זיכ דערנעענטערנ צו מאָסקווע, זאָלנ די מעכאניקער ניט אוועקגייג פונ די מאָטאָרנ.

א נעכטיקער טאָג. ווי נאָר עס האָט זיכ באוויזנ מאָסקווע, האָבנ סוגראָבאָוו, גינקינ אונ שמאנדינ פארלאָזנ די פולטנ אונ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו די פענצטער.

פונקט 17 אזייגער. מיר זײַנען איבער מאָסקווע. עס הייבט זיכ דער אזשורער טורעמ פונ שאבאָלאָווקע. אָט איז דער לענינגראדער



זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע.
די אעראָפּלאַנען פון דער עקספּעדיציע אפן צענטראַלן אעראָדראָם.

שאָסיי, דער געאָמעטריש ריכטיקער עליפּס פונ דעם סטאדיאָנ „דינאמאָ“, דער פּאלאץ, דער צענטראלער אעראָדראָם, וואָס איז געפּאקט מיט מענטשנ. דאָס באגעגנט מענ אונדז, אונדז!..

די פלאגמאנ־שיפ גייט צו דער לעצטער אראָפּנידערונג. גלייכ נאָכ איר לאָזנ מיר זיכ אראָפּ. אָט האָבנ שוינ אלע פיר אעראָפּלאנענ אראָפּגענידערט אפ דער ליבער מאָסקווער ערד. עס שטעלנ זיכ אָפּ די פּראָפּעלערס פונ די מאָטאָרנ, עס עפענענ זיכ די ליוקנ פונ די שיפנ, אונ מיר פאלנ אריינ אינ די אָרעמס פונ די קרויווימ, פריינט אונ כאווײרימ.

די טריבונעס זיינענ אויסגעפוצט מיט פאָנעס. דאָס מאָסקווער יובלדיקע פאָלק. א יאמ בלומענ. אפּלאָדיסמענטנ אונ אויסרופנ „הורא“. אונ די בסורע, וואָס רופט בא אונדז ארויס שטורמישע פרייד:

— סטאלינ איז דאָ!

אָטאָ יוליעוויטש גייט דער ערשטער ארויפ אפ די טרעפ פונ דער טריבונע. גלייכ נאָכ אימ גייענ מיר.

אינ א ווייסנ זומערדיקנ אָנצוג, מיט אנ אנטבלויזטנ קאָפּ, ארומגערינגלט מיט זיינע מיטקעמפער, שטייט אונדזער גרויסער פריינט אונ לערער דער כאווער סטאלינ.

ער שמייכלט מיט א גוטנ פריידיקנ שמייכל, אונ, אויסער דעמ שמייכל, זע איכ קיינ זאכ ניט.

שמידט שטעלט פאָר דעמ כאווער סטאלינ אונדזערע מענטשנ. נאָכ די קאָמאנדירנ פונ די שיפנ גייענ מיר אויכ צו.

— אונ אָט זיינענ אונדזערע יונגע קאדרענ, — זאָגט אָטאָ יוליעוויטש.

דער כאווער סטאלינ קוקט זיכ אופמערקזאמ צו צו אונדז. באגריסנדיק זיכ מיט אונדז, גיט ער אונדז די האנט אונ צעקושט זיכ פאָטערלעכ מיט יעדנ פונ אונדז.

דערנאָכ נעמענ אונדז ארומ די כאווײרימ מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, קאלינינ, קאגאנאָוויטש, יעזשאָוו.

אזא טאָג טרעפט נאָר איינ מאָל אינ לעבנ.

א געפיל פונ אויסערגעוויינלעכער באגייסטערונג כאפט אונדז ארומ. מיט וואָס קאָנ ענטפערנ א סאָוועטישער פליער זיינ פירער, זיינ פארטיי, זיינ לאנד? מיר זיינענ גרייט כאָטש די מינוט אפ די

זעלבע שיפנ ווידער אופהייבנ זיכ אינ דער לופט, אויספילנדיק יעטווידע אופגעבונג פונ אונדזער פארטיי אונ רעגירונג.

— אפ אזעלכע אעראָפּלאנעג, מיט אזעלכע מענטשנ, קאָנענ מיר יעדע מינוט, אויב דאָס וועט זיכ פאָדערנ פאר דער שוצ פונ אונדזער היימלאנד, פארקערעווענ פונ צאָפנ-פאָליוס אפ מיזרעכ.

די דאָזיקע ווערטער איז גרייט נאָכ וואָדאָפּיאנאָוונ איבערכאזערנ יעדערער פונ אונדז.

* * *

נו, אָט בינ איכ שוינ אינ דער היימ. סערגיי שלאָפט. ווי שטארק עס איז אויסגעוואקסנ מיינ יינגעלע פאר די דריי כאדאָשימ פונ מיינ אָפּוועזנהייט! ער שלאָפט אונ זעט, מיסטאמע, גוטע כאלוימעס, ער האָט מיכ באגעגנט אפנ אעראָדראָמ, געזענ דעמ כאווער סטאלינ אונ איז געווענ אנציקט פונ אלצ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומענ. מיד פונ אלע איבערלעבונגענ פונ היינטיקנ טאָג, איז איינגעשלאָפנ אויכ דאָס ווייב.

איכ גיי ארויס אפנ באלקאָנ. אינ אונדזער שטילנ געסל זעט מענ קיינ נעפּעש ניט. אהער דערגרייכנ ניט ניט דער געפילדער פונ די טראמוויינ, ניט די סירענעס פונ די אוטאָבוסנ. איכ זע, ווי אינ די פענצטער פונ דעמ אנטקעגנדיקנ הויז לעשנ זיכ אויס אייגער נאָכנ אנדערנ די פייערנ. נאכט.

איכ שטיי אפנ באלקאָנ, אונ דער קילער פארטאָגיקער ווינט פרישט אָפּ דעמ צעהיצטנ קאָפּ.

ס'ארא טונקעלער הימל! נאָכ די כאדאָשימ, וואָס איכ האָב פארבראכט אפ צאָפנ, ווייזט אויס די מאָסקווער נאכט ווי עפּעס ניט קיינ עמעסע. איכ בינ געוווינט צו לייגנ זיכ אונ אופשטיינ בא טאָגשיינ, אונ די פינצטערניש שלעפערט ניט איינ, נאָר פארקערט, פארטאָגט דעמ שלאָפ.

א שאָ צוריק האָבנ מיר זיכ אומגעקערט פונ קרעמל. אינ דעמ פרעכטיקנ, פארפלייצטנ מיט ליכט געאָרגיעווער זאל פונ גרויסנ פאלאצ האָבנ זיכ פארזאמלט אלע אָנטיילגעמער פונ דער עקספּעדיציע מיט אָטאָ יוליעוויטשנ אינ דער שפּיצ, עס האָט זיכ פארזאמלט

אונדזער גאנצע אוויאציע-מישפאָכע, — די, וואָס האָבנ אונדז געגעבנ אונדזערע גלענצנדיקע מאָטאָרנ אונ עראָפלאנענ, אונ די, וואָס פליענ אפ זיי. מענטשנ פונ דער קריגס-אוויאציע אונ פונ ציווילנ לופט-פלאָט אונ די טוער פונ דער אוויאציע-אינדוסטריע. מיט אונדז זיינענ די מיטגלידער פונ דעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער פארטיי אונ פונ דער רעגירונג.

מיר זיצנ בא א גרויסנ יאָנטעוודיק געגרייטנ טיש. א סאכ בלומענ. לעבנ מיר זיצנ מיינ מוטער אונ מיינ פרוי. בא ביידנ איז א יאָנטעוודיקע, געהויבענע שטימונג. יאָ, ניט ווייניק זאָרג אונ אומרו האָבנ איבערגעלעבט אונדזערע פרויענ אונ מוטערס, אָבער דער היינטיקער טאָג האָט זיי באלוינט פאר אלץ.

פלוצעמ האָט דעמ זאל באהערשט א באגייסטערונג. עס ברעכנ אויס אפלאָדיסמענטנ. עס הערנ זיכ „הורא“-געשרייענ. עס האָבנ זיכ באוויזנ די כאוויירימ סטאלינ, מאָלאָטאָוו, וואָראָשילאָוו, קאגאנאָוויטש.

לאנג דונערט דער פריידיקער „הורא“. אויסרופנ „זאָל לעבנ דער פירער פונ די פעלקער דער כאווער סטאלינ!“ צעטראָגנ זיכ איבערנ גאנצנ זאל, אונ שטייענדיק באגריסנ מיר אונדזער גרויסנ פריינט אונ לערער.

מיר פארנעמענ ווידער אונדזערע ערטער. באמ טיש פונ פרעזידיומ צוזאמענ מיטנ כאווער סטאלינ אונ די מיטגלידער פונעמ צענטראל-קאָמיטעט אונ פונ דער רעגירונג זיצנ אָטאָ יוליעוויטש שמידט אונ די קאָמאנדירנ פונ די שיפנ וואָדאָפיאנאָוו, מאָלאָקאָוו, אלעקסייעוו אונ גאָלאָווינ.

כאווער וואָראָשילאָוו הייבט אופ דעמ בעכער פאר די שעפנ פונ דער עקספעדיציע, פאר די פליער, שטורמאנס, מעכאניקער אונ אלע אָנטיילנעמער פונ אונדזער איבערפלי, פאר אונדזערע פרויענ אונ מוטערס.

אָבער ניט אלע אָנטיילנעמער פונ דער פאָליארער עקספעדיציע געפינענ זיכ דאָ אינ זאל צוזאמענ מיט אונדז.

ווייט, אפ דער דרייפנדיקער קריע שטייענ אפ זייער שווערער אונ פאראנטוואָרטלעכער וואכטע פיר אונדזערע בעסטע כאוויירימ — פאפאנינ, קרענקעל, שירשאָוו אונ פיאָדאָראָוו.

כאווער וואָראָשילאָוו האָט ניט פארגעסנ אויכ וועגנ זיי. ער הייבט

מיר פאָרן אין קרעמל.

אופ זײַנ בעכער פאר די פיר פּאָליאַר=פּאָרשער, וואָס זײַנענ פארבליבנ אפנ פּאָליוס, אונ די ווערטער פונעמ פּאָלקס=קאָמיסאר זײַנענ באזונדערס ווארעמ אונ רירנדיק, ווענ ער רעדט וועגנ זיי.

א שטורעמ אפּלאָדיסמענטנ, א באגײַסטערטע אָוואציע ברעכט אויס, ווענ דער כאווער וואָראָשילאָוו הייבט אופ א טאָסט לעקאָוועד דעמ גרויסנ סטאלינ.

עס שפּילט מוזיק, עס זינגענ אונ דעקלאמירנ די בעסטע מײַסטערס פונ דער קונסט. לעבנ אונדז זיצנ אונדזערע נאָענטע מענטשנ, אונדזערע כאוויירימ לויט דער ארבעט אונ קאמפּ!

פּרייד, אנציקונג אונ שטאָלצ פילנ אָנ אונדזערע הערצער. איכ קוק זיכ ארומ אונ זע, אז פּרייד איז אָנגעשריבנ אפ אלעמענס פּנעמער.

די מוטער לאָזט ניט ארויס מײַנ האנט.

— יאשינקע! מײַנ זונ! — זאָגט זי צו מיר. — אָט דאָס איז גליק!..

יאָ, מיר זײַנענ גליקלעכע מענטשנ. דאָס האָט אויסגעצייכנט אויסגעדריקט שמידט הײַנט אפנ מיטינג, ווענ אונדזערע שיפנ האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער מאָסקווער ערד. זײַנע ווערטער האָבנ אָפּגעשפּיגלט דאָס, וואָס עס האָט געפילט אונ געטראכט אונדזער גאנצער קאָלעקטיוו.

— מיר זײַנענ אומענדלעכ גליקלעכ צו ראפּאָרטירנ דעמ כאווער סטאלינ, דעמ צענטראל=קאָמיטעט פונ אונדזער פּארטיי, דער סאָוועטישער רעגירונג אונ אונדזער גאנצנ גרויסנ גליקלעכנ לאנד, אז די סטאלינישע אופגעבונג איז אויסגעפילט. מיר האָבנ אפנ צאָפנ=פּאָליוס אויסגעפילט אונדזער אופגאבע, האָבנ זיכ אומגעקערט הײַנט אהער לעבעדיקע אונ אפ לעבעדיקע עראָפּלאנענ!

— דער צאָפנ=פּאָליוס וועט דינענ דער מענטשהײַט. שטעלנ דעמ צאָפנ=פּאָליוס צו דינסט דער מענטשהײַט האָט געקאָנט גאָר אונדזער ראטנפארבאנד...

— די ארבעט אינ דער ארקטיק איז נאָכ ניט פארענדיקט עס איז געלייגט געוואָרנ זייער אנ ערנסטע באזע, אָבער מע דארפ נאָכ א סאכ אופטאָנ. מיר ווייסנ, אז אויכ אינ אונדזער ווײַטערדיקער ארבעט וועלנ מיר פילנ פונקט אזא אונטערשטיצונג מיצאד דעמ גאנצנ לאנד,

פונקט אזא קלוגשאפטלעכע אָנפירונג מיצאד אונדזער רעגירונג, מיצאד אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט פונ דער פארטיי. מיר וועלנ זיכ אַלע אָפגעבנ דער וואָכעדיקער ארבעט, קעדיי ארויסצובאקומענ די גייטיקע נוצנ פונ דעמ טראָט, וואָס מיר האָבנ געמאכט. מיר וועלנ דערפירנ די זאכ בײַזנ סאָפ. דער פאָליומ וועט ווירקלעכ געבנ דאָס אלצ, וואָס די נאטור קאָנ געבנ דער באפרייטער מענטשהייט. די גאראנטיע דערפונ איז דאָס, וואָס מיר האָבנ געארבעט, מיר ארבעטנ אונ וועלנ ארבעטנ אונטער דער אָנפירונג פונ דעמ באוווּער סטאלינ.

אינהאלט

זייט

אדיע, מאָסקווע!

געדולד — א טוגנט פונ א פּאָליאַר־פּאָרשער. גאָלאָווינס סטארט. מיר פארלאָזנ מאָסקווע. די ערשטע אראָפּנידערונג 3

אינ לאָמאָנאָסאָווס היימלאנד

די פאפּאנינצעס בא דער ארבעט. דאָס לעצטע מאָל באמ פאריקמאכער. דער פרילינג שטעלט שטעקנס אינ די רעדער. דער קורס אפ נאריאנ־מאר 10

וויאזוי מיר זיינענ אוועקגעפלויגנ פונ נאריאנ־מאר

די פּאָליארע שטאָט נאריאנ־מאר. דער פּלאנ פונ דער פּלי־אָפּעראציע. מירווארטנ אפ א גוטנ וועטער. אפ צאָפנ 24

זעקס טאָג אפנ אינדזל נאָוואיא זעמליא

איבערנ בארענצ־יאמ. פאר וואָס האָט מענ ליב די ארקטיק. דער ערשטער שניי־שטורעמ. איכ גיי איבער אפ אלעקסייעווס מאשינ. באלד איז דער אינדזל רודאָלפ 45

די אוויא־באזע אפ דער 82־טער פּאראלעל

דער שליסל צומ צאָפנ־פּאָליוס. א פארמעסטונג־געיעג אפ לידזשעס. איכ פלי אינ דער בוכטע טיכאיא. א מאטאָגנע אָטאָ יוליעוויטשנ 61

זײַט

די אויסשפּירער אינדערלופטן

װוּ איז ספּירינ? לאַטיגינ און סטאַראָזשקאָ לאָזנ זיכ אימ זוכנ. דער ערשטער מײַ אפנ אינדזל רודאָלפּ. מײַנע פליִענ מיט דזערדזוע־יעװסקינ 73

די געשעענישנ אנטװיקלענ זיכ

גאַלאָװינ פליט צומ פּאָליוס. מאזורוק פארפּולקומט די ליזשעס. דער שעפ פונ אעראָפּאָרט — דזערדזיעװסקי. מיר פליִענ ארויס העלפנ קרוזענ. „פּ—5” האָט זיכ אומגעקערט אהיימ 86

מ׳יר שטורעמענ דעמ פּאָליוס

א כוידעש אפנ אינדזל רודאָלפּ. דזערדזיעװסקי זאָגט צו א גוטנ װעטער. דער פלאגמאנ איז ארויסגעפלויגנ צומ פּאָליוס. דער פּאָליוס איז אונדזערער! א ראפּאָרט דעמ כאװער **סטאלינ**. מיר פליִענ ארויס צומ פּאָליוס 111

די סטאנציע „צאָפנ־פּאָליוס”

מיר פליִענ אריבער אינ לאגער. װוּ איז מאזורוק? דער בוינוג־פיבער. מיר הערנ מאָסקװע. די טעלעגראפנ־אגענטור „צאָפנ־פּאָליוס” 129

די פּאָליארע אָפּעראציע איז פארענדיקט

מאזורוק איז געקומענ אינ לאגער. דער געזעגענונגס־מיטינג. די סאָװעטישע פלאגנ איבערנ פּאָליוס. דאָס אײַז־פעלד נומ. 3. גאָלאָװינ ברענגט בענזינ. װידער אפנ אינדזל רודאָלפּ 151

מ׳יר קערנ זיכ אומ אפנ קאָנטינענט

„סאדקאָ” איז ארויס אינ יאמ. די עסקאדרע פליט ארויס אפנ קאָנטינענט. איבער דער באקאנטער טראסע. דער אעראָדראָמ אינ אמדערמע. מיר זײַנענ אפנ קאָנטינענט 168

זייט

אפנ וועג קיינ מאָסקווע

דאָס ערשטע פערד. מיר ריידנ מיט מאָסקווע. די באגעגעניש מיט „סאדקאָ״. מיר געזעגענענ זיכ מיט אמדערמע. די באגעגעניש אינ ארכאנגעלסק. „דער טאָגבוכ פונ קאפיטאנ סקאָט״ 185

די סטאלינישע אופגעבונג איז אויסגעפילט

א נאכט פאר מאָסקווע. די עסקאדרע איבער דער הויפטשטאָט. אונדז באגעגנט סטאלינ. אָטאָ יוליעוויטש שמידטס ראפּאָרט. אינ קרעמל. דער צאָפנ-פּאָליוס וועט דינענ דער מענטשהייט 195

Редактор—Б. Котик.
Техредактор—А. Фридкин.
Корректор—Л. Кенигсберг.

Сдано в набор 7/II-1938 г.
Подписано к печати 16/III-1938 г.
«Эмес» № 20. Ф. б. 84×108 1/32. 13 п. л.
Уч. авт. л. 11. Цена 3 руб. 25 коп.
Переплет 1 руб.
Уполном. Главлита РСФСР Б—39820.
Тираж 3 000.

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва,
Покровка, 9. Заказ № 289.